י. י. טרונק

# פוילן

זכרונות און בילדער

י. י. טרונק

# פוילן

## זכרונות און בילדער

פינפט בוך

פרץ

[illegible]

פארלאג „אונזער צייט"
ניו־יארק, 1949

J. J. TRUNK

# POILN

BOOK FIVE

Copyright 1949
by
FARLAG UNSER TSAIT

Published by
FARLAG UNSER TSAIT
175 E. Broadway, New York 2, N. Y.

Printed in U. S. A.

Printed by
GRENICH PRINTING CORP.
New York City

שלמה מענדעלסאָנען

אין ליכטיקן געדעכעניש

# אינהאַלט


זייט

קאַפּיטל איינס

העברעאיש — די שפּראַך פון די טרונקס, יידיש — די שפּראַך פון די גזשיוואַטשעס — — 13

קאַפּיטל צוויי

מנחם דער פּיאָנער — — — 21

קאַפּיטל דריי

פרישמאַן און פּרץ — — — 29

קאַפּיטל פיר

אין דער יידישער ליטעראַטור קוקט מען אויס דעם נאַטוראַ-ליזם — — — — — — 37

קאַפּיטל פינף

שמעון קראַטקע דערציילט פון קונסט און פון ארץ-ישראל 45

קאַפּיטל זעקס

מאָטשעס הלבשה — — — — — 55

קאַפּיטל זיבן

פּרץ און יעקב דינעזאָן — — 65

קאַפּיטל אַכט

לוציאַן — — — — — — —

זייט

קאַפּיטל ניין

פּרץ וועגן רייזינען — — — 79

קאַפּיטל צען

„דער יוד" — — — — — 85

קאַפּיטל עלף

„אײַלט זיך ניט, טרונק" — 93

קאַפּיטל צוועלף

די זאַמלביכער „יידיש" — — 101

קאַפּיטל דרייצן

„די קאָזע" — — — — — — 109

קאַפּיטל פערצן

שלום עליכמס באַציאונג צו פּרצן — — — — — — 117

קאַפּיטל פופצן

קאַפּולעט און מאָנטאַגאָ — — 125

קאַפּיטל זעכצן

ר' יעקב וואָידיסלאַווסקי וויל זיך נישט פאַרלאָזן בלויז אויפן בלינדן מזל — — — — — — 133

זייט

קאפיטל זיבעצן

ווארשעווער גבירות'שאפט אין
לאדזש — — — — — — — 143

קאפיטל אכצן

די חשובע שאטענעס פון ווארשע איבער די לאדזשער ביא-
לערס — — — — — — — 149

קאפיטל ניינצן

ווער קאן וויסן די וועגן פון
דער ליבשאפט? — — — 157

קאפיטל צוואנציק

די צייט לויפט ווי א פאדים
אויף א שפיגראד — — — 163

קאפיטל איין און צוואנציק

רחלע כאפט פעטש — — — — 169

קאפיטל צוויי און צוואנציק

לאדזש א שטאט פון קינסטלער
און פאנטאסטן — — — — — 177

קאפיטל דריי און צוואנציק

אונטער די לאמטערנעס — — 125

קאפיטל פיר און צוואנציק

וועגעטאריש בחזקת הכשרות — 191

קאפיטל פינף און צוואנציק

די „וועגעטא" און די קינדער
פון די מוזעס — — — — — 197

קאפיטל זעקס און צוואנציק

פרץ אין לאדזש — — — — — 207

זייט

קאפיטל זיבן און צוואנציק

מיט פרצן אין זיידן ברוכ'ס
קאטש אויף די דלוטאווער
וועגן — — — — — — — 217

קאפיטל אכט און צוואנציק

כ'גרייט מיך ארויסצוגעבן מיין
ערשט ביכל נאוועלן און
כ'גרייט מיך צו פארן קיין
ארץ-ישראל — — — — — — 223

קאפיטל ניין און צוואנציק

דער מיטללענדישער ים — — 231

קאפיטל דרייסיק

די ברעגעס פון מצרים טויכן
אויף אין די האריזאנטן — 235

קאפיטל איין און דרייסיק

די טונקעלע גרינע לאנדשאפטן
פון חומש — — — — — — 239

קאפיטל צוויי און דרייסיק

דאס אלטע מצרים אין שלאף
פון דער פארגאנגענהייט — 245

קאפיטל דריי און דרייסיק

אין די פינצטערע מצרישע נעכט 251

קאפיטל פיר און דרייסיק

אויף לבנהדיקע איינזאמקייטן
צווישן וואסער און הימל — 257

קאפיטל פינף און דרייסיק

דאס לאנד כנען — — — — — 261

זייט

קאַפּיטל זעקס און דרייסיק

גענאַנג צו דער שטאָט ירושלים 264

קאַפּיטל זיבן און דרייסיק

די ערד איז אַ ערפאָרכטיקער
שטערן — — — — — — — 277

קאַפּיטל אַכט און דרייסיק

צפת — ירושלים של מעלה 285

זייט

קאַפּיטל ניין און דרייסיק

עס איז נישט קיין ליכטער
וועג קיין צפת — — — — — 291

קאַפּיטל פערציק

דער גרויסער מקובל פון ארץ-
ישראל — — — — — — — 295

קאַפּיטל איין און פערציק

ווין — — — — — — — 303

# קאַפּיטל איינס

העברעאיש — די שפּראַך פון די טרונקס, יידיש — די שפּראַך פון די גזשיוואַטשעס. דאָס צווייטע מאָל צו פּרצן. יעקב דינעזאָן. איך זע דאָס ערשטע מאָל די יינגערע יידישע שריפטשטעלער.

צוגלייך מיט העברעאיש האָב איך אויך געשריבן יידיש. נישט מער, וואָס מיינע יידישע שריפטן האָב איך נישט באַטראַכט ווי די אייגנטלעכע זאַכן פון מיין איבערלעכן יום־טוב. אין העברעאיש האָב איך געגלויבט אויסצודריקן מיינע געדאַנקלעכע שטימונגען, מיינע חשבון־הנפשס און דעם טעמפעראַמענט פון מיינע באַטראַכטעניש. אין יידיש האָב איך גיכער געשריבן זאַכן פון מיין סביבה און איבערהויפּט פון דעם נאַטור־געפיל וואָס איז אין מיר פון תמיד וואַך געווען, — מחמת איך האָב מיינע קינדער־יאָרן פאַרברענגט אויפן דאָרף און שפּעטער האָב איך דאָרט פאַרברענגט גאַנצע חדשים פון מיין לעבן. מיט יידיש — האָט זיך מיר אויסגעדוכט — קומען אַרויס פון מיין נשמה אָט די אַלע שמעקנדיקע פעלדער, לאָנקעס און סעדער צווישן וועלכע איך בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן. אין העברעאיש שווימט אין מיר צוריק אויף די גמרא און דער אינטעלעקט פון מיין פאָטערס משפחה. העברעאיש איז געווען די שפּראַך פון די טרונקס. יידיש — די שפּראַך פון די גושיוואַטשעס און פון זיידע ברוך.

גייענדיק מיטן פעטער יאָסל צו פרצן איז מיר דעריבער אויסגעקומען דאָס ריכטיקסטע דווקא זיך צו ווייזן פאַר אים פון דער זייט פון מיין אינטעלעקט. כ׳האָב מיטגענומען בלויז מיינע העברעאישע כתבים. דער פעטער יאָסל, וויפל ער האָט פיינט געהאָט רבנים און גמרא, און וויפל ס׳האָט אים נישט געוואָלט אימפּאָנירן די האָוועדישע פּראַקטיקייט פון די לאָמס — אין תוך איז ער פאַרבליבן אַן אינטעלעקטועלער טרונק און ר׳ יהושיעלע קוטנערס אַן אייניקל. ער האָט זיך נאָר גערעכנט מיט

מיינע העברעאישע דערגרייכונגען. יידיש האָט ער געהאַלטן פאַר אַן ענין פון דער עם־הארצישער מאַסע. ער איז געווען משכיל דורך און דורך. וואָס וועל איך דאָ קומען צו פּרצן מיט יידיש ווען איך שרייב אַזאַ פיינעם העברעאיש און קאָן מיך דאָרט אויסדריקן געדאַנקלעך און אינטעלעקטועל. וואָס וועל איך פּרצן דערציילן פון פעלדער און סעדער ווען איך קאָן אים ווייזן עפּעס בעסערס און עפּעס העכערס.

דאָס צווייטע מאָל גיין צו פּרצן און אים ברענגען — ווי ער האָט מיך געהייסן — מיינע כתבים אויף יידיש, האָב איך שוין געמוזט טאָן אליין און אויפן חשבון פון מיין אייגענעם מוט. עס איז מיר שווער אָנגעקומען און איך האָב עס פאַרצויגן פון טאָג צו טאָג. נאָך אַמאָל שרייבן קיין לובלין צום פעטער יאָסל אַז ער זאָל קומען און מיט מיר ווידער אַמאָל גיין צו פּרצן האָב איך נישט געקאָנט. איך האָב מיך געשעמט פאַר מיר אליין צו זיין אַזוי אומבאַהאָלפן און איך האָב מורא געהאַט אויסצוקומען לעכערלעך פאַר פּרצן. אָבער וואָס מער איך האָב אָפּגעלייגט מיין אַרויפגיין צו פּרצן אַלץ מער האָט זיך מיר אויסגעדוכט אַז ער האָט מיך שוין פאַרגעסן און ער וועט מיך נישט דערקענען און אָפּפאַרטיקן ביי דער טיר. איך האָב פאָרט געמוזט מנצח זיין אין מיר אַלע שרעקן און מוטלאָזיקייטן און ענדלעך באַשלאָסן — וואָס עס זאָל נישט געשען — מוז איך אַליין נעמען מיין גורל אין דער האַנט און מאַכן דעם דעצידירנדיקן שריט.

אַרויפגייענדיק צו פּרצן האָבן זיך אין מיין געמיט נאָך אַמאָל איבערגעחזרט די אַלע בילדער פון דעם ערשטן וויזיט. די שטיינער און די הייזער אויף דער גאַס זיינען מיר געקראָכן אין די אויגן אַריין. צוקומענדיק צו עק צעגלאַנע און געזען דעם פאַבריק־קוימען און דאָס גרויסע קאַזאַרמע־הויז וואו פּרץ וואוינט, האָט מיר אָנגעהויבן צו פאַרפעלן מוט און אָטעם. כ׳האָב מיך אָפּגעשטעלט. כ׳האָב געוואוסט, אַז אויב נישט איצט איז שוין קיינמאָל נישט. כ׳האָב צוזאַמענגענומען מיין גאַנצע ענערגיע, און אָט בין איך שוין געשטאַנען פאַר פּרצעס טיר און אַ צי געטאָן פאַרן גלאָק.

כ׳האָב ווידער געהערט ווי עס שליסט זיך די טיר פון אינעווייניק. די טיר האָט זיך געעפנט. אויף דער שוועל איז ווידער געשטאַנען י. ל.

פרץ אין דער סאַמעטענער קורטקע און אין די אויף דער העלפט־איבער־געשניטענע בינאָקלעס.

איך האָב מן־הסתם געמוזט זיין זייער ווייס אויפן פנים. פרץ האָט זיכער באַמערקט מיין גרויסע אינערלעכע דערשראָקנקייט. ער האָט זיך צו מיר זייער פריינטלעך אויסגעשמייכלט. —

— פאַרוואָס האָט מען איך נישט געזען ביז איצט, טרונקע? — האָט ער געזאָגט. — קומט אַריין און טוט זיך אויס דעם פּאַלטן. איר האָט עפּעס געברענגט אויף ידיש?

דערזעענדיק אַז פרץ האָט מיך דערקאָנט און ער האָט געדענקט אַפילו מיין נאָמען זיינען אַלע שווערע שטיינער מיר אַראָפּגעפאַלן פון האַרץ.

פרץ האָט געוואַרט ביז איך האָב מיר אויסגעטאָן דעם פּאַלטן. דאַן האָט ער מיך אַריינגעפירט אין זיין קאַבינעט.

דער שרייב־טיש איז ווידער פול געווען מיט בלומען און געוויקסן. נישט מער, וואָס ביים טיש איז געזעסן אַ דריבנע מענטשעלע מיט אַ גראָען קאָפּ און מיט אַ גראָ בערדל. ער איז געווען זייער פאַרטיפט אין מאַכן פּאַפּיראָסן.

— דאָס איז יעקב דינעזאָן, — האָט פרץ געזאָגט, — שטעלט זיך פאָר. — יעקב דינעזאָן האָט אויפגעהערט צו מאַכן פּאַפּיראָסן און זיך אויף מיר אומגעקוקט. איך בין געווען ביי אים אַ פנים־חדשות, אַ יונגער־מאַן אין אַ לאַנגער יידישער קאַפּאָטע. איך האָב מיט גרויס ערפורכטיקייט אָנגעקוקט יעקב דינעזאָנען. אָט־אָ דאָס דריבנע גראָע מענטשעלע איז דער באַרימטער מחבר פון „שוואַרצן יונגנמאַנטשיק" און פון „יאָסעלע", אַ ביכל ביי וועלכן איך האָב פאַרגאָסן טייכן מיט טרערן. מיין מאַמע האָט זיך דערביי צעוויינט אויפן הויכן קול. דער האַרטער זיידע ברוך האָט זיך לייענענדיק צעהעשעט אין בעט און געזוכט אַ שטעקן צו דערלאַנגען בערלען דעם אַכזריותדיקן מלמד. פּרצעס שטוב האָט ביי מיר אָנגעהויבן אויסצוזען ווי אַ לעגענדע אין וועלכער עס דרייען זיך אַרום די פּערזאָנען פון מיינע העכסטע פאַרשטעלונגען. פרץ האָט באַלד צו אים געזאָגט:

— דאָס איז דער יונגערמאַן פון וועלכן איך האָב דיר דערציילט. אַלטער. ס'וועט אפשר פון אים עפּעס זיין. דאָ האָט ער זיך ווידער גע־וואַנדן צו מיר:

— זעצט זיך אַוועק צום טיש און ווייזט וואָס איר האָט.

איך האָב אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ קליינע נאָוועלע און אים דערלאַנגט. ס׳איז געווען אַ דערציילונג פון אונזער דאָרף דלוטאָוו. די דערציילערישע פאַבולע איז נאָך געווען אַ צעשוואומענע און שלעכט־קאָנסטרואירטע. דער עיקר זיינען דאָרט געווען די לאַנדשאַפטלעכע מאָטיוון. אויף אַ סענטימענטאַלן אופן האָב איך געשילדערט די דלוטאָווער לאַנקעס.

פרץ האָט געלייענט און געמישט די בלעטער. ער האָט מיר געזאָגט עטלעכע קאָמפּלימענטן און אַז הגם די זאַך האָט אַ סך חסרונות פונדעסטוועגן געפעלט זי אים זייער. ער ראָט מיך דווקא פּרוּוון שרייבן ענלעכע זאַכן. ער גלויבט אַז דאָס איז מיין וועג אויף וועלכן איך וועל עפּעס דערגרייכן. פון אייך וואַקסט אַ שעפער־ (פאַסטוך) דיכטער" — אַזוי, געדענק איך, האָט זיך פרץ דעמאָלט אויסגעדריקט. דערביי האָט ער גענומען אַ פעדער, געפּרוּווט קאָרעגירן אַ סך זאַצן און אויסצוטוישן אַ סך ווערטער און אויסדרוקן. פרץ האָט דאַן געהאַלטן אַז אין יידיש דאַרף מען אויסבייטן די סלאַווישע ווערטער אויף דייטשע. וואו איך האָב געשריבן „לאַנקע" האָט עס פרץ איבערגעמאַכט אויף „וויזע". מיט פיל דערמונטערונג האָט פרץ מיר צוריק געגעבן דעם מאַנוסקריפּט און געזאָגט צו יעקב דינעזאָנען — וועלכער איז געזעסן און כסדר געמאַכט פּאַפּיראָסן — ער האָפט אַז פון מיר וועט עפּעס ווערן. (יעקב דינעזאָן האָט די פּאַפּיראָסן געמאַכט פאַר פרצן, מחמת דינעזאָן אַליין האָט קיינמאָל נישט גערויכערט). שרייבט ווייטער און ברענגט מיר אַרויף צו וויזן, האָט זיך פרץ צו מיר געוואַנדן. דאָס פּנים האָט מיר געשטראַלט פון גליק. איך האָב געמיינט אַז מיין אוידיענץ האָט זיך פאַרענדיקט. איך האָב מיך אויפגעהויבן פון דער שטול זיך צו געזעגענען מיט פרצן און אַוועקצוגיין. פרץ אָבער האָט געזאָגט אַז איך זאָל נאָך נישט אַוועקגיין און בלייבן ביי אים און טרינקען צוזאַמען קאַווע. איך האָב געמיינט אַז מען וועט די קאַווע אַריינברענגען אין פרצעס קאַבינעט. פרץ און דינעזאָן האָבן זיך אויפגעשטעלט און מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין דער קיך. אויפן וועג האָט דינעזאָן צו מיר שוין גערעדט מיט אַ היימישקייט ווי איך וואָלט געווען פון דער משפּחה און מיר צוגעגעבן מוט און דערמונטערונג ווייטער צו שרייבן און וויזן מיינע זאַכן פרצן. פרצעס קיך איז געווען אַ טונקעלע. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש. פרץ האָט היימישלעך און וויציק געזאָגט

צו דער דינסט — א דיקע עלטערע גויע וואס האט ביי פרצן שוין גע־
האט געדינט פון כמה יאָרן און זי האט זיך געפילט ווי פון דער שריי־
בערישער משפחה — אז זי זאָל דערלאַנגען קאווע, און געוויזן אויף מיר
און געזאגט אז דער דאזיקער יונגערמאַן איז א נייער מענטש וואס וועט
פון איצט אן אלע מאָל קומען. זי מוז לכבוד מיר מאַכן ספּעציעל גוטע
קאווע.

איך בין מודה עס איז מיר אויסגעקומען מיט נויט־שווייס צו טרינקען
די גוטע און שמעקעדיקע קאווע ביי פרצן. איך האב געוואוסט אז די מילך
איז נישט קיין כשרע.

באַלד האבן זיך געהערט עטלעכע שארפע קלינגען ביי דער טיר.
פרץ איז געגאַנגען עפענען. אין קאָרידאָר האבן זיך דערהערט צוויי נייע
שטימען. איינע איז געווען א הויכע און א זינגענדיקע און האט צו פרצן
גערעדט מיט פיל היימישקייט. די אנדערע איז געווען א שטילע און א
פישטשענדיקע. פרץ איז באַלד צוריק געקומען; אין קיך אריין צוזאַמען
מיט צוויי יונגע מענטשן. ער האט זיי פאַר מיר פאָרגעשטעלט. איינער איז
געווען מנחם און דער אנדערער ש. ל. קאווע. זיי האבן זיך צוגעזעצט צום
טיש, דערביי האט מנחם כסדר גערעדט אויף א זינגענדיקן און לייכטן
ליטווישן דיאַלעקט. זיין סוף־זאץ האט זיך ווי עפּעס תמיד אויסגעלאָזט
אויף אַרויף. די דיקע גויע פרצעס דינסט, האט דערלאַנגט נייע גלעזער
מיט קאווע. איך האב מיך געפילט אין זיבעטן הימל צו זיצן ס׳ערשטע
מאָל אין מיין לעבן אין א סביבה פון יידישע שרייבער.

## קאַפּיטל צוויי

מנחם דער פּיאָנער. פֿאָלקסלידער. קאַווע. אַ סך פּסעוודאָנימען. אַ וואָלקנקראַצער. קאַווע שפּילט שאַך מיט פּרצן. ווײַ צו די פֿאַקטן.

דער נאָמען פון מנחמען איז מיר געווען גוט באַקאַנט. ער האָט גע־הייסן דאָס מוזיניקל אין דער יידישער שרייבער־משפחה. אַלע האָבן זיך מיט אים געצאַצקעט. אין דער יידישער ליטעראַטור האָט מנחם דער ערשטער אַריינגעברענגט די פאָרם פון מאָדערנער דעקאַדענטישער דיכ־טונג. ער איז געווען דער פּיאָנער פון יענער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע וואָס איז שפּעטער אַזוי אויסגעוואַקסן אין אַמעריקע. זיינע פּאָעמען „קדוש" און „שוואַרצע רויזן" זיינען פאַר דעם יידיש־לייענער געווען אַ גרויסע רעוועלאַציע. דער לייענער האָט דערזען נייע בילדער און געשטאַלטונגען אויף די פליגלען פון דער יידישער שפּראַך. דיכטונג־פאָרמען צו וועלכע ער איז גאָר נישט געוואוינט געווען. מנחם האָט געפּרואווט דער יידישער שפּראַך צו געבן אַן איראַציאָנעלע וויזיע, אַ וויזיע בלויז אין די קלאַנגען פון אירע שפּראַך־מעגלעכקייטן. עס איז געווען אַ געוואַלטיקער אויפטו. ווען מנחם האָט זיך באַוויזן אין דער יידישער ליטעראַטור איז די יידישע פּאָעזיע נאָך ווייט געווען פון אַלע געוואַגטע פאָרם־עקספּערימענטן, — הגם זי האָט שוין געהאַט אַזעלכע גרויסע דיכטער ווי אברהם רייזען, מאָריס ראָזענפעלד און יהואש. די מאָטיוון און פאָרמען פון דער יידישער דיכטונג האָבן נאָך באַלאַנגט צו דער קלאַסישער שול. אַפילו יהואש — הגם נייער און געוואַגטער אין מאָטיוון — האָט זיך דאָן נאָך היפּש גע־האַלטן אין דער קלאַסישער פאָרם. אין דעם פּרט פון וואָגן מיט פאָרם און בילד האָט מנחם בשעתו געמאַכט אַ גרויסע רעוואָלוציע. אין יעדער רעוואָלוציע אין דער יידישער ליטעראַטור האָט פּרץ געזען ווי עס עפענען זיך פאַר איר נייע פּערספּעקטיוון און נייע מעגלעכקייטן. די

וואָסערן פון יידישן שאַפן וועלן גרעסער און מעכטיקער ווערן מיט דעם וואָס אין זיי וועלן זיך אַריינגיסן וואָס אַמאָל נייערע און פרעמדערע קוואַלן. פּרץ האָט אויף מנחמען אַ סך געהאַפּט, יעדע האָפענונג אויף אַ שרייבער האָט זיך ביי פּרצן באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ ליבשאַפט. ער האָט מנחמען זייער ליב געהאַט.

מנחמס יוגנטלעכקייט איז געווען זייער אַ לעבעדיקע, אַ לוסטיקע און אַ פריילעכע. ער איז געווען אַ שיינער טונקעלער בחור מיט אַ שטענדיקן שמייכל אויפן פּנים. ער איז געווען אַ שטיק באָהעמיען און גאָר אַן אַנדערער ווי איך האָב אים מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר שפּעטער גע־טראָפן אין אַמעריקע. אין אַמעריקע איז ער געוואָרן באַלעבאַטישער. אין יענע צייטן אין וואַרשע ביי פּרצן האָט מנחם אין זיך גאָר נישט געהאַט פון מיושבדיקער סטאַטעטשנעקייט. ער איז געווען דאָס צעבאַלעוועטע מוזיניקל צווישן דער שרייבערישער משפּחה, פּונקט ווי ער האָט אין דער דיכטונג געטאָן קאַפּויער אַלע אָנגענומענע נוסחאות. ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט צווישן דער יידישער אינטעליגענץ געזונגען פאָלקס־לידער און געוויזן די חנען פון דער יידישער פאָלקס־פּאָעזיע — הגם אַזעלכע לידער האָבן דאַן נאָר געזונגען שניידער־יונגען און דינסט־מיידן. ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל געהערט ווי אַ חשובער יידישער שרייבער זינגט די זעלבע לידלעך וואָס די דינסט־מיידן ביי אונז אין קיך, האָב איך מיינע אויערן נישט צוגעגלויבט. ווי קומען אַזעלכע פּראָסטע גראַמען און מאָטיוון אַריין אין דעם היכל פון דער פּאָעזיע? עס זיינען זיכער געווען די פאַרדינסטן פון דער רעוואָלוציאָנערער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט אָנגעהויבן צו דערהויבן די יידישע פאָלקס־מאַסע און זי געוואָלט אַוועקשטעלן אויף די פאָדערגרונטן פון דער געשיכטע. איך ווייס נישט צי מנחם האָט דאַן געהערט צו אַ פּאַרטיי. ווען ער וואָלט אפילו יאָ באַלאַנגט צו אַן אַרבעטער־פּאַרטיי וואָלט איך עס נישט געוווּסט. פּאַרטיי־מיטגלידער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען גע־ווען שטאַרק פאַרקאָנספּירירט. מנחם איז אין אַ סך זאַכן געווען דער ערשטער, און איך גלויב אַז זיינע פּיאָנערישע פאַרדינסטן פאַר דער יידי־שער קולטור זיינען נאָך ווייניק אָפּגעשאַצט געוואָרן. ער איז אויך געווען דער ערשטער וואָס האָט אין דער יידישער פּרעסע אַריינגעפירט די טעאַ־טער־רעצענזיע און מיט דעם געשאַפן דעם גייסטיקן קאָנטאַקט צווישן

דער וואַקסנדיקער יידישער קולטור מיטן יידישן טעאַטער. עס איז געווען מצד מנחמען אַ באַדייטנדיקע קולטור־טאַט. ערשט שפּעטער איז געקומען ד״ר א. מוקדוני און האָט דאָס דאָזיקע קולטור־ווינקל ברייטער און אויס־פירלעכער אויסגעבויט.

ש. ל. קאַווע, וואָס איז אַריינגעקומען צו פּרצן צוזאַמען מיט מנחמען, איז געווען גאָר אַן אַנדערער טיפּ. ער איז געווען אַ קליינער און אַ דראַב־נער און זייער אַ מיאוסער. דערצו האָט אַן אומגליקלעכע אָפּעראַציע אים היפּשלעך אויסגעקרימט די גאָמבע און איינע פון זיינע באַקן איז געווען אַ צעשניטענע און אַ פּאַרלאַטעטע. פון קאַווען האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געהערט. קודם־כל האָט ער דעמאָלט נאָך געהאַט זייער ווייניק פאַרעפנטלעכט. אויך דאָס ווייניקע האָט ער פאַרעפנטלעכט אונ־טער פאַרשידענע פּסעוודאָנימען. דאָס שפּילן זיך מיט פּסעוודאָנימען האָט געהערט צו זיין טבע. ער האָט געהאַט וועגן זיך גוואַלטיק גרויסע מיינונגען און איז געווען זיכער ווי דער טאָג אַז אויף יעדער קלייניקייט וואָס ער שענקט דער וועלט פון זיין וויסן און זיין טראַכטן וואַרט זי, די וועלט, מיט דעם גרעסטן אומגעדולד. די וועלט איז נישט קראַנק צו וויסן ווער עס איז די פּערזאָן וואָס שטייט הינטער די אַלע פּסעוודאָ־נימען. אַט־אָ־די געהויבענע מיינונג וועגן זיך האָט זיך אויסגעדריקט אין אַלע זיינע באַוועגונגען, אין אַלע זיינע תנועות, און אין דעם גאַנצן אופן פון זיין באַנעמען זיך. די אויטאָריטעט־מאַניע פון קאַווען האָט זיך נישט באַגרענעצט אויף ספּעציעלע געביטן. זי איז ממש געווען אַלוועלטלעך. ס׳איז נישט געווען קיין געביט אויף וועלכן קאַווע האָט זיך נישט געהאַלטן פאַר קיין מומחה און אַלעמען באַלערנט און געוויזן זייער אומוויסנקייט. אַפילו וועגן געיעג־פערד און דועלן האָט קאַווע געוויזן זיין בקיאות, הגם ער האָט געשטאַמט פון דעם קליינעם שטעטל קאַצק און געוואוינט צווישן דער יידישער אָרעמקייט אויף קראַכמאַלנע. און הגם ער איז געווען אַ ווינ־ציקער און נישט קיין שיינער, האָט ער אַפילו וואָס שייך מענלעכקייט און דערפאָלג ביי פרויען געהאַלטן אַלעמען פאַר מלופּם־קינדער און גע־הייסן זיי ביי אים, קאַווען, זיך לערנען. הכלל ער איז געווען אַ לעבע־דיקע אַרומגייענדיקע ענציקלאָפּעדיע, אַ מוסטער־מענטש צו וועלכן אַלע — אויב זיי האָבן נאָר שכל — דאַרפן אַרויפקוקן ווי צו אַ גייסטיקן ריז.

עס איז נישט צו פאַרלייקענען: קאַווע איז געווען אַ מענטש מיט פיל

ליטעראַרישן געשמאַק און געהאַט אייגענע אָריגינעלע געדאַנקען. אָבער ער האָט כסדר איבערגעטריבן וועגן זיך, וועגן זיין וויסן און געהאַלטן אַלעמען פאַר האַלבע עמי־הארצים. קיינער קומט נישט צו זיין מינדסטן נאַגעלע. און דאָס אויף אַלע געביטן. דאָס האָט אים אַליין אַרונטערגעריסן און געמאַכט קאַמיש. די דאָזיקע גרויסקייט־מאַניע זיינע האָט אויך גורם געווען וואָס ער האָט זיך תמיד אַרומגעטראָגן מיט געוואַלטיקע ליטעראַ־רישע פּלענער. און דאָס אויך אויף אַלע געביטן. קיין קלענערע, אויב נישט רעוואָלוציע־אַרבעטן זיינען אים גאָר נישט אָנגעשטאַנען צום כבוד. קאָווע האָט זיך כסדר געגרייט צו עפּאָכע־מאַכנדיקע ווערק וואָס דאַרפן אַלצדינג אין דער געדאַנקען־וועלט איבערדרייען מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף און וויזן דער וועלט ווער עס טראַכט וועגן איר. די גרויסע „פּלענער" האָבן אויפגעפרעסן זיינע פעאיקייטן און אַלע זיינע מעגלעכקייטן עפּעס צו דערגרייכן. צו טאָן דאָס צו וואָס קאָווע האָט זיך „פּאַרנומען" האָט מען געדאַרפט זיין אַ שעקספּיר, אַ קאַנט און נאָך עטלעכע וועלט־גאונים צוזאַמען. דער בנין וואָס איז געגוג ווירדיק אַז קאָווע זאָל זיך דאָרט אַרויפשטעלן אויפן דאַך האָט געמוזט האָבן אַזאַ מאָנומענטאַ־ליטעט וואָס דערוויייל, אַחוץ דעם באַרימטן טורעם פון בבל, האָט עס נאָך קיינער נישט געמאַכט.

אַ פּסיכאָאַנאַליטיקער וואָלט גרייִלעך דערקלערט דעם שייכות צווישן די קנאָפּע מאָנסבילשע רייצן פון קאָוועס פיזיאָגנאָמיע און פיגור מיט דער געוואַלטיקער מיינונג וועגן זיך און זיינע פעאיקייטן וואָס קאָווע האָט מיט דער גרעסטער האַפערדיקייט אַלעמען געטראָגן אין די אויגן אַריין. אי־בער זיין פיזישער מינדערווערטיקייט האָט זיין געקרענקטקייט אויפגעע־שטעלט אַן אמתן וואָלקנקראַצער פון קאָמפּענסאַטאָרישע אַמביציעס. וועגן זיינע צוקונפטיקע ווערק האָט ער גערעדט ווי וועגן זאַכן וואָס זיינען שוין אָנגעשריבן געוואָרן און וועלכע האָבן שוין אַלע פילאָזאָפישע, עס־טעטישע און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון דער וועלט געשטעלט אויפן קאָפּ — און די וועלט רייבט זיך די אויגן און קאָן גאָר נישט קו־מען צו זיך פון גרדיס איבערראַשונג. עס איז אינטערעסאַנט איבערצו־לייענען די זעלבסט־ביאָגראַפיע וואָס קאָווע האָט אָנגעשריבן אין זלמן רייזענס לעקסיקאָן. דאָרט רעדט ער וועגן די גרויסע ווערק וואָס באַ־

דאַרפֿן פֿון אים אָנגעשריבן צו ווערן. פֿאַר אַלע פֿון די דאָזיקע ווערק האָט שוין קאָווע געהאַט פֿאַרטיקע נעמען.

דער דעמאָלטיקער קולטור־צושטאַנד פֿון די יידישע שריפֿטשטעלער איז נאָך געווען זייער אַ פּראָווינצערישער. זיי זיינען כמעט אַלע געקומען פֿון די קליינע שטעטלעך, פֿון דעם בית־מדרש און פֿון דער יידישער אָרעמ־קייט. מען האָט נאָך צווישן די יידישע שריפֿטשטעלער ווייניק געקאַנט די שפּראַכן פֿון די גרויסע „וועלט־ליטעראַטורן". ווען קאָווע האָט געטאָן אַ שיט מיט נעמען און ווערק פֿון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור — דערצו האָט ער געהאַט אַ טבע צו ברענגען נעמען און ווערק וואָס זיינען געווען ווייניק פּאָפּולער — זיינען אַלע טאַקע געבליבן זיצן מיט אָפֿענע מיילער און באַוואונדערט אָט־אָ דאָס קליינע ווינציקע בחורל וואָס הייסט אַזוי פֿיל פּסעוודאָנימען, שטאַמט פֿון קאָצק, וואוינט אויף קראָכמאַלנע, און איז אַזאַ נאָענטער שמעלקע מיט אַלע גייסטיקע דערגרייכונגען פֿון דער גרויסער וועלט. קאָווע האָט אַלעמען אימפּאָנירט. אַפֿילו פּרצן האָט ער סוף־כל־סוף אימפּאָנירט. אויך צו פּרצן האָט קאָווע גערעדט היפּשלעך מיט אַ טאָן פֿון אַן אויטאָריטעט.

אַז קאָווע איז געווען אַ שאָך־שפּילער, דאָס איז זעלבסטפֿאַרשטענד־לעך. און נישט סתם קיין שאָך־שפּילער, נאָר אַ מייסטער — דאָס איז אויך זעלבסטפֿאַרשטענדלעך. פּרץ האָט ליב געהאַט צו שפּילן אַמאָל אַ שאָך. ווען פּרץ האָט קאָווען אויסגעפֿאָדערט צו אַ שאָך, האָט קאָווע געטאָן אַן איבערגעלעגענעם שמייכל, מיט איין פֿינגער פֿון זיין קליינער האַנט, האָט ער זיך פֿילאָזאָפֿיש געטאָן אַ קראַץ אין קאָפּ און פֿון פֿאַראויס אַ זאָג געטאָן צו פּרצן: „מילא, אויב איר ווילט דווקא פֿון מיר קריגן אַ „מאַט", איז ביטע זייער". טאָמער האָט קאָווע געוואונען האָט ער הויך דערציילט פֿון זיינע גאָניאַלע גענג, געזאָגט שאָך־טערמינען וועלכע קיינער האָט נישט פֿאַרשטאַנען, און אָנגערופֿן די נעמען פֿון די גרעסטע וועלט־מייסטער וואָס ביי ענלעכע סיטואַציעס זיינען זיי געגאַנגען פּונקט די זעלביקע גענג ווי ער, קאָווע. גאָר, גאָר אָפֿט — און דוכט זיך מיר ס'רוב — האָט פּרץ גע־וואונען די פּאַרטיי. קאָווע האָט נישט צוגעגעבן אַז פּרץ האָט בעסער גע־שפּילט פֿאַר אים. די גאָניאַלע צוגן האָט גאָר געמאַכט קאָווע. פּרץ האָט געשפּילט ווי אַ „פּושער". נישט מער, וואָס איינמאָל האָט ער, קאָווע,

געוואָלט נאָכטאָן עפּעס אַ געניאַלע קאָמבינאַציע (און דאָ קומט ווידער אַ פּאַך־אויסדרוק) פון אַ וועלט־מייסטער, ער האָט זיך צופעליק פאַרזען, און פּרץ האָט בלינדערהייט אויסגענוצט דעם שאַנס. אַפילו אין די זייער אָפּט פון אים פאַרשפּילטע שאַכן איז קאָווע געבליבן דער גייסטיקער זיגער. אַי די פאַקטן אויפן שאַך־ברעט? איז וויי צו די פאַקטן.

## קאַפּיטל דריי

פרישמאַן און פּרץ. פרישמאַן שיסט פײַלן פון זײַן סינטעד — און פּרץ וואַקסט אויס צו דער גרויסער פּערזענלעכקייט אין דער יידישער ליטעראַטור.
בית־צײַטלין.

איידער איך וועל ווייטער דערציילן פון פרצעס „שטוב" וואָס האָט געהאַט אַזאַ גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור, וויל איך נאָך דערמאָנען צוויי „ליטעראַרישע שטובן" וואָס זיינען אין יענער צייט געווען אין וואַרשע. דאָס הויז פון דוד פרישמאַן און דאָס הויז פון הלל צייטלין.

אויב מען קאָן אַזוי זאָגן, איז די „ליטעראַרישע שטוב" פון פרישמאַ־נען געווען די אייגנטלעכע אָפּאָזיציע צו פרצן און צו זיינע השפעות. עס וואָלט געווען איבערגעטריבן צו זאָגן אַז די גאַנצע „שטוב" פון דוד פריש־מאַנען איז געווען קעגנעריש געשטימט צו פרצן. די אמתע אָפּאָזיציע איז געווען דוד פרישמאַן פערזענלעך. זיין פאַרביטערטער קאַמף קעגן פרצן האָט זיך געצויגן כמעט פון די ערשטע שריט וואָס פרץ האָט גע־מאַכט אין דער ליטעראַטור.

פרישמאַן איז געווען דער קלאַסישער טיפּ פון אַ שריפטשטעלערישן עפּיגאָן. ער איז געקומען סיי פון דער השכלה און סיי פון דער דייטשער אויפקלערונג. די דייטשע ליטעראַטור, איבערהויפּט די דייטשע אויפקלע־רונג־ליטעראַטור, איז ביי אים געווען דער העכסטער מוסטער פון שריפט־שטעלערישער קונסט. ער האָט געקעמפט קעגן דער העבּרעאישער מליצה מיטן וואָפן פון דער אויפקלערונג־מליצה. ער האָט געקעמפט אָן ווירקלע־כער טיפער איבערלעבעניש פאַר פאָרם און געשטאַלטונג. פרישמאַן איז געווען דער „בטלן אין צילינדער" ווי נאָמבערג האָט אים פאַרטרעפלעך באַצייכנט. און ער האָט אין זיך געהאַט פון אַ קליינעם און בייזן דאָן־קישאָט פון דער פאַרנונפט, וואָס האָט געקעמפט קעגן שאַבלאָן, און אַליין

געווען דער ריטער פון שאַבלאָן. פרישמאַנס פאַרדינסטן סיי פאַר דער יידישער און סיי פאַר דער העברעאישער ליטעראַטור זיינען דורכאויס די פאַרדינסטן פון אַן עפּיגאָן. דאָס וואָס האָט זיך שוין געהאַט אַרויסגע־וואַלגערט אויפן גאַט פון אַלע ליטעראַטורן ווי „איבערגעלעגענע" סחורה — מיט דעם האָט פרישמאַן געפּאַכעט אין דיביידע יידישע ליטעראַטורן און געשריגן תרבות! ווען איר שרייבט נישט לויט מיינע געשמאַקן דאַן זענט איר אַלע טויגעניכטסן. איך בין דאָס דער מדריך און דער בעסער־ווויסער.

באַלד ווי פרץ האָט זיך נאָר באוויזן אין די ביידע יידישע ליטעראַ־טורן, האָט פרישמאַן אויף אים אָנגעשטעלט דעם „איירראַפּעאישן" האַרמאַט וואָס ער האָט געהאַט ליגן ביי זיך אין טינטער. סתם שרייען אויף אים „בטלן" האָט פרישמאַן עפּעס ביי זיך נישט געקאָנט פועלן. ביי פרצן האָבן זיך באַלד געוויזן נייעסן וואָס הגם זיי האָבן געגוג געגרילצט אין פרישמאַנס „איראָפּעאישן" געשמאַק, פונדעסטוועגן האָט פרישמאַן פאַרט געמוזט דערפילן אין פרצן אַ כוח וואָס לאָזט זיך נישט „אוועקלייגן" מיט שהיה־פּיה. פרישמאַנס פעדער האָט דעריבער קעגן פרצן אָנגעהויבן צו שפּריצן מיט גאַל אָנשטאָט מיט ביטול. דאָ איז פרץ געווען אַ פּלאַגיאַטאָר, דאָ אַ „פּלוי" און דאָ אַן אַנדער באַשעפעניש. פרישמאַן האָט פרצן נישט גע־קאָנט איינבייסן. פאַר אַן עפּיגאָן איז דאָס נייע אין שעפערישע תמיד עפּעס אַזוינס ווי אַ שטיין אויפן מאָגן. פרישמאַן האָט דעריבער במשך זיין גאַנץ לעבן פאַרקאַטשעט די פּאָלעס פרצן צו פאַרניכטן.

פרץ איז פּאַמעלעך געוואַקסן. געוואַקסן סיי אין די דימענסיעס פון זיין געשטאַלטונג און סיי אין די דימענסיעס פון זיין פּערזענלעכקייט. ער האָט אָנגעהויבן צו ווערן דער גייסטיקער צענטער פון אַ ניי שאַפן אויף יידיש. די איינפלוסן זיינע האָבן אויסגעשטראַלט. זיי האָבן באַשאַפן אַ דור, אַ טאָט און אַ פאָרם. די יידישע מאַסן — ווענעס שפּראַך פרץ האָט אויפגעהויבן צו דער העכסטער מדרגה — האָבן אים געענטפערט מיט טיפסטער ליבשאַפט און טיפסטער פאַרערונג. פרישמאַן האָט נישט אָפּ־געלאָזט פון דעם חלום פרצן צו פאַרניכטן. וואָס גרעסער ס'איז געוואָרן פרץ, אַלץ קלענער איז געוואָרן דער „בטלן אין צילינדער". ער האָט בסדר אויף זיך געטראָגן די טאָרבע פון ווועלכער ער האָט געשליידערט די פיילן אויף פרצן. נאָר די פיילן זיינען וואָס אַמאָל געוואָרן ווינציקער

און אפגעטעמפטער. פרישמאן — אויף זיין אופן א קלוגער גייסטרייכער ייד — האט זיך אנגעהויבן צו מאכן לעכערלעך אין זיין דאן־קישאטישן קאמף מיט פרצן.

ווען פרצעס רום האט פרישמאנען ענדלעך אנגעהויבן צו וואקסן איבערן קאפ און ער האט געזען אז צו „ליקווידירן" פרצן איז שוין מער נישט פאר זיינע כוחות, האט ער זיך גענומען צו אן אנדער טאקטיק. אויך דא האט ער נישט אפגעשאצט די גייסטיקע קראפט פון פרצן און דאס טיפע זעלבסטבאוואוסטזיין פון פרצעס פערזענלעכקייט, ווי אויך דאס אידעאַ־ליסטישע געפיל וואס פרץ האט געהאט צו דער יידישער ליטעראטור און צו אירע שריפטשטעלער. פרישמאן האט אנגעהויבן שטארק צו לויבן א סך פון אנדערע יידישע שריפטשטעלער און געמיינט אז ער טוט עס אויף פרצעס חשבון און פרץ וועט ווערן אייפערזיכטיק. האט ער דערמיט נאר געוויזן אז ער קאן נישט פרצן. פרישמאן האט מיט גאל געזאגט, אז אפילו ער זאל שוין צוגעבן אז דער „הער פרץ" האט א שטיקל ווערט, — שטייגן אבער א סך פון פרצעס תלמידים מיט פיל קעפ אריבער דעם כלומרשטן רבין. אין אט־א דעם נייעם געיעג צו מינערן פרצעס חשיבות האט זיך פרישמאן אפילו נישט אפגעשטעלט צו לויבן זאכן פון שריפט־שטעלער וואס איז געווען אבסאלוט נאריש זיי צו שטעלן אין איין ריי מיט פרצן. נקמה מאכט בלינד. ווען ס'זיינען דערשינען פרצעס „פאלקסטימלעכע געשיכטן" און פרצעס רום האט אנגעהויבן צו שיינען פאר אלעמענס אויגן, און אפילו שלום־עליכם — וואס האט נישט געהאלטן פון פרצן — האט געמוזט מודה זיין אז ער האט „נישט געוואוסט אפצושאצן פרצעס ווערט", — דא האט פרישמאן מיט גרויס פארביטערטקייט אנגעזאגט זיין פעגאזוס און עפנטלעך געשריבן, אז אויב די שפעטערע דורות וועלן לייענען פרצן און אים דערמאנען, וועט ער אויך, דוד פרישמאן, נישקשה שטיין פרצן ביי דער זייט און טיילן מיט אים דעם רום פון די הענט פון דער צוקונפט. עס איז געווען א פארמעסטעניש פון אן עפיגאן קעגן א שעפער.

דוד פרישמאן האט אויך געזאמלט ארום זיך יידישע שריפטשטעלער מיט דער דייטלעכער כוונה אז אויך — וואס שייך א „ליטעראריש שטוב" קען ער ווייזן פרצן ווער עס איז עלטער. כ'קאן מיך נישט דערמאַ־נען ווער אייגנטלעך פון פרישמאנס מקורבים האט דעמאלט געהאט דעם

מוט עפּעס צו זאָגן קעגן פּרצן. סיידן אפשר אַזעלכע וועגן וועלכע מען האָט געזאָגט אַז פּרץ האַלט נישט פון זיי. זיי האָבן בסוד אפשר נאָכגעזאָגט פרישמאַנס אַ שטאָך־ווערטל קעגן פּרצן און געהאַט הנאה פון די הויכע קנאַלן וואָס דער הארמאַט אין פרישמאַנס טינטער שיסט אויס קעגן פּרצן. אָבער אויך דאָ האָט זיך פרישמאַן ביטער טועה געווען. ווארעם ער איז געבליבן אַליין אין זיין אייגענער „ליטעראַרישער שטוב". דער גרעסטער טייל פון זיינע „זעלנער" זיינען אַריינגעקומען צו פּרצן און אים אַרויסגע־וויזן די זעלבע טיפע פאַרערונג ווי אַלע געשוואוירענע פּרציאַנער. מען האָט געזאָגט אַז פרישמאַן ווייסט נישט פון דעם „פאַרראַט" און ער גלויבט ווייטער אַז אים געראָט צו זאַמלען אַ מחנה אויף ענדגילטיק צו ליקווידירן פּרצן.

פּרצעס באַציאונג צו פרישמאַנען איז געווען אַ זעלטן לאַיאַלע און גרויסמוטיקע. איך האָב קיינמאָל פון אים נישט געהערט אַ שלעכט וואָרט קעגן פרישמאַנען און אַפילו נישט קיין וויץ אויף פרישמאַנס חשבון. פאַר־קערט: אויב עמעצער פון פּרצעס פאַרערער האָט זיך (אין אַ שמועס) צופיל געוואָלט איינשטעלן פאַר פּרצעס כבוד און פרישמאַנען אַרונטערדרייסן, האָט פּרץ תמיד געוואוסט אָפּצושאַצן פרישמאַנס פאַרדינסטן. כ׳געדענק: איינמאָל האָט מיך פּרץ געפרעגט צי איך האָב היינט געלייענט פרישמאַנס אַ ליד וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין אַ צייטונג צי אין אַ זשורנאַל. ווען איך האָב געענטפערט אַז ניין, האָט ער מיר געזאָגט אַז איך זאָל עס דורכאויס לייענען. עס איז אַ גוט ליד.

אין די גאָר שפּעטערע יאָרן ווען פּרץ איז געווען פאָרזיצער פון וואַרשעווער „הזמיר", האָט מען געפייערט פרישמאַנס יובילעאום. פּרץ איז געווען פון די הויפּט־אָרגאַניזירער פון דעם דאָזיקן יובילעאום. ער האָט געעפנט דעם יובילעאום־אָוונט מיט זייער אַ וואַרעמע רעדע וועגן פריש־מאַנען.

די דריטע „ליטעראַרישע שטוב" אין וואַרשע איז געווען ביי הלל צייטלינען. דאָרטן האָט מען געהאַלטן פון פּרצן. הלל צייטלין האָט אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור אַריינגעפירט דעם פרומען רעלי־גיעזן געדאַנק, און ער האָט עס געטאָן אויף אַן אַנדער אופן ווי פּרץ. פּרצן איז עס נישט געווען צום הארצן. אָבער ער האָט פון הלל צייטלינען גע־האַלטן. הלל צייטלין איז געווען פון פרישמאַנס גוטע־פריינד אָבער ער

האָט געהערט צו די פֿאַרערער פון פּרצן, — הגם ער האָט אַמאָל געשריבן אַז אין „פּרצעס הימל איז נישטאָ קיין גאָט". ס'איז אַ שיינע אָבער נישט קיין ריכטיקע פּראָזע. אַ סך פון צייטלינס מקורבים פלעגן אויך אַרויפֿקומען צו פּרצן. הלל צייטלינען גופא האָב איך ביי פּרצן קיינמאָל נישט געזען, און איך גלויב אַז זיי האָבן צווישן זיך נישט פֿאַרקערט. זיי זיינען געווען קעגנגעזעצלעכע טעמפּעראַמענטן.

## קאַפּיטל פיר

אין דער יידישער ליטעראַטור קוקט מען אויס דעם נאַטוראַליזם. ווייסנבערג די ערשטע טויב. ווייסנ־בערגס „שטעטל". ה. ד. נאָמבערג און ווייסנבערג.

הגם י. ל. פּ"ץ איז אין תוך געווען אַן אידעאַליסטישער שריפט־שטעלער און ביי אים האָט דאָמינירט דער גייסטיקער קוק פון יידישער געשטאַלטונג, פונדעסטוועגן האָט ער מיט דער גרעסטער אומגעדולדיקייט אויסגעקוקט אַז אויך דאָס פּראָסטע יידישע פאָלק זאָל זיך אָנהויבן צו באַטייליקן אין דער שאַפונג פון יידישער ליטעראַטור. ער האָט געוואָלט, אַז אויך פון דאָרט זאָל קומען דער יידישער שריפטשטעלער. די סיבות זיינען געווען צווייאיקע: קודם־כל די רעוואָלוציאָנערע צייט פון יידישן לעבן, אַ צייט וואָס האָט גראָד דעם יידישן אַרבעטער און האַרעפּאַשניק, אַזוי צו זאָגן די פּשוטע יידישע מאַסע, אַרויסגערופן אויף די ערשטע פראָנטן פון יידישן לעבן, אַ צייט וואָס האָט אויסערגעוויינטלעך אויפגע־הויבן דאָס געשיכטלעכע חשיבות פון דער יידישער מאַסע. צווייטנס: דער רוב מנין און רוב בנין פון יידישע שריפטשטעלער איז געקומען פון בית־המדרש, פון יידישן קליינבירגערטום און פון דער קליינבירגערלעכער יידישער אָרעמקייט. די יידישע שריפטשטעלער זיינען ס׳רוב געווען „זייד־דענע יונגעמאַנטשיקלעך", — הגם זיי זיינען כמעט אַלע געווען היפּשע קבצנים. עס איז געווען די בענקשאַפט אַז דער פּראָסטאַק זאָל מיט זיינע שטיוואַלעס אַריינקומען אין דער ליטעראַטור און אַריינברענגען דאָס גע־זונטע חי־וקימדיקע בלוט אין דער קרענקלעכער און בלאַסער אינטעלי־גענטישקייט פון בית־המדרש־בחורים און העבּרעאישע לערער. אַפילו שלום אַש וואָס האָט מיט אַזוי פיל פרישקייט געבּרענגט דאָס „קוילער־געסל", איז סוף־כל־סוף אַליין אויך געווען פון בית־המדרש. איבער זיינע קוטנער פּראָסטע יונגען האָט היפּש געוויעט דער ראָמאַנטישער הויך פון חומש און צאינה־וראינה.

די ערשטע טויב וואָס איז פון דער פשוטער יידישער מאַסע אַנגעקו־מען אין דער יידישער ליטעראַטור אַריין, — און געקומען ווי די גרויסע איבעראַשנדיקע אַטראַקציע פון חיי־וקימדיקער געזונטקייט און אומ־מיטלבאַרן יידישן נאַטוראַליזם — איז געווען איטשע מאיר ווייסנבערג.

א. מ. ווייסנבערג האָט געשטאַמט פון שטעטל זשעליכאָוו נישט ווייט פון וואַרשע. אַ קינד פון פראָסטן יידישן פאָלק און דערצו אַן אַרבעטער. מיר דוכט, אַז ער איז געווען אַ שאָכטל־מאַכער. ער האָט זיך באַוויזן מיט אַ ווערק וואָס האָט געהייסן „אַ שטעטל". דער אייגענער נאָמען וואָס דאָס באַרימטע ווערק פון שלום אַש. נאָר ווייסנבערגס „שטעטל" איז געווען פון גאָר אַן אַנדערן כאַראַקטער. ס׳איז געווען דאָס שטעטל אין זיין אמתן לעבנס־נאַטוראַליזם, אויסגעטאָן פון יעדן הויך פון אַבסטראַקטן אידעאַ־ליזם און ראָמאַנטיק. צווייטנס: דאָס שטעטל אין ווירבל־שטראָם פון דער אַרבעטער־רעוואָלוציע. צוויי אייגנשאַפטן אויף וועלכע מען האָט שוין לאַנג אויסגעקוקט אין דער יידישער ליטעראַטור ווי אויף אַ טיר צו פאַר־בינדן זיך מיטן האַרעפאַשנעם און רעוואָלוציאָנערן יידישן המון.

איטשע מאיר ווייסנבערג איז מיט זיין „שטעטל" געקומען קיין וואַרשע עס צו וווייזן פרצן. ווער עס האָט נאָר ערגעץ געהאַלטן אַ פעדער אין האַנט צי אין וואַרשע צי אויף דער יידישער פראָווינץ אין פוילן האָט עס באַטראַכט פאַר דעם גרעסטן אידעאַל צו קומען צו פרצן און פון אים צו הערן דאָס דעצידירנדיקע וואָרט. עס איז געווען דאָס גורל־וואָרט פאַר די אַלע וואָס האָבן זיך געגרייט אַריינצוקומען אין דער נייער אויפוואַכנדיקער יידישער ליטעראַטור. ווייסנבערג איז פאַר פרצן געווען די געוואַלדיקסטע אַטראַקציע. אָט אויף דעם האָט מען געוואַרט! פרץ איז גראָד דאַן געווען דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון „וועג". אין זיין גרויסן בויערישן טעמפעראַמענט האָט ער באַלד ווייסנבערגן אויסגערופן ווי דאָס יום־טובדיקע געשעעניש אין דער יידישער ליטעראַטור. ווי דעם עפענער פון נייע פערספעקטיוון אין יידישן שאַפן. פרצעס באַגייסטערונג פאַר ווייסנבערגן האָט אַלעמען אָנגעצונדן. גראָד די אינטעליגענטסטע און אינטעלעקטועלסטע פון די יידישע שריפטשטעלער, ווי ה. ד. נאָמבערג למשל, האָבן אין ווייסנבערגס פראָסטלעכן און קערנדיקן נאַטוראַליזם געזען דעם פרישן און געזונטן וואַסער־קוואַל וואָס וועט אַלעמען אַנטרינ־קען, פירן צו אַ ניי לעבנס־געפיל און אַרויספירן אַלעמען צו דעם אמתן

גענוס פון לעבן אוןווירקלעכקייט. די שאַפונגען פון יידישע שריפט־שטעלער האָבן זיך דאָן בלויז געדרוקט אין צייטונגען און זשורנאַלן, און זעלטן־ווער האָט געזאַמלט זייגע זאַכן אין אַ ביכל. ווייסנבערגס „שטעטל" איז אָבער באַלד אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ ביכל און צוגעגעבן געוואָרן ווי אַ ליטעראַרישע פּרעמיע צום „וועג".

אין דער יידישער ליטעראַטור ווי אויך צווישן יידישע ליטעראַטן האָט מען זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּפרייען מיט דער דאָזיקער אומגעריכטער מתנה וואָס איז געקומען פון דער יידישער מאַסע. ווייסנבערג אַליין — איך גלויב, עס איז אים ווייניק צוגעקומען צום קינסטלערישן געזונט — האָט אָט־אַ דעם קולט אויפגענומען מיט ביידע הענט און האָט אָנגעהויבן צו פּראָווען אין דער ליטעראַטור דעם המונישן רעאַליזם פון זיין שטעטל זשעליכאָוו. די זאַכן וואָס זיינען געקומען פון דער ערשטער פרישקייט פון זיין געמיט זיינען טאַקע געווען איבערראַשנדיקע. דער וועג פון אַ וואַקסנדיקן שריפטשטעלער גייט אָבער נישט פּין די ערשטע פּולע עמערס פון זיין געפיל, נייערט זיי מוזן זיך פאַרטיפערן אין קינסטלערישן זעלבסט־און וועלט־דערקענטעניש. שאַפן — איז אַ דערגרונטעוווען זיך אין זיינע, דעם קינסטלערס, באַציאונגען צו דער וועלט און אין זיינע זעלישע שייכותן צו איר. אַפילו דער רעאַלסטער נאַטוראַליזם קאָן נישט אָוועקגיין פון דעם דאָזיקן וועג ווען ער וויל עפּעס דערגרייכן. עס איז זייער אינטערעסאַנט צו מאַכן אין אָט דעם פּרט אַן אַנאַלאָגיע צווישן מאַקסים גאָרקי און איטשע מאיר ווייסנבערגן. גראָד ווייל ווייסנבערג האָט ווירקלעך געהאַט אַ גרויסן אומומיטלבאַרן טאַלאַנט ווען — גלויב איך — די דאָזיקע אַנאַ־לאָגיע זיין אַ טרעפלעכע. מאַקסים גאָרקי איז געקומען פון די אונטערשטע שיכטן פון דער רוסישער געזעלשאַפט. ער האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז זיינע מאָטיוון וועלן ערשט דאַן באַקומען דעם גרויסן ווערט ווען זיי וועלן באַלויכטן ווערן מיטן טיפסטן וועלט־וויסן. ער האָט די סאַמע המונישסטע רעאַלקייטן פון לעבן געוואָלט אַוועקשטעלן אין אָרגאַנישן שייכות מיט דער דערקענענדיקער מענטשלעכער טראַגיק, ד"ה מיט דער קולטור פון מענטשלעכן גייסט. — און אין דעם דאָזיקן טיפן שייכות איז גאָרקי אויסגעוואַקסן צו איינעם פון די גרעסטע און הומאַנישסטע רוסישע שריפטשטעלער.

איטשע מאיר ווייסנבערג האָט דעם דאָזיקן וועג נישט באַנומען. ער

האָט זיך געלאָזט באַרוישן פון זיין ערשטן דערפאָלג און געגלויבט אַז ער איז מיטאַמאָל אָנגעקומען צום שפּיץ פון זיין קינסטלערישן וועג. ער האָט נישט געוואוסט, אַז טאַלאַנט און מיליעי זיינען ערשט די אָנהויבן פון אַלע שריפטשטעלערישע מעשים און נאָר אין אַן אינערלעכן גייסטיקן קולטורעלן אויסוואַקסן, וואַקסן אויך אויס די דערגרייכונגען. ער האָט נישט געוואָלט לערנען און אַרבעטן אויף זיך נאָר געהאַלטן אין איין צערטלען זיך מיט זיין טאַלאַנט און מיט דער פּראָסטער המונישקייט פון זיינע געפילן. ער האָט געקוקט מיט פוייערישע כיטרע אייגעלעך אויף אַלע אינטעליגענטן און אויף יעדער אינטעליגענץ. ער האָט געמיינט, אַז אין אַ כמאַל אין פּיסק, אין גראָבע רייד און אין פעטע טעם מיט צימעס ליגט די גאַנצע חכמה און דערגרייכונג פון דער קונסט.

ווען איך בין אַריינגעקומען אין פּרצעס שטוב האָט שוין ווייסנבערגס שטערן ביי פּרצן געהאַלטן ביים אונטערגיין. פּרץ איז גראָד געווען דער קינסטלער וואָס האָט אומעטום געזוכט דעם אויסוועג צו דער העכערער מדרגה. ווען ער האָט געזען אַז ווייסנבערג בלייבט שטיין אין זיינע דער־גרייכונגען און באַווייזט נישט צו טאָן דעם מינדסטן שריט צו אינערלעכער פּאַרטיפּטקייט, — האָט פּרץ באַלד אָנגעהויבן אַנטוישט צו ווערן אין דעם דאָזיקן גרויסן געווינס ווייסנבערג. אָגב האָט זיך טאַקע אויסגעלאָזט — און דאָס איז די לאָגיק פון יעדער אַנטוויקלונג — אַז וויבאַלד ווייסנבערג האָט אויסגעגאָסן דעם ערשטן פרישן עמער, זיינען די ווייטערע עמערס געווען מוטנער און מאָגערער, און ווייסנבערג האָט פּאַמעלעכל אָנגעהויבן צוריקצוגיין. צוריקצוגיין איז פאַר פּרצן געווען דער גרעסטער חסרון פון אַ שריפטשטעלער. פּרץ איז געווען — און דאָס איז געווען זיין גרעסטע אייגנשאַפט — דער מענטש פונעם פאָראויס און פון דער ווייטערער אינער־לעכער אַנטוויקלונג. דער איינציקער גרויסער חסיד ווייסנבערגס אין פּרצעס סביבה איז געבליבן ה. ד. נאָמבערג, און ער איז עס פאַרבליבן אַפילו ביז צום סוף, ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז פּרצעס נביאותן וועגן ווייסנבערגן זיינען מקויים געוואָרן אויף טויזנט פּראָצענט. דער קרענקלעכער סקעפּטישער אינטעליגענט, דער מחבר פון „פליגלמאַן" און „שייקער און שלימזל", האָט נישט אויפגעהערט צו זען אין ווייסנבערגס נאַטור־ראַליזם די איינציקע גייסטיקע רעצעפּט פאַר פליגלמאַנען, דעם אינטע־ליגענט פון אַ יידישן בין־השמשות.

צום סוף וויל איך דערמאָנען די כאַראַקטעריסטישע סצענע פון ווייסנבערגס חתונה.

געטריי זיין קולט אין דער יידישער ליטעראַטור האָט ווייסנבערג אין וואַרשע חתונה געהאַט מיט אַ קצבס אַ טאָכטער. אויף דער דאָזיקער חתונה זיינען זיך — ווי סימבאָליש — צוזאַמענגעקומען יידישע שריפט־שטעלער מיט יידישע קצבים. ס'איז געווען אַזוי צו זאָגן, אַ פאַרברידער־רונגס־אַקט צווישן דער ליטעראַטור מיטן פראָסטן המון. די קצבים האָבן געקוקט אויפן גאַנצן ליטעראַרישן געזינדל ווי אויף כניאָקעס. אָבער די יידישע שריפטשטעלער פון וואַרשע זיינען געווען אויפן זיבעטן הימל און געשעפּט נחת. ס'איז געקומען די גאַנצע סמעטענע פון דער יידישער ליטעראַטור, ובתוכם דוד פרישמאַן און י. ל. פרץ. די קצבים האָבן גע־קלאַפּט אויף די פּלייצעס און געטרונקען לחיים מיט יידישע שריפטשטע־לער. מען האָט פאַרבראַכט אין גרויס פריילעכקייט ביזן כאָור.

דעם נאָענטסטן שבת אינדערפרי — פרץ פלעגט דאַן נישט גיין אין דער גמינע — איז ווייסנבערג מיטן יונגן ווייבל אַרויפגעקומען צו פרצן אָפּצוגעבן דעם אָפיציעלן וויזיט. פרץ האָט זיי גאַר פיין אויפגענומען. עס איז געווען די צייט ווען פרץ האָט זיך מיט אַ באַזונדערן אינטערעס אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיט דעם נייעם דור פון יידישע מאָלער און סקולפטאָרן וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן צו דער נייער יידישער קולטור און צו דער יידישער ליטעראַטור. עס וועט מיר אויס־קומען צו דערציילן דערפון אין די ווייטערע קאַפּיטלען. קיין וואַרשע איז דאַן דירעקט פון ארץ־ישראל געקומען דער סקולפּטאָר שמעון קראַטקע. אַ ליכטיקע קינסטלערישע פּערזענלעכקייט פון וועלכער איך וועל אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען דערציילן. אַחוץ די „שטוב" פון יידישער ליטע־ראַטור, האָט אויך צעגלאַנצע ביי פרצן אויך אָנגעהויבן צו ווערן די „שטוב" פון דער אויפוואַכנדיקער יידישער קונסט בכלל. אַלע מאָלער האָבן זיך געפּלייסט צו מאָלן פרצעס פּאָרטרעטן און שמעון קראַטקע האָט פון אים געמאַכט אַ קאָפּ.

שמעון קראַטקעס „קאָפּ" איז געשטאַנען אויף פרצעס שרייב־טיש צווישן דער שפע פון וואַזאַנען מיט בלומען. אַלע האָבן די דאָזיקע אַרבעט קראַטקעס שטאַרק געלויבט. אויך פרצן איז זי געפעלן געוואָרן. פרץ האָט געהאַט אַ טבע צו פאַרשענקען גראַד יענע זאַכן וואָס זיינען אים געווען

צום ליבסטן. פרץ האָט ווייסנבערגן מיטן יונגן ווייבל אויפגענומען זייער הארציק. שבת אינדערפרי איז פרץ געווען תמיד באַזונדערס גוט אויפגעלייגט. ער איז נאָר וואָס געהאַט צוריקגעקומען פון אַ שפּאַציר אין זאַקסישן גאָרטן און ער האָט געוואוסט אַז היינט, שבת, וועט ער נישט גיין צו זיין ושמודבער אַרבעט אין דער גמינע.

— נעמט איך, ווייסנבערג, קראַטקעס „קאַפּ“ אַלס דרשה־געשאַנק, — האָט פרץ געזאָגט מיט אַ באַזונדערער פריינטלעכקייט.

דאָס יונגע ווייבל וואָס איז געוואוינט געווען צו יאַטקע און צו די „וואוילע יונגען“ אויף וואָלינסקע האָט מיט אויפגעריסענע אויגן געקוקט אויף דעם אויסטערלישן דרשה־געשאַנק וואָס פרץ גיט איר אין דער באַלעבאַטישקייט אַריין. זי האָט נישט געוואוסט מיט וואָס מען עסט דאָס.

— וואָס טויג מיר, איטשע מאיר, אַ ליימענער גולם? — האָט זי געזאָגט מיט אַ פאָלקסטימלעכער אָפנהאַרציקייט.

— ביסט אַ בהמה, ביילטשע, — האָט ווייסנבערג געטאָן אַ הוק אויפן יונגן ווייבל. ער האָט פאַרזשמורעט די אייגעלעך. זיינע פויערישאַרויסגעשטאַרצטע קינבאַקן האָבן געציטערט פון כעס. ער האָט זיך געשעמט פאַר פרצן. וואָסער ליימענער גולם? ס׳איז דאָך אַ סקולפּטורע!

דאָס ווייבל איז אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט מיט גרויס אומצופרידנקייט באַקוקט דאָס „ליכטיקע“ דרשה־געשאַנק.

## קאַפּיטל פינף

שמעון קראַטקע דערציילט פון קונסט און פון ארץ־ישראל. יידישע פאָלקס־קונסט. טאַטשע אַ לעבע־דיקע שרה־בת־טוביס. די ליפּסקיס און די אַלטערס. טאַטשעס טאַטע. טאַטשע שפּילט אין שפּיגל. פּרייסיק צו נאַכטס. ליבע און טעאַטער־שפּיל. טאַטשע און קראַטקע שטעלן אַ חופּה אין דער חורבה פון ר׳ יהודה החסיד.

שמעון קראַטקע האָט זיך באַוויזן אין פּרצעס שטוב איינמאָל אין אַ נאָכמיטאָג. ווער עס האָט אים אַריינגעפירט צו פּרצן ווייס איך נישט, נאָר ער איז באַלד געקומען ווי די גרויסע אַטראַקציע, און דאָס איבער צוויי טעמים:

שמעון קראַטקע, הגם ער איז געווען אַ וואַרשעווער און גערעדט אַ געשמאַקן וואַרשעווער יידיש, איז אָבער צו פּרצן אַרויפגעקומען גלייך פון ארץ ישראל. ער איז דערמיט געווען דער ערשטער עקזאָט אין פּרצעס שטוב, פון וועלכן עס האָט עפּעס ווי געווייעט מיט די לופטן פון אַנדערע פרעמדלעכע לאַנדשאַפטן. יידישע שריפטשטעלער אין פּוילן זיינען גאָר־נישט געוואוינט געווען צו אַזעלכע פאַרשוינען. ס׳רוב יידישע שרייבער האָבן נאָך אַלץ געלעבט מיט זייערע שטעטלעך און מיט וואַרשע. אין יענע צייטן איז נאָך דער באַגריף „ארץ ישראל" נישט געווען אַזוי פּשוט און וואָכעדיק ווי אין אונזערע יאָרן. עס איז געווען אַ לאַנד וואָס איז געלעגן ווי פון אינדרויסן פון אַלע געוואוינקייטן אוןווירקלעכקייטן. עס איז גע־לעגן ערגעץ ווייט, ווייט אין ליכט פון לעגענדע, פאָלקס־מעשיות, חומש און צאינה־וראינה. זעלטן־ווער איז דאָרט געווען און עס האָבן דערציילט דערפון בלויז ארץ־ישראל־יידן און פרומע מאַמעס. פון אָט־אָ דעם וואונ־דערלעכן לאַנד, פון אונטער אַן אַנדער זון און אַנדערע לאַנדשאַפטן איז אַ קום־אָן געגעבן שמעון קראַטקע. ער איז געקומען דירעקט פון ירושלים, אָט פון דעם יונגן וואַרשעווער יונגנמאַן האָט עפּעס ווי געשמעקט מיט טערקישן טלית, מיט תהילים, מיט דוד המלך און מיט כותל־מערבי. מיט זיין זינגעדיקן וואַרשעווער יידיש האָט ער זאַפטיק און זייער פאַרביק

דערציילט פונעם ארץ ישראלדיקן לעבן, פון די דאָרטיקע מענטשן, מלבושים און לאַנדשאַפטן. ער האָט דערציילט, אַז די הימלען זיינען דאָרט טונקעלער ווי די ערד. די ערד איז אַ רויטלעכע און אַן עראָטישע ווי אַ באַגערנדיק ווייב. פון דער שלאַנקקייט פון די טייטל־בוימער, און פון דעם שטילן שעמעוודיקן טרויער וואָס ליגט אין די געשטאַלטן פון די ציפּרעסן. ער האָט דערציילט פון דעם מיסטעריעזן גאַנג פון די גמלים און פון דעם שטילן קלינגען וואָס באַגלייט דאָס דאַזיקע גיין און קומען פון די מזרחישע ווייטקייטן. ער האָט דערציילט פון אַראַבער און שייכן און פון פאַרשלייערטע פרויען. דערביי האָט קראַטקע געשילדערט די ליניעס, פאָרמען און געשטאַלטונגען פון דעם נאַקעטן לייב פון די מזרחישע פרויען, און האָט זיי — פונקט ווי די אַלטע יידישע און אַראַבישע דיכטער — פאַרגליכן צו די לאַנדשאַפטן פון אָריענט צו די בערגלעך ווי אויך צו דער אַרכיטעקטור פון די מעטשעטן. קראַטקע האָט שעהן לאַנג דערציילט פון ירושלים, פון די אַראַבישע באַזאַרן דאָרט, פון די געל־זיידענע כאַלאַטן פון די בוכאַרער יידן, פון דער כותל־מערבי, פון די מויערן פון ירושלים ווען זיי זיינען באַגאָסן מיט לבנה־ליכט, און היגטער וועלכע — אין לבנה־ליכט — הויערן קאַראַוואַנען פון גמלים, און אַ סך, אַ סך סטאַדעס שאָף. קראַטקע האָט געשילדערט די בערג־לאַנדשאַפטן אַרום ירושלים וואָס קוקן אויס געשניצטע פון קיניגלעכן העלפאַנט־ביין און דאָס געמיט געניסט זיי ווי קאַפּיטלעך תהילים.

איך ווייס נישט וויפל קראַטקע האָט שפּעטער דערגרייכט אין זיין קונסט, נאָר זעלטן איז מיר אויסגעקומען צו זען אַ קינסטלער מיט אַזוי פיל פרישער, אינערלעכער און אָריגינעלער שעפערישקייט ווי אָט־אָ־דער יונגערמאַן. ער האָט גערעדט וועגן סקולפּטור און מאַלעריי מיט אַ שפּראַך מיט וועלכער קיינער אין דער פּראָווינצערישער סביבה פון יידישע שריפטשטעלער איז גאָר נישט געוואוינט געווען צו טראַכטן. ער האָט גערעדט מאָדערן און געטראַכט וועגן קונסט, פאַרב און פאָרעם ווי עס שרייבן די גרויסע קונסט־קריטיקער אין דער וועלט־ליטעראַטור. ער איז געווען פאַר אַלעמען ניי. קראַטקע האָט, אַזוי צו זאָגן, אָנגעהויבן צו עפענען אַלעמען די אויגן און געוויזן ווי אַזוי צו קוקן און געניסן קונסט.

חוץ דעם — און דאָס האָט פרצן צום מיינסטן אימפּאָנירט — קראַט־

קע האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן די שיינקייטן פון יידישער פאָלקס־קונסט און פאָלקס־מיניאַטורן. וועגן די שיינקייטן פון יידישן כלי־קודש און פון דער טיפער קונסט־פאַרשטענדעניש פון די אַלטע יידישע גאָלד־און זילבער־שמידן. פון דער וואַרעמער און וואונדערלעכער פאַנטאַזיע פון יענע אַנאָנימען וואָס האָבן געמאָלט די „שיוויתיס" פאַר די שולן. פון דער שיינקייט פון די הייליקע לייבן, הערשעלעך, ציגעלעך און טייבעלעך, און פון דעם גאַנצע „ווילדן" געטיער וואָס די פאַנטאַזיע פון פרומע יידישע אַנאָנימען האָבן געלאָזט „פאַשען" אויף די געמעלעכצן פון די ווענט פון די שולן, איבער די „עמודים", אויף די הענג־לייכטער, און אויף די סאַמעטענע מענטעלעך פון ספרי־תורהס. קראַטקע האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף די אַלע אַלטע מאָטיוון אין מאָדערנע סטיליזירטע פאָרמען צוריק אַרויפברענגען אויף די הילעס און פאָדער־בלעטער פון יידישע ביכער, און אַזוי אַרום פאַרטיפן די וואָרצלען פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער געשיכטע פון יידישער פאַנטאַזיע און געמיט.

פרץ האָט דאָן געשריבן די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" ווי אויך זיינע דראַמעס. אַלצדינג מאָטיוון פון דער יידישער פאָלקס־פאַנטאַזיע. פרץ האָט בכלל ליב געהאַט גרויסע פלענער. קראַטקעס פלענער וואָס שייך דעם אויסזען פון יידישן בוך איז פרצן גאָר געווען צום האַרצן.

כדי לעבעדיק צו אילוסטרירן די גאַנצע קינסטלערישע עקזאָטישע פרישקייט פון זיינע ווערטער, האָט קראַטקע אַרויפגעבראַכט צו פרצן זיין ווייב, טאָטשע.

טאָטשע האָט געשטאַמט פון די גרויסע חסידישע „פני" אין פוילן, פון די מלאָווער אַלטערס און פון די קוטנער ליפסקיס, ד"ה זי האָט געשטאַמט סיי פון די שענסטע אַלעקסאַנדערער און סיי פון די שענסטע גערער חסידים. די אַלטערס זיינען בכלל געווען פון די יידישע משפחות אין פוילן, וואו דער קאַמף צווישן דער אַלטער און נייער צייט האָט אויסגעבראָכן ווי אַן ערד־ציטערניש. דער גייסטיקער מהלך צווישן איין ברודער און אַנדערן, און פון איין שוועסטער צו דער אַנדערער האָט אויסגעקוקט צו זיין אַזוי ווייט ווי פון הימל צו דער ערד. אין דער משפחה אַלטער האָט זיך טאַקע אין מיניאַטור, אָבער מיט אַ גרעסערן רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט, אָפּגעטאָן דאָס אַלצדינג, וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן אין דער נייער און גרויסער אַנטשיידונגס־תקופה פון יידן אין פוילן.

שרייבן די געשיכטע פון די מלאָווער אַלטערס וואָלט געהייסן, ווייזן די לעצטע געשיכטע פון יידן אין פוילן אין אַ טעמפּעראַטור פון טויזנט גראַד. קודם־כל איז עס געווען זייער אַ צאַלרייכע משפחה. ר׳ ישראל אַלטער, דער פאַטער־פאַמיליאַס, האָט געהאַט אַ שלל מיט קינדער און איטלעכער פון זיי איז געווען אַ באַזונדערע וועלט. אַ קעגנזעצלעכע וועלט. אַ רעוואָלוציאָנערע וועלט. צוזאַמען מיט די פרומסטע שנורן זיינען דאָרט געווען שנורן אמתע גויעס. אָן איידעם אַ שאַרפער חסיד האָט לעבן זיך געהאַט אַן איידעם אַ כשרן ערל. די אַלטערס זיינען געווען שאַרפע חסידים און טרפהניאַקעס. סוחרים און ספּעקולאַנטן און פירער פון דער יידישער און פוילישער אַרבעטער־באַוועגונג. לאַמעדוואָוניקעס און אַוואַנטורניקעס וואָס האָבן באַשווינדלט אַ וועלט. די משפחה אַלטער איז געווען דער קאָכעדיקער וואולקאַן צווישן די יידישע משפחות אין פוילן.

טאַטשעס עלטערן זיינען געווען סיי פון די אַלטערס און סיי פון די ליפּסקיס. ס׳איז געווען אַ „קאָקטייל" פון די שאַרפסטע און קעגנזעצלעכסטע משפחה־בלוטן. עפּעס אַנדערש ווי אַ נייע איבערראַשנדיקע אַטראַקציע אין דער משפחה אַלטער האָט מען פון דעם דאָזיקן „בלוט־געמיש" גאָר נישט געקאָנט דערוואַרטן. איך ווייס נישט ווי אין שייכות שייכקייט האָט אויסגעקוקט טאַטשעס מוטער, אָבער מענדל, טאַטשעס פאָטער, ר׳ יהודה מאיר ליפּסקיס זון, איז געווען אַ מאַנסביל פון טעמפּעראַמענט און ראַסע, וואָס נאָר עפּעס אַן אַלטער היידענישער סקולפּטאָר האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן אַזאַ אידעאַל פון מאַנסבילשע שיינקייט. ער איז געווען ממש דער אויסגעחלומטער מאָדעל פאַר געטער־בילדער. אַ גריך וואָלט פון אים געמאַכט אַן אַפּאָלאָ און אַ סעמיט — אַ קעמפנדיקן גאָט אויף אַזאַ־וואָגן. ער האָט אין זיך געהאַט אי די אומהיימלעכע שיינקייט פון אַסירישע געטער אי פון דער קרעפטיקער האַרמאָנישער געשטאַלט פון אַרכאַאישע גריכן. ווען ער איז אין וואַרשע געגאַנגען איבער די גויישע גאַסן האָבן די שענסטע און רייכסטע פּוילישע און יידישע פרויען אים נאָכגעקוקט און לאַנג מן־הסתם געזען זיין מאַנסבילשע געשטאַלט אין זייערע גלוס־טונגען.

טאַטשעס פאָטער איז געווען אַ ייד אַ סוחר און אַ גערער חסיד. ווען ס׳זיינען ביי אים אין שטוב אונטערגעוואַקסן דריי טעכטער האָט זיך אַרויס־געוויזן וואָס עס הייסט אַזוינס שפּראַצונגען פון די אַלטערס און די ליפּס־

קיס. מעגלעך, ווייל די מיידלעך האָבן תמיד געהאַט פאַר די אויגן די וואונדערלעכע געשטאַלטלעכע שיינקייט פון זייער פאָטער. דעריבער אפשר האָבן זיי גענומען אַ וועג צו די אַוואַנטורעס פון דער קונסט. מיט דער עלטסטער, שרה, האָט נאָך מענדל ליפסקי באַוויזן צו טאָן אַ חסידישן שידוך. דאָס טעמפּעראַמענטפולע אַוואַנטוריסטישע ווייבל וואָס האָט כסדר געחלומט צו ווערן אַ מאַלערין, איז באַלד נאָך דער חתונה אַנטלאָפן קיין פּאַריז און זיך געפילט אין דער פּאַריזער קינסטלער־באָהעמיע ווי אַ פיש אין וואַסער. זי האָט צומאָל נישט אַהיים געשריבן קיין בריוול. די יינגע־רע, ליבע, האָט זיך געגרייט צו ווערן אַ באַלעט־טענצערין. טאַטשעס אידעאַל איז געווען צו זיין אַ שוישפּילערין.

זי האָט זיך צוגעוואוינט צו לעבן אין חלומות און אין הינער־פלעט. שעהן לאַנג פלעגט טאַטשע אָפּשטיין ביים שפּיגל. איר אייגן גע־שטאַלט וואָס האָט צו איר אַרויסגעקוקט פון דעם גרויסן איינגערעמטן שפּיגל־גלאָז האָט אויסגעזען צו טראָגן אין זיך די טאַטשע פון דער צו־קונפט. די טאַטשע פון אַלע חלומות און אילוזיעס. דאָס יונגע מיידל האָט פּאַמעלעך אָנגעהויבן צו גלויבן אַז יענע טאַטשע אין שפּיגל איז די ווירק־לעכע, און זי האָט אָנגעהויבן זי צו צערטלען און צו פּיעשטשען און פאַרלאַנגט פון איר אַז זי — די טאַטשע אין שפּיגל — זאָל אָנהויבן אויס־צושפּילן אַלץ וואָס עס טוט זיך נאָר אין אירע באַגערן און וויזיעס. טאַטשע האָט אויסגעזוכט אַלטע קליידער וואָס זיינען ביי די ליפּסקיס געלעגן בירושה פון פאַרצייטישע משפּחה־באָבעס. זי האָט זיך די דאָזיקע קליידער אָנגעטאָן. זי האָט זיך באַהאַנגען מיט טערקישע טיכער און מיט אַלערליי פאַרצייטישע תכשיטים. זי האָט זיך אָנגעטאָן קופּקעס און שטערן־טיכלעך און זיך געשטעלט פאַרן שפּיגל. אָן אַלטע פאַרצייטישע באָבע איז איר אָקעגנגעטרעטן, און טאַטשע האָט איר געהייסן שפּילן און זיך באַוועגן. די אַלטע באָבע אינעם שפּיגל האָט טאַטשען דערציילט אַ פאַרצייטיש מעשהלע, אַ לעגענדע פון יידישע מעשה־ביכלעך. טיילמאָל האָט טאַטשע אַרויסגענומען פון דער שאַנק איר מוטערס חופּה־קלייד. זי האָט זיך אָנ־געטאָן אין ווייסן חופּה־קלייד, זיך אָנגעטאָן אויפן קאָפּ אַ חופּה־שלייער מיט אַ קרענצל פון פּאָמעראַנצן־בליעכץ. אַ צנועותדיקע יידישע כלה איז טאַטשען אַפּערגעטרעטן פונעם שפּיגל־גלאָז. זי האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן די אויגן פון שעמעוודיקייט און פון ליבשאַפט. טאַטשע האָט געגלויבט

צו זען ווי די כלה שטייט אונטער דער חופה. טיף ערגעץ אין שפיגל שפילן קלעזמאָרים. אַ רב לייענט אַ כתובה, און אַ פרעמדער וואונדער־שיינער בחור, פונקט אַזוי שיין ווי איר פאָטער, שטייט לעבן דער כלה. די כלה אין שפיגל האָט אַרויסגעשטעקט אַ פינגער מען זאָל זי מקדש זיין. אונטערן חופה־קלייד האָט געקלאַפּט דאָס מיידלשע האַרץ מיט אַלע אומבאַקאַנטע דערוואַרטונגען פון דער ליבשאַפט. די קאַפּעליע האָט ווידער אויפגעשפּילט, און די טאַטשע אין שפיגל האָט זיך מיט סאָמנאַמבולישע ריטמישע שריט געלאָזט גיין מיט איר באַשערטן.

פרייטיק צו נאַכטס — מענדל ליפּסקי איז אַהיים געקומען פון גערער שטיבל. אויפן שבתדיק געדעקטן טיש האָבן געברענט ליכט אין די זילבערנע לייכטער. דער קידוש־ווײַן האָט געפינקלט אין דער ירושה־קאַראַפינקע. אַלטע זילבערנע בעכער זיינען געווען אויסגעשטעלט אויפן שבתדיקן טישטעך. די חלות זיינען געווען צוגעדעקט מיט אַ רויט־זיידן חלה־טישטעכל, געהאַפטן אין גאָלד, זילבער און פּערל. אַ חלה־טישטעכל וואָס טאַטשעס מוטער האָט כלהוויז געהאַפטן פאַרן חתן. מענדל ליפּסקי אין דער גלאַנציקער זיידענער קאַפּאָטע און אין שוואַרצן שטריימל האָט אויסגעקוקט נאָך געטערישער און מיטישער, און ער האָט זיך פאַרנומען צו מאַכן קידוש. דאָ איז טאַטשע גאָר אַריינגעפאַלן אין היסטערישער התפעלות. זי האָט אין דעם רבניש־אַנגעטוענעם פאָטער געזען די וויזיע פון אירע שווישפילערישע אילוזיעס. דאָס לעבן האָט זיך אויך אַחוץ אינעם שפיגל פאַרוואַנדלט אין אַ לעגענדע און אין טעאַטער. טאַטשע האָט אירע אויגן נישט געקאָנט אָפּרייסן פונעם פאָטער, און אין מיטן קידוש זיך נישט איינגעהאַלטן אויסצודריקן איר התפעלות.

מענדל ליפּסקי איז זיכער געווען אַז אין טאַטשען וואַקסט אים די איינציקע פרומע טאָכטער מיט וועלכער ער וועט קענען אַ שידוך טאָן לויט זיין שטאַנד און ווילן. זי וועט אים נישט באַלד נאָך דער חתונה אַנטלויפן קיין פּאַריז און צומאָל מער נישט שרייבן קיין בריוול.

אָבער דאָ איז פונדאַסניי געקומען די גרויסע אַנטוישונג.

שמעון קראָטקע איז געווען אַ יינגל פון וואַרשעווער אָרעמקייט. מען האָט אים אָוועקגעגעבן צו אַ בעל־מלאכה. ווי אַ סך עכטע קינסטלערישע נאַטורן האָט ער ביי דער אַרבעט אין דער מאַטעריע אויסגעפונען די שיינקייטן פון דער פאָרם. ער האָט אָנגעהויבן צו צייכענען, צו שניצן,

צו קלעפּן, און כסדר געחלומט צו ווערן אַ מאָלער און אַ סקולפּטאָר. ער איז געגאַנגען אין די וואַרשעווער מוזייען, אין די קאַשטשאַלן, אין די שולן און געוואָלט ווערן איינער פון די מייסטער וואָס האָבן ביי די דאָזיקע זאַכן געאַרבעט. פון דעם אָנקוקן זיך מיט דעם כלי־קודש אין די שולן און מיט די געמעלעכצן און צייכענונגען אויף די „שיוויתיס" און פּרוכתן האָט זיך אין אים געוועקט אַ בענקשאַפט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. אין דעם אַלטן הייליקן לאַנד פון יידן וועט ער קאָנען — האָט זיך אים אויסגעדוכט — שעפּן מאָטיוון און אינספּיראַציע מיט פולע עמערס, און ער וועט ווערן אַ יידישער מייסטער. גראָד האָט זיך דעמאָלט געעפנט אין ירושלים די קונסט־שולע „בצלאל" און קראַטקע האָט זיך געריסן אַהין.

ווי אַזוי די חסידישע טאָכטער טאַטשע האָט זיך באַקאַנט מיטן אָרעמען קראַטקע ווייס איך נישט. אָבער אַן אָרעמער בעל־מלאָכישער בחור וואָס לעבט אין וואַרשע אין די הינער־פלעט פון אַ פּאַרצייטיקן יידישן מזרח — האָט פאַר טאַטשען אין זיך געהאַט אַלצדינג פון אַן אָרעמען פּרינץ, וואָס טראָגט אַרום אין זיינע פאַנטאַזיעס די שפּעדיקע עשרותן פון אַ וואונדערלעך קיניגרייך. קראַטקע איז אויך אַרויסגעטראָטן צו איר ווי פון די מיראַזשן פון אַ שוישפּיל, און ער איז פאַר איר דער פּאַסיקסטער פּאַרטנער מיט אים צו שפּילן די גרויסע פאַרחלומטע ליבּ־שאַפט. איך בין מסופק צי טאַטשע האָט פאַר קראַטקען ווירקלעך גע־האַט דאָס געפיל פון אמתער ליבע. יעדער ווירקלעכער געפיל אין טאַטשען איז טויזנט־פאַך פאַרשווימען געוואָרן אין דעם טעאַטראַלישן זשעסט פון שוישפּיל. אַלצדינג האָט זי געשפּילט. זי האָט געשפּילט די גרויסע ליבע, פונקט ווי זי האָט געשפּילט דעם לײדנשאַפטלעכן טעמפּעראַמענט און דאָס עראָטישע ווייב פון גרויסן סטיל. און איך בין אויך מסופק צי טאַטשע איז בכלל געווען לײדנשאַפטלעך און עראָטיש. אַלצדינג איז געווען ביי איר אילוזיע און שפּיל. אַלצדינג האָט זי געזען ווי אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ. ווען טאַ־טשע וואָלט ווירקלעך געוואוסט אונטערצושיידן צווישן ווירקלעכקייט און אילוזיע, און געבליבן וואָך אויך אין אירע מיראַזשן, — וואָלט זי אין דער אמתן געקאָנט אויסוואַקסן צו אַ שוישפּילערין אויף דער בינע. זי האָט אפשר געהאַט די טאַלאַנטן דערצו. אָבער טאַטשע האָט נישט געוואוסט צו מאַכן דעם חילוק. זי איז פאַרלוירן געוואָרן אין אירע מיראַזשן, און דאָרט אויך פאַרלוירן אירע מעגלעכקייטן און איר לעבן. זי האָט סוף־

כל־סוף צו גאָרנישט נישט דערפירט. קיין קינסטלער האָט נאָך גאָרנישט דערגרייכט ווען ער לעבט אין זיינע אילוזיעס ווי אין ווירקלעכקייט. קונסט איז נעמלעך דאָס קלאָרע און וואַכע באַוואוסטזיין וועגן דעם מהות פון איר אילוזאָרישקייט. וואָס מער אַ קינסטלער ווייסט דעם חילוק צווישן זיינע פאָרשטעלונגען און זיינע ווירקלעכקייטן — אַלץ גרעסער זיינען פאַר אים די מעגלעכקייטן פון דערגרייכונג.

ווען טאַטשע האָט זיך באַקאַנט מיט שמעון קראַטקע איז זי קוים אַלט געווען זעכצן יאָר. אָבער זי האָט פאַנאַנדערגעשפּילט איר ליבשאַפט צו אים מיט אַזאַ התפּעלותדיקן פּאַטאָס און מיט אַזוי פיל ליידנשאַפטלעכער טעאַטראַלישקייט פון אַ יוליאַ צו אַ ראָמעאָ, אַז מענדל ליפּסקי האָט זיך ממש דערשראָקן. ער האָט געפּרואווט שטעלן אַ ווידערשטאַנד. וואָס טויג אים אָן אָרעמער אייִדעם מיט אַ שלימזלדיקן פאַך פון אַ קינסטלער? אָבער מענדל ליפּסקי האָט נישט געוואוסט אַז וואָס גרעסער זיין ווידערשטאַנד — אַלץ פאַרביקער און לעגענדאַרישער ווערט די בינע אויף וועלכער טאַטשע שפּילט איצט אויס איר שפּיל. צווישן ראָמעאָ און יוליאַ זיינען פאָרגעקומען באַהאַלטענע זעענישן. מען האָט זיך געשוואוירן אייביקע ליבשאַפט ביי די שטערן אין הימל און ביי דער שיין פון דער לבנה. שמעון קראַטקע האָט זיך פאַמעלעכל געקליבן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. טאַטשע האָט אים באַשוואוירן אַז ער זאָל זי אַרויסגנבענען פון איר פאָטערס הויז. זי איז טאַקע מיט אים אַנטלאָפן קיין ירושלים און געשטעלט מיט אים אַ חופּה אין דער חורבה פון ר' יהודה החסיד.

# קאַפּיטל זעקס

טאַטשעס הלבשה. אַ „יד" פון דער תורה. רע־
גינאַ שאַפּיראָ. בערטע. פּלענער וועגן אַ מאָדערן יידיש
טעאַטער. אַנקל סעם ווערט יידישער טעאַטער־דירעק־
טאָר. קראַטקעס אַטעליע. טאַטשעס בודואַר. דאָס גאָל־
דענע ציגעלע. טאַטשע ווײנט דאָס גרויסע געוויין אי־
נעם ריטס פון אַ גריכישן כאָר.

ווען נאָך צוויי יאָר אָפּזיין אין ירושלים האָט שמעון קראַטקע אַרויפֿ־געבראַכט טאַטשען צו פּרצן, איז עס געווען די גרעסטע אַטראַקציע. ס׳האָט זיך אין פּרצעס שטוב באַוויזן שרה בת טובים צי גאָר די מאַמע רחל וואָס קראַטקע האָט זי אַ לעבעדיקע אַהער געבראַכט פֿון אונטערן שטיין אויפֿן וועג קיין בית־לחם. דאָס דראַבנע ווייבלעכע נפשל איז געווען באַהאַנגען מיט אמתע פֿרומע פּאַטשיילעס פֿון ארץ־ישראל. איינגעוויקלט אין טערקישע טיכער. זי האָט געטראָגן אַ געל־זײַדן קלייד וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ רבישער שלאָף־ראָק אָדער ווי עפּעס אַ געוואַנט פֿון מזרחישע דערווישן. אויך די האָר זײַנען איר געווען פֿאַרהילט אין פֿאַר־ביקע שמאַטקעס און שמאַטקעלעך, באַשטאַכן און באַשפּילקעט מיט אַלטע ציטער־נאָדלען, מיט אַראַבישע שפּילקעלעך און מיט סתם תכשיטים פֿון הייליקן בערנשטיין און אַנדערע מזרחישע שטיינער און גלאָזוואַרגן. אין די אויערן האָט זי, ווי די פּאַרצייטישע באָבעס, געטראָגן גרויסע טונקל־גרינע שטיינדלעך געפּאַסט אין אַלטן גאָלד. אַחוץ דעם איז זי גלאַט געווען באַהאַנגען מיט קמיעות און קמיעהלעך, פּערלמוטערנע פֿלעשלעך אויף בשמים און שמעק־וואַסערן, בראַשקעלעך און קעסטעלעך, און דעם גאַנצן רעקוויזיט פֿון ארץ־ישראל און פֿון פּאַרצייטיקע דורות. ווען זי האָט אויפֿגעהויבן איר קליינע און שמאָלע האַנט, אַ האַנט אָנגעשפּיקעוועט מיט בראַנזעלעטן און פֿינגערלעך וואָס האָבן געשמעקט מיט באַזאַרן און מור־זעאומס, האָבן מיר ווידער געהאַט דעם איינדרוק אַז אַ לעבעדיקע „יד״ פֿון דער תורה הויבט זיך אויף איבער פּרצעס טיש און גייט אונדז אַלעמען טײַטלען אין דער פּרשה.

שמעון קראַטקע אַליין איז געווען ווי פאַרצויבערט פון דעם דאָזיקן קליינעם אויסטערלישן ווייבל. פון אַלע קאָמפּאָזיציעס וואָס ער האָט גע־וויזן און פון די אַלע פאַרשיידענע פּראָיעקטן פאַר פאַרצירונגען פון יידישע ביכער — אומעטום האָט פון די קאָנטורן און ליניעס אַרויסגעקוקט איר געשטאַלט. איר געשטאַלט אין פאַרשיידענערליי סטיליזירונגען און אופנים. אחוץ דעם האָט ער זי נישט אויפגעהערט צו מאָדעלירן. ער האָט געמאַכט פון טאָטשען אַ קאָפּ, האַלב מאַדאָנע האַלב רביצין. אויך האָט ער גע־קלעפּט איר אַקט, אונז געפירט אין זיין אַטעליע און געוויזן טאָטשעס נאַקעטקייט. ס'איז געווען אַן איידעלער ליגנדיקער פרויען־קערפּער וואָס האָט אין זיין ליידפולער דערוואַרטונג דערמאָנט סיי אין דער „פּיעטאַ" פון מיקל אַנדזשעלאָ און סיי אין דער בויגעוודיקער צאַרטקייט פון די ליניעס אין עפּעס אַן איידל אַלטערטימלעך־קיניגלעך געפעס וואָס באַהאַלט אין זיך די שמעקנדיקע בוימאיילן פון שיר־השירים.

קיין סך דאַמען און אינטערעסאַנטע פרויען פלעגן צו פּרצן נישט אַרויפקומען. די יידישע ליטעראַטור איז קיינמאָל נישט געשטאַנען אין גרויס חשיבות ביי די פרויען פון די בירגערלעכע און געבילדעטע קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפט אין פּוילן. מען האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף איר פון „אויבנאַראָפּ" און געזען קולטור און שיינקייט נאָר אין דעם וואָס איז אויף פּויליש. פונדעסטוועגן זיינען געווען אויסנאַמען. דאָ האָט די גרויסע פּערזענלעכקייט פון פּרצן צו זיך צוגעצויגן. עס פלעגט אַמאָל אַרויפקומען צו פּרצן רעגינע שאַפּיראָ, אַ הויכע טונקעלע דאַמע, מיט יצר־הרע־הערלעכן איבער די ליפּן, און מיט אַ סך אַריסטאָקראַטישע מאַ־ניערן. מען האָט געזאָגט, אַז זי איז עפּעס אַזוינס ווי פּרצעס מוזע. ער לייענט איר פאַר זיינע שאַפונגען און איר געשטאַלט גיט אים אַ סך אינספּי־ראַציע. אין פּרצעס דראַמען ווערט עטלעכע מאָל דערמאָנט די „שוואַרצע פּעשע". אין „טויט פון אַ קלעזמער" איז זי די געליבטע פון דעם קלעזמער. אין פּרצעס בריוו הייסט זי „די דאַמע ביים מעער" — דאָס אַלץ זאָל זיין רעגינע שאַפּיראָ. די צווייטע דאַמע וואָס פלעגט אַרויפקומען צו פּרצן איז געווען בערטאַ, די פרוי פון לעאָן פּייגנבוים. זי איז געווען זייער אַ סימפּאַטישע אינטעליגענטע פרוי, אַן ענערגישע און לעבעדיקע און האָט גערעדט אַ פיינעם געשמאַקן יידיש. די סיבה איז געווען אַ פּשוטע: בערטאַ

האָט שוין געשטאַמט פון סאָציאַליסטישע קרייזן און איז געקומען פון ריגע. אָבער טאַטשע האָט אויסגעקוקט זיי אַלעמען צו שטעלן אין שאָטן. עס האָט זיך ממש אין איר פערזאָן אַ יידישע מוזע אַראָפּגעלאָזט פון די הימלען. דאָס איז דאָך די קונסט אין אַ ווייבערישער ספּודניצע. און וואָסער ספּודניצע! סאַמע שמן־זית און תורה־מענטעלעך.

פּרץ האָט זיך תמיד אַרומגעטראָגן מיט גרויסע פּלענער. ער איז באמת געווען דער פּיאָנער פון יעדן יידישן שאַפן. אין יענע צייטן האָט זיך פּרץ אַרומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן וועגן אַ מאָדערן יידיש טעאַטער. עפּעס אַזוינס ווי אַ יידיש קאַמער־שפּיל וואָס זאָל אַרויסטראָגן אויף די ברעטער זיינע, פּרצעס, דראַמאַטישע זעאונגען. אויך דאָ זיינען קראַטקע און טאַטשע געקומען ווי אַן אַנטפּלעקונג. ס'האָט געהייסן אַז טאַטשע איז אַ גרויסע מאָדערנע שוישפּילערין. קראַטקע האָט געהאַט פּלענער וועגן די דעקאָראַציעס פון אַ נאַציאָנאַל יידיש טעאַטער אין הויכן און פּאַרטיפּטן סטיל. אַזוי צו זאָגן, די טייז רויט פּאַר אַ מאָדערנער יידישער בינע זיינען כמעט ווי אַראָפּגעפאַלן פון דאַך, און ס'גייט נאָר אין צוזאַמענשטעלן אַ טרופּע.

אין פּוילן האָבן זיך אין אַלע שטעט און שטעטלעך געגרינדעט ליב־האָבער־טרופּעס וואו יונגעלייט און מיידלעך האָבן געפּרואווט צו שפּילן די בעסערע ליטעראַרישע דראַמעס פון דער יידישער ליטעראַטור. אויך אין וואַרשע איז געווען אַ ליבהאָבער־טרופּע. זי האָט מיט גרויס דערפּאָלג געשפּילט פּרצן, שלום אַשן, פּרץ הירשביינען און שלום עליכמען. דער שטערן פון דער דאָזיקער טרופּע איז געווען מאַרק שווייד. ער האָט אויך געשריבן לידער און פּלעגט אַרויפקומען צו פּרצן. אויף אָט־דעם שווײדן האָט מען אָנגעהויבן צו קוקן ווי אויף דעם מענלעכן פּאַרטנער פּאַר טאַטשען אין דעם נייעם עקספּערימענטירנדיקן יידישן קאַמער־שפּיל.

צווישן דער יוגנט אין וואַרשע האָט זיך באַלד פּאַרשפּרייט אַז פּרץ זוכט יונגע שוישפּילער און שוישפּילערינס פּאַר זיינס אַ טרופּע. אַחוץ יונגעלייט וואָס זיינען אַרויפגעקומען צו פּרצן אים ווייזן זייערע כתבים, האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן יונגע בחורים און מיידלעך וואָס האָבן געגלויבט צו האָבן שוישפּילערישן טאַלאַנט.

די אַרבעט איז געווען אַ גרויסע. דאָ איז אַראָפּגעפאַלן אַ נייע הילף פון די הימלען.

אין פרצעס שטוב האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן אַן אַמעריקאַנער ז. װענדראָף.

מיט וואָס ז. װענדראָף איז געווען אַן אַמעריקאַנער איז שווער צו זאָגן. סך־הכל איז ער געווען אַ געשמאַקער און פּיפּיקער ליטוואַק מיט אַ סך לומדישן וויץ און מיט אַ גוטער זשורנאַליסטישער פּעדער. ער איז געווען אויסגעקאָכט אין יידישע צרות פון „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ״. פון די דאָזיקע צרות האָט ער געוואוסט צו שרייבן און צו דערציילן זייער פריי־לעכע מעשיות. מיט אַמעריקע האָט ער געהאַט צו טאָן אַזוי פיל וויפל אַ סלאָבאָדקער ישיבה־בחור. פאַרט איז ער צו פּרצן געקומען פון ניו־יאָרק. ווי לאַנג ז. װענדראָף האָט פאַרבראַכט אין דער גאָלדענער מדינה, ווייס איך נישט. אָבער ער איז געקומען פון דאָרט אַן אויסגעדאַרטער, אַן אָפּגעראַזירטער ווי מען וואָלט אים דאָס פּנים אָפּגעשאָבן כדי ער זאָל אויסקוקן ווי אַ סריס — און מיט קעסטלדיקע ענגלישע הויזן, מיט אַ האַרטן קאַפּעליוש פון אַ דענדי, און מיט דאַרע ליטווישע פינגער וואָס זיינען געווען באַזעצט מיט גראָבע גאָלדענע פינגערלעך. ער האָט גע־שפּילט פאַר אונז דעם אַמעריקאַנער אָלרייטניק, דערציילט פון די עלע־ווייטערס אין ניו־יאָרק און פון די יידישע רעסטאָראַנען אויף דער איסט־סייד. דערצו צייטנווייז — ווען ער איז געווען אין אַ באַזונדער גוטער שטימונג — האָט ער ליב געהאַט צוצומישן צו זיין שאַרפן ליטווישן יידיש עטלעכע ענגלישע אויסדרוקן. אַט מיט דעם באַגאַזש האָט ז. װענדראָף רעפּרעזענטירט אַמעריקע. אַז ז. װענדראָף האָט געהערט ווי עס קאָכט זיך ביי פּרצן מיט די פּלענער פון אַ ניי יידיש טעאַטער, האָט ער מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו ווייזן ווילדע בקיאותן אין טעאַטער־לעבן פון אַמעריקע. ער האָט כמעט ווי געוואוינט דאָרט הינטער די קוליסן און איז אויסגע־קניפּט און אויסגעבונדן מיט אַלע סטאַרס און סטאַרקעס פון דער יידישער בינע אין ניו־יאָרק. הכלל עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ז. װענדראָף איז פּשוט דער געבענטשטער קאַנדידאַט אויף דירעקטאָר אינעם נייעם טעאַ־טער. ז. װענדראָף, אַ גזמוטיקער און פּיפּיקער ליטוואַק וואָס האָט אַלצ־דינג געגומען פון דער לייכטער זייט, אים איז געפעלן געוואָרן די יאַרמל־קע וואָס מען האָט אים אומגעריכטערהייט אָנגעטאָן און ער האָט געזאָגט צו פּרצן, אַז מירצעשעם נאָכדעם ווי די ערשטע פאָרשטעלונג וועט אדורכ־גיין בשלום קויפט ער זיך אַ גרויען צילינדער ווי דער אָנקל סעם און לאָזט

זיך אין אזא צילינדער איבער ווארשעווער גאסן כדי יידן זאלן זען וואס עס הייסט אן אמעריקאנער דירעקטאר.

מיטן טעאטער האט מען זיך לאנג ארומגעפארעט און עס איז עפעס נישט געגאנגען. דערווייל האט זיך קראטקע מיט טאטשען ארויפגעצויגן אויף א בוידעם ערגעץ אין די העכסטע הייזער אויפן גזשיבאוו, און דארט איינגעאָרדנט דעם ערשטן יידישן קינסטלער־אטעליע אין ווארשע.

די בוידעם־פענצטער פון קראטקעס אטעליע זיינען ארויסגעגאנגען אויף איינעם פון די באלעבטסטע און גרעסטע גזשיבאווער היף. ס'איז געווען א הויף וואס האט זיך געצויגן קווער פון פאנסקא ביזן גזשיבאוו און איז געווען אליין פאר זיך א ווארשע אין מיניאטור. ס'איז דארט תמיד געווען א מארק מיט בײדלעך און מיט קראמען. א הויף פול מיט יאטקעס און מיט פיש־געוועלבן. אפילו בלעכער און שמידן האבן דארט געארבעט. ס'האט זיך געהערט דאס קלאפן פון האמערס באגלייך מיטן אומאויפהער־לעכן געשריי פון יידן און יידענעס. בעלי־עגלות זיינען דארט אריינגע־פארן מיט זייערע וועגענער, אויסגעלאדנט און אנגעלאדנט סחורות. דער הויף האט גערוישט און געווימלט ווי פון א ים מיט מענטשן. אויף קראט־קעס בוידעם האט זיך עס אבער געהערט ווי א ווייטער, ווייטער געברום. דא האט דאס ליכט אריינגעשפארט פון אלע שפארונעס און ס'האבן זיך געזען די ווייטע פליינען פון ווארשעווער דעכער. קראטקעס בוידעם איז געווען אויסגעהאנגען מיט צייכענונגען וואס גישט בלויז די מענטשלעכע פיגורן האבן אראפגעקוקט ווי סטיליזירטע טאטשעס, נייערט אפילו די אלערליי הערשעלעך, ציגעלעך און העזעלעך האבן אלע היפשלעך געכאפט טאטשעס אנבליק. זיי האבן אויסגעקוקט ווי טאטשע אינעם געשטאלט פון אנימאלישע באשעפענישן. אחוץ דעם איז דער אטעליע געווען אנ־געשטעלט מיט אלערליי סקולפטורן וואס קראטקע האט געהאלטן אין מיטן ארבעטן. די נאך נישט אויסגעפארטיקטע פיגורן אין ליים־צושטאנד זיינען געווען באהאנגען און באוויקלט מיט נאסע שמאטעס און טיכער. אויפן דיל אין קראטקעס בוידעם האבן זיך ארומגעוואלגערט אלערליי גיפס־קעפ, גיפס־קערפערס און אפגעהאקטע איברים פון גיפס. פון אלעם האבן ארויסגעקוקט טאטשעס בליקן.

טאטשע האט זיך אפגעטיילט א שטיקל ארט אויפן בוידעם פאר זיך אליין אלס בודואר צי שלאף־שטוב. זי האט עס פארהאנגען מיט אלטע

טערקישע טיכער און מיט געלע צעריסענע בראַקאַטן וואָס זי האָט מיט־געבראַכט פון ירושלים. אינעווייניק אין טאַטשעס בודואַר איפּן בוידעם איז געווען תמיד אַ האַלב־טונקלעניש וואָס איז געווען שווער באַלויכטן מיט אייל־פלעמעלעך וואָס האָבן מיסטיש געפלאַקערט אין אַלערליי חנוכה־לעמפלעך, מנורהלעך, ליימענע קרוגעלעך און אַנטיקע יידישע אייל־לעמפלעך וואָס מען געפינט מאַסנווייז אין דער ערד פון ארץ־ישראל און וואָס האָבן נאָך געלויכטן אַמאָל ביי די אַלטע יידן פאַרן ערשטן און צווייטן חורבן. די דאָזיקע אַלטע יידישע לעמפלעך האָבן פונדאַסניי אויפ־געלויכטן אין דער טונקלעניש פון טאַטשעס בודואַר. אחוץ דעם זיינען סתם אַנגעשטעלט געווען קעפּ און קעפּלעך, געטשלעך פון כנענישע עבודה־זרות וואָס קראַטקע האָט מיטגעבראַכט פון ארץ־ישראל. טאַטשעס בעט האָט גיכער אויסגעקוקט ווי אַ „מיטה" איידער ווי אַ בעט, און עס איז געווען באַלייגט און באַהאַנגען מיט פּרוכתן און אָריענטאַלישע טיכער. ס'האָט זיך עפּעס גאָרנישט צוגעגלויבט אַז טאַטשע לייגט זיך טאַקע שלאָפן אויף דעם דאָזיקן אויסטערלישן און אומהיימלעכן געלעגער.

כדי צו פאַרווירקלעכן זיינע פּלענער וואָס שייך די אָרנאַמענטן אויף יידישע ביכער און די דעקאָראַציעס פאַרן טעאַטער וואו טאַטשע באַדאַרף שפּילן — האָט זיך קראַטקע פאַרשאַפט אַלערליי לעבעדיקע העזעלעך און קראַליקלעך, ווי אויך עטלעכע ווייסע הענער וואָס זאָלן אים דינען ווי מאָדעלן פאַר זיינע צייכענונגען און קאָמפּאָזיציעס. צווישן די אָפּגע־האַקטע קעפּ און טאַרסאָס איפּן דיל זיינען אַרומגעשפּרונגען העזעלעך און קראַליקלעך. די ווייסע הענער האָבן האָפּערדיק געפּיקט אין די קונסט־ווערק. דאַן האָט זיך קראַטקע פאַרשאַפט אַ לעבעדיק ווייס ציגעלע. ער האָט עס באַדאַרפט האָבן ווי אַ מאָדעל פאַר זיינס אַ נייע גרויסע קאָמפּאָ־זיציע און טאַקע פאַר די דעקאָראַציעס פון פּרצעס טעאַטער. דאָס ציגעלע איז געווען גאָר אַ האָפּערדיקס. עס האָט אַלעמען שקאַציש געשטויסן מיט זיינע הערנערלעך און גאָר פרייליך געמעקעט אין קראַטקעס אַטעליע. ווען עס איז מיד געוואָרן האָט עס זיך באַזונדערס ליב געהאַט אָוועקצו־לייגן אויף דער אומהיימלעכער „מיטה" אין טאַטשעס בודואַר. מיר אַלע האָבן דאָס ציגעלע זייער ליב געהאַט און עס איז געוואָרן ווי אַ טייל פון דער יידישער קינסטלער־ און שרייבער־משפחה וואָס פּלעגט אַרויפ־קומען צו קראַטקען. דאָס ציגעלע האָט אַזוי ווייט פאַרנומען טאַטשעס

פֿאַנטאַזיע, אַז זי האָט אויך דערמיט אָנגעהויבן צו שפּילן טעאַטער. אין אַ שיינעם אויפֿדערנאַכט ווען קיינער איז נישט געווען אין אַטעליע האָט זי גענומען אַ טאָפּ מיט גאָלדפֿאַרב און דאָס קליינע ווייסע ציגעלע אָפּ־געפֿאַרבט אויף גאָלד. זי האָט געוואָלט דווקא האָבן אַ גאָלדן ציגעלע. אַ ציגעלע פֿון די געזאַנגען און לידער. טאַטשע האָט ווייניק געקאָנט נאַטור־וויסנשאַפֿט און נישט געוואוסט, אַז מיט דעם אָפּשמירן אויף גאָלד פֿאַרשטופּט זי אַלע אָטעם־לעכלעך פֿון ציגעלעס פֿעל. טאַטשע האָט זיך געלייגט שלאָפֿן אויף דער „מיטה" און אויסגעלאָשן אַלע מיסטעריעזע אייל־פֿלעמלעך ביי זיך אין בודואַר. טאַטשע איז איינגעשלאָפֿן און מן־הסתם געחלומט פֿונעם גאָלדענעם ציגעלע. צומאָרגנס איז דאָס ציגעלע געלעגן אַ טויטס צווישן די קונסט־ווערק אין קראַטקעס אַטעליע. אַ טויט גאָלדן ציגעלע.

דער טרויער אין קראַטקעס בוידעם איז געווען אומבאַשרייבלעך. טאַטשע האָט זיך פֿאַרהילט אין טיפֿן שוואַרץ. זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד לעבן טויטן גאָלדענעם ציגעלע און אָנגעהויבן דאָס גרויסע געוויין אין ריטם פֿון אַן אַלטן גריכישן כאָר.

## קאַפּיטל זיבן

פּרץ און יעקב דינעזאָן. דינעזאָנס פּאָפּולאַריטעט אין תּפוצות ישׂראל. וואָס הייסט קעמפן קעגן פּרצן? דינעזאָנס באַציאונגען צו יידישע שרייבער. ביי די־נעזאָנען אין שטוב אויף דזשעלנע.

פון די סטאַבילע מענטשן וואָס פלעגן אַרויפקומען צו פרצן — און זיי האָבן באַלאַנגט כמעט ווי צו פרצעס משפחה און אַנטיילגענומען אין אַלע אירע פריידן און זאָרגן — איז געווען יעקב דינעזאָן.

די טיפע איבערגעגעבענע ברידערלעכע פריינדשאַפט פון יעקב דינעזאָנען צו פרצן האָט געקענט דינען פאַר אַ מוסטער ווי אַזוי אײַן שריפטשטעלער קאָן האָבן צום אַנדערן די איבערגעגעבנסטע באַציאונג, פאַרערונג און פריינדשאַפט וואָס גרענעצט פשוט מיט זעלבסטלאָזיקייט — און דאָס זיינען געווען די באַציאונגען פון דינעזאָנען צו פרצן. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז ווען פרץ איז אַריינגעקומען אין דער יידישער ליטעראַ־טור איז דינעזאָן געשטאַנען אויף די הויכעניש פון זיין רום. ער איז געווען אַ פאָלקס־שרייבער אין פולן זין פון וואָרט. די יידישע מאַסע האָט זיך בוכשטעבלעך מיטגעפרייט, מיטגעליטן און מיטגעוויינט מיט די שמחות און ליידן פון דינעזאָנס העלדן. הגם געליטן האָבן זיי — דינעזאָנס העלדן — מיט פולע עמערס און די שמחות זיינען ביי זיי געווען אַזוינע זעלטענע און אַזוינע ווינציקע. ווען עס האָט זיך באַוויזן דינעזאָנס ראָמאַן „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק", האָבן זיך קיין שום שוואַרצע יינגערמאַנ־טשיקלעך נישט געטאָרט באַווייזן אין כל תפוצות ישראל. די יידישע מאַסע האָט זיי געשלאָגן אויף די גאַסן. ווען עס האָט זיך באַוויזן „יאָסעלע" — איז אין יידישע שטובן געווען אַ גרויס געוויין. דאָס רחמנות אויפן עלנטן יתום האָט צוגעדריקט טויזנטער יידישע הערצער. אינעם געמיט פון דער יידישער מאַסע האָט דער נאָמען דינעזאָן געקלונגען ממש ווי אַ לע־גענדע פול מיט טרויער, מיט רחמנות און מיט ליבשאַפט. פונדעסטוועגן —

וויבאַלד פּרץ האָט זיך נאָר באַוויזן אין דער יידישער ליטעראַטור האָט דינעזאָן אָנגעהויבן אָנערקענען אַז דאָ קומט דער גרעסערער ברודער, דער מענטש פון דער צוקונפט פון דער יידישער ליטעראַטור, און ער האָט באַלד זיך אָנגעהויבן אָראָפּצורוקן אויפן צווייטן אָרט און צו גרייטן דעם אויבנאָן פאַר פּרצן.

ווען איך האָב באַגעגנט דינעזאָנען איז ער שוין געווען אַן אַלטער און אַ ווייסער ווי אַ טויב. ער איז געווען דראָבנע ווי אַ ייִנגעלע. ער האָט געטראָגן אַ שפּיציק גראָ בערדעלע און היפּשע דיקע וואָנצעס, און האָט געהאַט אַ פּאָר גוטע לאַכנדיקע אויגן. ער האָט גיכער אויסגעקוקט ווי אַ ייִנגעלע וואָס איז גראָ און אַלט געוואָרן. איך ווייס נישט צי ער איז עלטער געווען פון פּרצן. נאָר אַזוי ווי פּרץ האָט געשוימט מיט יוגנט־לעכקייט, האָט אים אויך דאָ דינעזאָן אָפּגעטראָטן דאָס אָרט. ער האָט נישט געוואָלט אויסקוקן יונג לעבן פּרצן. אומעטום האָט דינעזאָן גע־וואָלט אָפּגעבן פּרצן די קרוין און דעם אויבנאָן. ער, יעקב דינעזאָן, דאַרף נישט מער טאָן, נאָר מיט דער טיפסטער איבערגעגעבנקייט אָפּהיטן די דאָזיקע קרוין פון דער יידישער ליטעראַטור אַז עס זאָל חלילה אויף איר נישט פאַלן קיין שטויבעלע. ער האָט קיינמאָל נישט מוחל געווען ווען עמעצער האָט געפּרוּווט אויף דאָס מינדסטע צו מינערן פּרצעס חשיבות. דעריבער האָט דעם אייגנטלעכן ברוגז מיט דוד פרישמאַנען געפירט יעקב דינעזאָן. פּרץ איז בכלל נישט געווען קיין נוקם ונוטר. ער האָט פאַרגעסן אַן עוולה און געגומען לייכט די פיילן וואָס דוד פרישמאַן שיסט אויף אים. יעקב דינעזאָן האָט עס אָבער נישט געקאָנט מוחל זיין. וואָס הייסט? לאַ די מען בוקט זיך נישט פאַר פּרצן האָט מען גאָר די העזה אויף אים צו זאָגן שלעכטע ווערטער?

אַזוי האָט זיך יעקב דינעזאָן פאַמעלעכל פאַרוואַנדלט אין אַ זאָרגנ־דיקער מאַמע פאַר פּרצן. ער האָט געזאָרגט פאַר זיין כבוד, פאַר זיינע אַרבעטן, ווי אויך פאַר פּרצעס פּרנסה און הצטרכותן. דינעזאָן האָט אַלצ־דינג געמוזט וויסן וואָס עס טוט זיך ביי פּרצן אין שטוב. די מאַדאַם פּרץ פלעגט זיך מיט אים וועגן אַלצדינג אויסשמועסן, און ער האָט זיך גע־זאָרגט און געזאָגט דעות. ווען ער האָט נאָר געהאַט צייט איז ער גע־זעסן ביי פּרצעס טיש און געמאַכט פאַר אים פּאַפּיראָסן. שעהן־לאַנג האָט דינעזאָן געקאָנט מאַכן פּרצעס פּאַפּיראָסן און דאָס איז געווען פאַר אים

דער גרעסטער אָפּרו. ער האָט דאַן גערעדט מיט פּרצן צי מיט דער מאַדאַם פּרץ וועגן אַלערליי היימישע און שטוביקע ענינים, אָדער גאָר געהאַרכט אַ נייע זאַך וואָס פּרץ האָט אָקערשט וואָס געהאַט אָנגעשריבן. פּרץ האָט אים אַלצדינג פאַרגעלייענט, און דינעזאָן האָט תמיד אויסגעדריקט זיין התפעלות און געזאָגט, אַז אַזוינס און אַזעלכעס איז נאָך נישט אָנגע־שריבן געוואָרן. כ׳האָב קיינמאָל נישט געהערט אַז דינעזאָן זאָל עפּעס קריטיקירן וואָס פּרץ האָט אָנגעשריבן. אַלצדינג וואָס איז אַרויס פון פּרצעס פּעדער איז אין דינעזאָנס אויגן געווען לויטער גינגאָלד. די נעמלעכע באַ־ציאונג האָט ער געהאַט צו די יידישע שרייבער וואָס פלעגן אַרויפקומען צו פּרצן. דינעזאָן האָט נאָר איבערגעחזרט וועגן זיי פּרצעס מיינונג און געהאַט צו זיי די זעלביקע באַציאונג וואָס פּרץ. ער האָט געלויבט און ליב געהאַט די יעניקע יידישע שריפטשטעלער וועלכע פּרץ האָט געלויבט און ליב געהאַט. ווען פּרץ איז געווען צו עמעצן קאַלט איז אויך דינע־זאָנס באַציאונג געווען אַ קאַלטע. מען האָט גאָר באַדאַרפט צו רעדן מיט דינעזאָנען וועגן אַ שרייבער און מען האָט באַלד געוואוסט ווי עס טראַכט פּרץ.

פּרץ איז געווען זייער אַן אידעלער מענטש און ער האָט געוואוסט אָפּצושאַצן די חברישע און פּאַטערלעכע איבערגעגעבנקייט. איך האָב קיינמאָל נישט געהערט אַז פּרץ זאָל ווען עס איז רעדן וועגן דינעזאָנס שאַפונגען. משמעות האָט ער וועגן זיי נישט געהאַט קיין געהויבענע מיינונג. אָבער ווען עמעצער האָט גערימט דינעזאָנען און דערציילט פון זיין פּאָפּולאַריטעט ביי די פּשוטע פאָלקס־מענטשן האָט פּרץ צופרידן גע־שמייכלט און דערפון געהאַט גרויס הנאה. איינמאָל בלויז — דוכט זיך עפּעס ביי דינעזאָנס אַ יובילעאום — האָט פּרץ אָנגעשריבן אַן עסיי „די־נעזאָן דער מאָראַליסט״ אין וועלכן מען זעט פּרצעס טיפע דאַנקבאַרע ליבשאַפט צו דינעזאָנען. סתם אַזוי האָט ער אים גערופן „אַלטער״ און זיך פאַר אים אַלצדינג אָנפאַרטרויט. טיילמאָל — נישט זייער אָפט — פלעגט פּרץ באַזוכן דינעזאָנען. דינעזאָן איז געווען אַן אַלטער בחור, דוכט זיך אַ קרבן פון אַן אַמאָליקער אומגליקלעכער ליבע, וועלכע דינעזאָן האָט געהאַלטן אין טיפן בסוד ווי זיינס אַ הייליקטום. מן־הסתם האָט נענטערע פּרטים געוואוסט בלויז פּרץ אַליין. ער האָט געוואוינט, יעקב דינעזאָן, אין אַ שטיבל אויף דזשעלנע 15, בשכנות מיט זיינס אַ שוועסטער.

דאָס שטיבל האָט קיינמאָל נישט געמוזט אויסגעקערט ווערן. אַ שטיבל מיט אָפּגעריסענע ווענט און מיט פענצטער אָן שום פאָרהאַנגען. די פענצטער זיינען אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף. אינעווייניק אין דינעזאָנס חדר — אין וועלכן ער האָט געוואוינט כמעט דאָס גאַנצע לעבן זיינס — איז געווען פול מיט שטויב און מיט גאַנצע שטויסן פון אַלטע צייטונגען. ס'איז שווער געווען דאָרט צו אָטעמען מחמת דעם שטויב און דעם אַלטן פּאַפּיר. ביי־נאַכט, ווען דינעזאָן איז געשלאָפן, האָבן מן־הסתם די מייז דאָרט גע־פּראַוועט שוואַרץ־שבת און אַרומגעטאַנצט אויף טיש און אויף בענק. דאָס איז געווען יעקב דינעזאָנס היים. די היים פון אַן אַלטן בחור. ווען פּרץ פלעגט דאָרט אַמאָל אַריינקומען האָט זיך דינעזאָנס פּנים צעלויכטן און ער האָט אים אויפגענומען ווי דעם טייערסטן און זעלטנסטן גאַסט וועמען ער האָט שוין נישט געזען פון יאָרן. דינעזאָן האָט זיך באַלד אָנגעהויבן צו פּאָרען ביי זיין פּאָרזשאַווערטער נאַפט־מאַשינקע כדי צו מאַכן טיי און מכבד זיין דעם פאָרערטן גאַסט. ווען פּרץ האָט אַמאָל מיטגענומען צו די־נעזאָנען עמעצן פון זיינע מקורבים איז עס ביי דינעזאָנען געווען גאָר אָנגעלייגט און ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן פון גרויס איבער־ראַשונג. ער האָט מיט אַ שמאַטקעלע אָפּגעווישט דעם שטויב וואָס איז פול געלעגן אויף אַלע שטולן און מכבד געווען די געסט צו זיצן און צו טרינקען טיי. אויך מיך האָט פּרץ עטלעכע מאָל מיטגענומען צו דינעזאָנען. דינעזאָנס באַציאונג צו מיר איז געווען זייער אַ וואַרעמע. עס איז גענוג געווען פּרצעס באַציאונג צו מיר כדי דינעזאָן זאָל האָבן די זעלביקע באַציאונג.

## קאַפּיטל אַכט

לוציאַן. קאָמפּליצירטע באַציאונגען. דורכגעפאַלענע פּלענער. ענגלאַנד. לוציאַנס מוסער. שיקזאַל קעגן שיקזאַל. פּרץ דערציילט יאַנעקן די פאָלקסטימלעכע געשיכטן אײדער ער שרײַבט זײ אויף. פּרץ מיט יידישע שרײַבער בײ יאַנעקן, אויפן „טראַמווײ". לוציאַן דערנענטערט זיך צו מיר.

די שייכות פון פרצעס זון לוציאַן צום פאָטער האָבן אַ סך פון פרצעס ביאָגראַפן געשילדערט פאַר זייער קאָמפּליצירטע און מיט אַלערליי פּרואוון לוציאַנען אַרונטערצורייסן. לויט ווי איך קאָן מיך דערמאָנען במשך מיין זיך אין פרצעס שטוב איז די זאַך נישט געווען אַזוי פּשוט. עס זיינען טאַקע געווען זייער קאָמפּליצירטע באַציאונגען, אָבער ווער עס האָט טיפער געקוקט — און איך בין געווען פון די זעלטענע פון פרצעס מקורבים מיט וועלכע לוציאַן האָט זיך פאַמעלעכל באַפריינדעט — דער האָט גוט געקאָנט באַמערקן ווי טיף אונטער דער קאַלטער באַציאונג פון לוציאַנען צו פרצן האָט געשטעקט אַ גרויסע ליבשאַפט און אַ גרויסע פאַרערונג. לוציאַן איז געווען אַן אומגליקלעכער און זייער אַ נעוראַטישער מענטש, אַ מענטש מיט פאַרשפּילטע אַמביציעס וועלכע האָבן אין אים באַשאַפן אַ סך מינ־דערוועדטיקייטס־קאָמפּלעקסן. כדי צו פאַרבאַהאַלטן די דאָזיקע מינדער־ווערטיקייטס־קאָמפּלעקסן האָט ער זיך גאַר פאַרנומען אויפצושפּילן איג־נאָראַציע און איבערלעגנהייטס־זשעסטן קעגן דעם באַרימטן פאָטער. לוציאַנס ביטול צו פרצן איז אייגנטלעך נישט מער געווען ווי דער „פאַר־דרענגטער" ביטול צו זיך אַליין.

ביטול צו פרצן און כמעט צו אַלע יידישע שרייבער וואָס פלעגן צו אים אַרויפקומען — דאָס איז געווען דער נעגאַטיווער נעוראַטישער זשעסט מיט וועלכן לוציאַן האָט געשפּילט אַקעגן דער גרויסער טאַט וואָס געשעט אין פרצעס שטוב און וואָס הויבט דערמיט נאָך בולטער אַרויס זיין אייגענע, לוציאַנס, טאַטלאָזיקייט און זיינע אַלע דורכגעפאַלענע פּלע־נער. עס איז אַזוי מענטשלעך און אַזוי פאַרשטענדלעך. לוציאַן האָט געזען

ווי כמעט יעדער ווילן פּרצעס באַקומט פאַרווירקלעכונג און געשטאַלט, און פון אַלע זיינע, לוציאַנס, גרויסע פּלענער ווערט נישט מער ווי שטויב און ווינט. לוציאַן האָט זיך אויך אַרומגעטראָגן מיט גרויסע פּלענער. דער שאָטן פון זיין טעמפּעראַמענטפולן און באַרימטן פאָטער האָט נישט ווייניק געררייצט זיין אַמביציע. וואָסערע עס זענען געווען לוציאַנס גרויסע פּלע־נער איז אייגנטלעך שווער צו זאָגן. אַפילו מיט די ווייניקע באַענטע — און איך האָב באַלאַנגט צו די יעניקע מיט וועלכע לוציאַן האָט זיך אַ מאָל פאַנאַנדערגעשמועסט — האָט ער פון די דאָזיקע פּלענער דערציילט צופעליק און אין גאַנץ אַפּגעריסענע בלויז אַנדייטנדיקע זאַצן. זיינע פּלע־נער זענען געווען קאָמערציעלע און ער האָט געוואָלט דעריאָגן דעם רום פון זיין פאָטער דווקא אויף די פעלינגען פון דעם עולם־המעשה. לוציאַן איז געווען אַן אינזשיניער און האָט יונגערהייט פאַרברענגט עטלעכע יאָר אין לאָנדאָן. די גרויסע עקאָנאָמישע דערגרייכונגען פון די ענגלענדער און זייער וועלט־הערשאַפט האָט לוציאַנען אַזוי אַריינגעשלאָגן אין קאָפּ אַז ער האָט זיך באַטראַכט גייסטיק ווי אַן ענגלענדער, האָט געקוקט אויף גאַנץ אייראָפּע מחוץ דעם בריטישן אינדזל ווי אויף אַ נעסט פון שלימ־מזלען און טויגעניכטסן, בטלנים און דעגענעראַטן, — און האָט אַלצדינג פאַרגליכן מיט ענגלאַנד און נאָר געריעדט פון ענגלאַנד. דאָ האָבן אויך מן־הסתם מיטגעשפּילט זיינע מינדערווערטיקייטס־געפילן אין שייכות צו פּרצן און ער האָט זיך כסדר באַמיט צו באַווייזן אַז אַלצדינק וואָס איז נישט ענגלאַנד איז מינדערווערטיק און אַן באַטייט. וואָסער באַטייט האָט אַ י. ל. פּרץ קעגן ענגלאַנד !? ער האָט אַבאַנירט ענגלישע פאַך־זשורנאַלן, איבער־הויבט וואָס שייך האַנדל און טעכניק, און האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פּלענער צוריק צו פאָרן קיין לאָנדאָן, אָדער גאָר אין סאַמע וואַרשע צו מאַכן געשעפטלעכע אונטערנעמונגען אויפן ענגלישן אופן. ער וועט דערביי פאַרדינען מיליאָנען און ווייזן פּרצן און אָט די אַלע שרייבערלעך וואָס פאַרערן אים, ווער עס איז עלטער און וואָס עס פאַרשאַפט מער רום, צי די הינערפּלעט אין די ביכער צי די גרויסע געשעפטלעכע מעגלעכקייטן מיט וועלכע די ענגלענדער באַהערשן די וועלט.

פאַרשטייט זיך אַז פון די אַלע גרויסע חלומות האָט לוציאַן קיינמאָל דאָס מינדסטע נישט פאַרווירקלעכט. ער איז פאַרבליבן דער אומגליק־לעכסטער מנחם מענדל אונטער פּרצעס דאַך, הגם ער האָט דאָרט אויף

אַלעמען געקוקט ווי אויף ווינט־זייער און שטרענג — און כמעט כעסיק — פאַרהאַקט די טיר ווען שרייבער פלעגן אַרויפקומען צו פרצן און זיי האָבן זיך פאַרנומען פרצן פאַרצולייענען פון זייערע שאַפונגען, אַדער פרץ אַליין האָט זיך גענומען עפּעס פאַרצולייענען.

דאָס איז אייגנטלעך געווען דער פסיכישער קאָנפליקט צווישן פרצן מיט זיין זון לוציאַן. זיי האָבן זיך ביידע ניט אפשר אָפּגעגעבן קיין חשבון פון די סיבות וועלכע באַשאַפן אַ פרעמדקייט צווישן זיך. דערצו האָט זיכער נאָך מיטגעשפּילט דער פאַקט וואָס האָט זיך מן־הסתם טיף איינגע־גראָבן אין לוציאַנס קינדהייטס־דעראינערונגען און אַ סך מיטגעהאָלפן צו דעם אויסוואַקסן פון דעם געפיל פון מינדערווערטיקייט אין לוציאַנס נשמה, נעמלעך: ווען לוציאַן איז נאָך געווען אַ קינד האָט זיך פרץ געגט מיט לוציאַנס מוטער די טאָכטער פון גבריאל ליכטנפעלד. עס האָט געהייסן אַז ליכטנפעלדס טאָכטער איז געווען זייער אַ פרומע און נישט געוואָלט האָבן פאַר אַ מאַן אַזאַ גוי ווי פרץ. פרץ האָט זיך פאַרליבט אין זיין צווייטער פרוי, העלענע. זי זאָל האָבן געווען אַ גרויסע שיינקייט. דער גאַנצער קאָנפליקט און דאָס אָוועקשטויסן זיין מוטער האָט מן־הסתם לוציאַנען טיף באַליידיקט. ער האָט זיך אידענטיפיצירט מיט דער פאַרשטויסענער מוטער און געזען אומעטום מינדערווערטיקייטס־זשעסטן לגבי זיך. פרץ איז דער־ווייל גרויס און באַרימט געוואָרן. דאָס האָט נאָך מער פאַרבונדן לוציאַנען מיט דער פאַרשטויסענער מוטער, פאַרבונדן אין גורל פון געקריוודעטע, און אים האָט זיך כסדר אויסגעדוכט אַז ער מוז מאַנען פון פרצעס הענט די עוולה פון דער מוטער.

שיקזאַל האָט דאָ אַקעגנגעשפּילט קעגן שיקזאַל. איטלעכער טריט וואָס לוציאַן האָט געטאָן אין לעבן איז אים אויסגעפאַלן „באַקום". דעם פאָטער זיינעם האָט יעדער טריט געבראַכט צו נייע דערפאַלגן. לוציאַן האָט זיך פאַרליבט אין אַ טאָכטער פון די וואַרשעווער זיידעמאַנס. די זיידעמאַנס זיי־נען געווען פון די גבֿירישע וואַרשעווער „פּני", משפחה מיט די פּריוועסעס, און האָבן זיך איינגערעדט צו טראָגן אויפן קאָפּ אַלע קרוינען פון חשיבות. די זיידעמאַנס האָבן שוין באַלאַנגט צו דער וואַרשעווער יידישער אַסימי־לאַציע. אַז זייערס אַ טאָכטער זאָל חתונה־האָבן פאַר אַ זון פון אַ פשוטן גמינע־באַאַמטן איז זיי שטאַרק נישט אַנגעשטאַנען צום יחוס, און זיי האָבן זיך אַקעגנגעשטעלט דעם שידוך. ליבע איז אָבער שטאַרקער פון אַלצדינג

און דאָס פּאַר־פּאָלק האָט ענדלעך חתונה געהאַט. לוציאַנס ווייב איז געווען זייער אַ נערוועזע. לוציאַן איז אויך נישט געווען דער מענטש וואָס קאָן פירן אַ גליקלעך פאַמיליע־לעבן. דאָס מינדערווערטיקייטס־געפיל און די געקרענקטע אַמביציעס און דורכפאַלן זענען אים געזעסן טיף אין די ביי־נער. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דאָס פּאַר־פּאָלק האָט זיך געגט. זיי האָבן באַוויזן צו האָבן בלויז איין קינד, יאַנעק. פּרצעס איין און איינציק אייניקל. לוציאַן האָט זיך צוריק אַריינגעצויגן צום פאָטער אויף צעגלאַנע, געוועדט פון ענגלאַנד, אַבאַנירט פאַך־זשורנאַלן, געחלומט פון גרויסע געשעפטן, און צוגעמאַכט די טיר בעת ביי פּרצן זענען געווען שרייבער. אַזוי האָט זיך עס געפירט לאַנגע יאָרן. דאָס אייניקל, יאַנעק, איז פאַר־בליבן ביי דער מוטער, אָבער ער פלעגט אָפט אַרויפקומען צום זיידן. ער איז געווען אַ ווילד צעבאַלעוועט בחורל. זיין גאַנצע ליבשאַפט צו לוציאַנען האָט פּרץ אויסגעגאָסן אויף דעם דאָזיקן אייניקל. ער האָט זיך געלאָזט פון אים טעראָריזירן, געשפּילט מיט אים פערדלעך, און ווען יאַנעק האָט פון שטולן צוזאַמענגעשטעלט אַ „טראַמוויי״ האָט פּרץ געמוזט זיין זיין פּאַסאַזשיר. טייל מאָל האָט פּרץ געבעטן די יידישע שרייבער וואָס זענען צו אים אַרויפגעקומען, אַז זיי זאָלן זיך אָוועקזעצן אויף יאַנעקס „טראַמוויי״. יאַנעק איז געזעסן פון פאָרנט, געקנאַלט מיט אַ בייטש און אָנגעטריבן די מכלומרשטע פערד. די „פּאַסאַזשירן״ אויף די שטולן האָבן דערווייל געשמועסט פון ליטעראַטור. ס׳האָט געהייסן אַז אַלע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״, איידער ער האָט זיי אָנגעשריבן, האָט זיי פּרץ פון פריער דער־ציילט יאַנעקן. ער האָט זיי דערציילט אויף פּויליש, מחמת יאַנעק האָט נישט פאַרשטאַנען קיין יידיש.

ווי טיף — נאָך אַלע קאָנפליקטן — עס איז געווען די ליבשאַפט צווישן פאָטער און זון זאָל דינען דער פאָלגנדיקער פאַקט:

פּרץ פלעגט טיילמאָל איבערן זומער וואוינען אין די זומער־וואוי־נונגען הינטער וואַרשע. אין די וואָכעדיקע טעג פלעגט ער גלייך פון זיין אַרבעט אין דער גמינע אַרויספאָרן אויפן דאָרף. ער האָט זייער געוואָלט אַז זיינע מקורבים זאָלן צו אים אַרויסקומען. ער האָט זיי דאַן באַשטעלט צו זיך אין דער גמינע כדי צוזאַמען אַרויסצופאָרן. אַמאָל האָט פּרץ מיך פאַרבעטן צו זיך אויפן דאָרף. מיר זענען צוזאַמען אַרויסגעפאָרן. ס׳איז דוכט זיך געווען אין מעדזעשין. איך האָב דאָרט געטראָפן לוציאַנען וועל־

כער איז אויך אַרויסגעקומען אויף דעם זומערדיקן אינדרויסן. ווי געווייַנט־לעך האָט ער צו מיר נישט גערעדט און מיך צומאָל נישט באַגריסט. מיר אַלע ביי פּרצן זענען שוין געוואוינט געווען דערצו. איך האָב נישט געוואוסט צי לוציאַן ווייסט צומאָל מיין נאָמען, אַזאַ קאַלטע פרעמדקייט האָט ער כמעט צו אַלעמען אַרויסגעוויזן. צומאָרגנס פאַרנאַכטלעך צו בין איך צוריק געפאָרן קיין וואַרשע. אויפן באַנהויף האָב איך געזען לוציאַנען. מיר האָבן זיך נישט באַגריסט און ער האָט מיך אָנגעקוקט ווי ער וואָלט מיך גאָר נישט געקענט. די באַן איז אָנגעקומען און איך בין אַריין אין וואַגאָן. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז אויך לוציאַן איז אַריין אין דעם זעלביקן וואַגאָן, און אים איז אויסגעקומען צו זיצן נעבן מיר אויף דער באַנק. די ערשטע צען מינוט איז עס געבליבן ביי דער געוויינטלעכער פרעמדקייט. פּלוצעם האָט זיך לוציאַן צו מיר געוואָנדן און צו מיר אָנגעהויבן רעדן אויף אַ געשמאַקן זאַפטיקן יידיש.

דאָס געשפּרעך איז געוואָרן וואָס אַמאָל פריינטלעכער. לוציאַן האָט זיך פאַמעלעכל דערוואָרעמט. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין וואַרשע זענען מיר ביידע צוזאַמען אַוועק אויף די וואַרשעווער גאַסן און לוציאַן האָט זיך לאַנג און אָפנהאַרציק צערעדט. ער האָט גערעדט ווי ער וואָלט אַ סך שטיינער זיך געוואָלט אַראָפּוואַלגערן פון האַרצן. ער האָט מיר דערציילט פון זיין יוגנט, פון זיין מוטער וואָס איז אַ פרומע יידענע, טראָגט אַ פּאַרוק, און ער האָט זי טיף ליב און קומט אָפט אַרויף צו איר. ער האָט מיר דערציילט פון זיין דערציאונג ביי פּרצן און זיך באַקלאָגט אַז פּרץ האָט נישט געוואוסט ווי מע דערציט אַ קינד. דאָס איז זעלבסט־פאַרשטענד־לעך. דאַן האָט ער אַ סך אָנגעהויבן צו רעדן פון פּרצן, און אַז ער האָלט פּרצן פאַר אַ גרויסן שריפטשטעלער און לייענט אַלצדינג וואָס פּרץ שרייבט. נאָר דער פאָטער ווייסט נישט דערפון. דאַן האָט ער מיר געזאָגט זיינע באַאָבאַכטונגען וועגן די שרייבער וואָס קומען אַרויף צו פּרצן. אַלע האָבן געמיינט, אַז ער קאָן זיי נישט צומאָל, אָבער לוציאַנס באַמערקונגען זענען אָפט געווען זייער טרעפלעכע און קלוגע. מיר זענען שוין לאַנג אַרומגעגאַנגען איבער וואַרשע. לוציאַן האָט כסדר גערעדט און דערציילט. מיר האָבן נישט באַמערקט ווי פאַמעלעכל ווערט שפּעט נאַכט איבער וואַרשע און די גאַסן הויבן זיך אָן אויסצולייִדיקן פון מענטשן. ווען מיר האָבן געקוקט אויפן זייגער איז שוין געווען דריי אַ זייגער ביינאַכט.

איך האָב מיך געוואָלט מיט לוציאַנען געזעגענען. אָבער דאָ האָט

ער צו מיין גרויס פאַרוואונדערונג מיר פאָרגעשלאָגן אַז אַנשטאָט אַהיים צו קומען אין אַזאַ שפּעטער שעה און אַלעמען וועקן, זאָל איך בעסער מיט אים מיטגיין אויף צעגלאָגע אין פּרצעס דירה און דאָרט אַדורכשלאָפן די רעשט נאַכט.

צומאָרגנס אינדערפרי ווען פּרץ איז געקומען פון מיעדזעשין און מיך געטראָפן ליגן אין אַ בעט אין איין שטוב מיט לוציאַנען איז ער אין טיפער פאַרוואונדערונג געבליבן שטיין ביי דער טיר. ער האָט זיינע אויגן נישט געגלויבט אַז דאָס איז מיגלעך. איך האָב פאַרשטאַנען זיין איבער־ראַשונג און מיט אַ שמייכעלע צו אים געזאָגט:

— זעט איר.

פּרץ האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן ביז איך וועל מיך אָנטאָן, זיך אָרומוואַשן און אים באַגלייטן אין דער גמינע. אויפן וועג האָב איך אים געמוזט דערציילן ווי אַזוי איך האָב מיך דערנענטערט צו לוציאַנען און וועגן וואָס מיר האָבן גערעדט. פון טאַקט און גרויס דרך־ארץ צו פּרצן האָב איך אויסגעמיטן צו דערציילן וואָס לוציאַן האָט מיר געזאָגט וועגן זיין מוטער און וועגן זיין קינדהייט ביי פּרצן. ווען איך האָב פּרצן דער־ציילט אַז לוציאַן האָלט אים פאַר אַ גרויסן שריפטשטעלער און לייענט כסדר וואָס פּרץ דרוקט, האָט פּרצעס פּנים ממש געלויכטן פון אינערלעכער צופרידנקייט.

אַזוי האָב איך זיך באַפריינדעט מיט לוציאַנען. ווען איך פלעג זיין ביי פּרצן פלעגט לוציאַן אָפט אויפמאַכן די טיר און מיר זאָגן אַז שפּעטער, ווען איך וועל האָבן צייט, זאָל איך אַריינקומען צו אים אין צימער. פּרץ איז אויסטערליש צופרידן געווען ווען לוציאַן האָט מיך צו זיך פאַרבעטן, און ער פלעגט מיך דערמאָנען נישט צו פאַרגעסן אַריינצוגיין צו לוציאַנען. לוציאַן האָט מיר באַלד אָנגעהויבן צו ווייזן די ענגלישע פאַך־זשורנאַלן, צו רימען די ענגלענדער און אויסצורעדן אויף די איבעריקע פעלקער. ער האָט מיר אויך דערציילט פון זיינע גרויסע פּלענער זיך צו פאַרבינדן מיט ענגלישע פירמעס און צו ווייזן אין פוילן וואָס עס הייסט ענגלאַנד. טיילמאָל האָט ער מיך פלוצעם געפרעגט צי איך האָב שוין געלייענט פּרצעס לעצטע זאַך, מחמת זי איז אויסערגעוויינטלעך אַ געראָטענע. לוציאַן האָט געוואוסט, אַז מע טוט מיר אָן אַ נחת־רוח ווען מע רימט פּרצן. און ער האָט עס גערן געטון. אַזעלכע געשפּרעכן וועגן פּרצן האָב איך אים, פּרצן, באַלד איבערדערציילט. ער איז געווען זייער צופרידן עס צו הערן.

## קאַפּיטל ניין

פּרץ וועגן רייזעס. א. ווייטער. דביקות און יחידי־
שע גריבלענישן. שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג. נאָמבערג
קעמפט פאַר פּרצעס דוס.

ווען איך בין אַריינגעקומען צו פּרצן איז פון דעם עלטערן דור יידישע שריפטשטעלער, וועלכע זענען, אַזוי צו זאָגן, אויסגעוואַקסן אונטער פּרצעס פליגלען, אַ טייל שוין מער נישט געווען אין וואַרשע. אַברהם רייזענען האָב איך מער נישט אָנגעטראָפן. ער איז געווען אין קראָקע צי אין ניו־יאָרק. אַזוי ווי די ייִנגערע דיכטער האָבן אָנגעהויבן צו זוכן קאָמ־פּליצירטערע און מאָדערנערע פאָרמען אין דער יידישער דיכטונג, איז עס ביי טייל פון זיי געווען אַ מאָדע צו האַלטן רייזענען פאַר „פאַרעלטערט". ביי אַ טייל פון דער רעוואָלוציאָנערער יידישער איגטעליגענץ האָבן זיך בכלל דאַן אָנגעהויבן די „אַנטוישונג"־שטימונגען וועגן דער מכלומרשט נישט־געלונגענער רעוואָלוציע. מע האָט צוריק אָנגעהויבן צו קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף דער מאַסע און אירע אידעאַלן און געזוכט תיקון אין יחידישע גריבלענישן. אַ סך אינטעליגענטן האָבן געמיינט, אַז זיי אַנטדעקן דער־מיט דאָס גייסטיקע אַמעריקע און האָבן געפּרוּווט פול צו מאַכן מיט זייערע דבקותן און אָכצענישן די ליטעראַטור. איינער און דער פּעאיקסטער פון זיי איז געווען א. וויטער. זיי האָבן זיך געשאַרט אַרום פּרצן. צו די שטימונגספולע „עמקותן" פון זייערע יחידישקייטן, האָט עס געהערט נישט צו האַלטן פון שלום עליכמען און פון אַברהם רייזענען. דעם ערשטן האָבן זיי באַטראַכט פאַר אַ „נישט ערנסטן" הומאָריסט און דעם צווייטן פאַר אַ זינגער פון פּשטות און קאַרטאָפליעס. וואָס האָט עס צו טאָן מיט די פּראָבלעמען וועלכע זיי האָבן ביי די הערנער געוואָלט אַריינשלעפּן אין דער יידישער ליטעראַטור און פּראָווען דאָרט דבקישע שטיק. וויפל פּרץ זאָל זיך טיילמאָל נישט לאָזן מאַמענטאַל פאַרכאַפּן פון די דאָזיקע פרומע

אימפאָטענטע גלאַצענישן, פונדעסטוועגן האָט ער געפילט אַז נישט דאָס איז דער וועג. „לא זה הדרך". וועגן זיינע באַוואונדערונגען פאַר שלום־עליכמען וועל איך דערציילן שפּעטער. אַברהם רייזענען האָט ער געהאַלטן פאַר אַ גרויסן דיכטער און געזאָגט — אויף צעפּיקעניש אַלע נשמה־קוועטשער — אַז רייזענס קאַרטאָפליעס לייכטן מיט די ליכטער פון די זיבן זונען.

שלום אַש איז דעמאָלט געהאַט אַרויפגעשטיגן אויף די שטאַפּלען פון זיין וועלט־באַרימטקייט. נאָר צייטנווייז האָט ער געוואוינט אין וואַרשע. געוואוינט האָט ער אויף די גויאישע גאַסן און איז אַרויפגעקומען צו פּרצן ווי אַ גאַסט. די יידישע שרייבער האָבן צו אים אַרויפגעקוקט ווי צו אַ וועלט־באַרימטקייט און ער איז אויך אויפגעטראָטן אין אַזאַ ראָל. צו פּרצן האָט ער זיך באַצויגן פאַמיליאַר אָבער מיט פיל דרך־ארץ. צו מיר איז ער געווען זייער פריינטלעך. עס האָבן מיטגעשפּילט זיינע קוטנער סענטימענטן און דאָס וואָס איך בין ר' יהושיעלע קוטנערס אַן איינִיקל. סענטימענטן פאַר אונדזער משפחה האָבן געשטעקט טיף אין בלוט פון קוטנער יידן, — און שלום אַש איז זייער צופרידן געווען וואָס אויך פון יענע קרייזן הויבן זיך אָן צו באַווייזן יידישע שרייבער. ער האָט מיר געשאָנקען זיין „שטעטל" מיט אַ וואַרעמער דעדיקאַציע. די דאָזיקע מתנה פון שלום אַשן האָב איך תמיד געהאַלטן אין גרויס חשיבות. ערשט ווען די דייטשן האָבן צוגערויבט מיין ביבליאָטעק אין וואַרשע איז אויך דאָס דאָזיקע בּיכל געפאַלן צום רויב פון די שונאים פון דער מענטשהייט. סיי איך און סיי שלום אַש דאַרפן צופרידן זיין וואָס נאָר אויף אַזאַ אופן האָב איך מיך פונאַנדערגעשיידט מיט זיין טייערע מתנה.

בלויז ה. ד. נאָמבערג פלעגט כסדר אַרויפקומען צו פּרצן.

בעלעטריסטיש האָט שוין ה. ד. נאָמבערג דעמאָלט געהאַט זיין פולע געשטאַלט אין דער ליטעראַטור. ער האָט געהאַט כמעט אָנגעשריבן אַלע זיינע בעסטע נאָוועלן און האָט זיך פאַרנומען בלויז מיט זשורנאַליסטיק. ער איז געווען אייגנטלעך דער איינציקער „פאַרטיקער" מענטש אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט שוין געהאַט אָפּגעגעבן זיין האָניק. די באַציאונגען צווישן אים און פּרצן זענען געווען מאָדנע און אינטערע־סאַנטע. ווערזנטלעך זיינען זיי זיך געווען פרעמד ביז גאָר. דעם בוידער און גלויביקער פּרץ האָבן געמוזט זיין דערווידער אַט די אַלע צעבראָכענע

סקעפטישע אינטעליגענטן — די העלדן פון נאָמבערגס נאָוועלן. פרץ האָט כסדר געוואָלט דערפירן צו אַ וועג און אַן אויסוועג. נאָמבערגס העלדן האָבן זיך כסדר געדרייט אין אַ קרייז פון אַ בין־השמשות און האָבן צו גאַרנישט געקאָנט דערפירן. הגם פרץ איז געווען אַ קלוגער און הומאָר־פולער ייד, איז אים פאָרט זייער פרעמד געווען די לומדישע סקעפּטישע פּיקחות פון ה. ד. נאָמבערגן פערזענלעך. ער האָט אפילו פיזיאָגנאָמיש נאָמבערגן נישט געליטן. אַט־אַ דאָס קליינע ווינציקע און צעבראָכענע מענטשעלע וואָס האָט גערעדט מיט אַ חסידיש פּישטשעדיק קולכל, געשלונגען ווערטער, און געהאַט אין זיך אַלע חסידישע העוויות, נישט געקוקט דערויף וואָס ער איז אַ גלוח און טראָגט אַ קאַפּעליוש. פרץ האָט געשטאַמט פון אַ יידיש־באַלעבאַטישער שטוב און געהאַט אין זיך מאַניערן פון אַ פּוילישן פּריץ. דערצו איז פרצן געווען דערווידער וואָס גראָד ער, נאָמבערג, האָט אַזוי ווייניק פאַרשטענדעניש פאַר יעדער סימבאָליק און פאַר דעם טרוימערישן פלי פונעם וואָרט און ער זעט דווקא די העכסטע דערגריי־כונג פון דער ליטעראַטור אין פשוטן געזונטן נאַטוראַליזם און אין דעם פּראָסטן אופן פון ווייסנבערגן. עס האָט עפּעס ווי אויסגעקוקט, אַז פליגל־מאַן, שייקער און שלימזל און אַט די אַלע בין־השמשותדיקע פילאָזאָפן, וואָס ליגן אויפן בוידעם און קוקן אַרויס אויף זיער וועלט מיט אַ ביטערן ביטול — זיי האָבן אַ קרענקלעכע תאווה צוצוקוקן ווי עס לעבן די גראָבע יונגען.

פונדעסטוועגן האָט פרץ נאָמבערגן שטאַרק מקרב געווען. ער האָט געוואוסט ווי ווייניק אינטעליגענטע און טראַכטנדיקע כוחות עס געפינען זיך נאָך צווישן יידישע שריפטשטעלער. ביי פרצן האָבן תמיד זיינע פּער־זענלעכע פרעמדקייטן געשפּילט אַ קליינע ראָלע דער עיקר איז ביי אים געווען די ליטעראַטור. די יידישע ליטעראַטור מיט וועלכער ער האָט פאַרבונדן אַזוי פיל האָפענונגען און אַזוי פיל פּערספּעקטיוון.

די נעמלעכע באַציאונג איז געווען פון נאָמבערגן צו פרצן. נאָמבערג האָט געשטאַמט פון חסידים, און גראָד פון גערער חסידים. ער האָט רעוואָל־טירט קעגן זיי און זייערע אויטאָריטעטן. דעריבער איז אים דערווידער געווען די רביסטווע, וואָס האָט זיך געפירט אַרום פרצן. זיין סקעפּטיציזם האָט נישט געליטן קיין שום איינגעגלויבט זיין אין אַ מענטש. מעג עס זיין פרץ. פאַר פרצעס סימבאָלישע דראַמען ווי „די גאָלדענע קייט“, „אין

פאָליש אויף דער קייט״ און „ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ האָט ער נישט געהאַט קיין געשמאַק. ער האָט זיך אין זיין יוגנט געגוג געהאַט אָנגעלערנט מיט גמרא און פלפול און ער האָט דווקא געוואָלט, אַז אין דער יידישער ליטעראַטור זאָל אַלצדינג זיין פראָסט און פשוט און מע זאָל נישט קוקן צו די שטערן. נאָמבערג איז געווען זייער אָפנהאַרציק און האָט עס פרצן כמעט ווי געזאָגט. דאָס האָט אויך מן הסתם גורם געווען אָפצוקילן די באַציאונגען. אָבער ביידע, סיי פרץ און סיי נאָמבערג האָבן געוואוסט, אַז פריער פון אַלצדינק איז די יידישע ליטעראַטור.

ווען פרץ האָט אַרויסגעגעבן זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״ איז די גאַנצע אינערלעכע ליבשאַפט און פאַרערונג צו פרצן ביי נאָמבערגן אַרויסגעקומען צום אויסדרוק. זיין באַגייסטערונג האָט נישט געהאַט קיין גרענעצן און ער האָט אַלעמען געזאָגט, אַז דאָ זעט מען ערשט וואָסער מייסטער פרץ איז. נאָמבערג איז צופרידן געווען וואָס ענדלעך קאָן ער געניסן פרצן פול מיט דער גאַנצער נשמה און אָן שום פאַראורטיילן. די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״ האָבן אים געדעדט צום האַרצן אי מיט זייער פשטות און אי מיט דער הייליקער יידישער ראָמאַנטיק, וואָס איז פאַרט נאָמבערגן געלעגן טיף אין בלוט. ווען דוד פרישמאַן האָט זיך אויך איצט דערלויבט צו שיסן פיילן און מאַכן פרצן צו קליינגעלט, נו, דאָ איז נאָמבערג מיט זיין שאַרפער פאָלעמישער פעדער אַרויסגעטראָטן אין דער פרעסע איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַנצוטאָן פרצן די קרוין און זיך אָפּצו־רעכענען מיט אַלע קליינמאַכער. נאָמבערגס פעליעטאָנען צום שוץ פון פרצן וועלן פאַרבלייבן אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור סיי ווי פערלען פון פאָלעמיק און סיי ווי אַ באַוויז וואָס עס הייסט צו קאָנען פאַרערן אַ יידישן שרייבער.

## קאַפּיטל צען

„דער יוד". די מומע איטקע קאָן שלום אַשן און זיין מאַמע. „דער פריינד". די באָבע לאה לייענט שלום עליכמען. די באַבע בלימעלע טוט אָן די שפּאַקולן און קוקט אויפן „פריינד". שלום־עליכם ווען משיח וועט קומען. ש. ראָזענפעלד. ד"ר א. מוקדוני.

ווען ס'האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דער „יוד״ בין איך נאָך געווען אַ יונג בחורל. מיין פאָטער האָט אים באַלד אָבאָנירט. מן הסתם האָט ער עס געטאָן פון גרויס חידוש. מע האָט געוואוסט בלויז פון צייטונגען אויף העברעאיש. פובליציסטישע מאמרים אויף יידיש, פּאָליטיק אויף יידיש, און וועלט־נייעסן אויף יידיש, נאָכדעם ווי אַלע האָבן געלייענט די „הצפירה״ און געלעקט די פינגער פון סאָקאָלאָווס מאמרים און „דברי־הימימס״ — אַז אויף אַזעלכע טעמעס קאָן מען אויך שרייבן אויף פּראָסט מאַמע־לשון, און אַז דינסט־מיידן וועלן אויך אָנהייבן צו וויסן וואָס סע טוט זיך אויף דער וועלט — דאָס אַלצדינגק האָט אויסגעקוקט גאָר ניי און חידושדיק. מען האָט אפילו געהאָט געהערט, אַז אין אַמעריקע דערשיינען טאָג־צייטונ־גען אויף יידיש, נאָר ווער האָט זיי געלייענט, און זיי האָבן בכלל נישט געטאָרט קומען קיין רוסלאַנד. די צייטונגען אויף יידיש־לשון אין אַמעריקע זענען געווען נישט מער ווי איינע פון די ווייטע לעגענדעס פון דער גאָל־דענער מדינה, און זייער לעגענדאַרישקייט האָט זיך געשטאַרקט דערמיט, וואָס מען האָט בסוד דערציילט, אַז די צייטונגען אויף יידיש אין אַמעריקע דערלויבן זיך אַפילו אומגלויבלעכע זאַכן און זידלען דעם רוסישן קייסער. אַ ווערטעלע אויסצורעדן קאָלאָמבוס.

דער „יוד״ איז צו אונדז אַלע שבת אַריינגעקומען ווי אַ טייער היימיש־לעך שבת־אויבסט. איך האָב דאָרט דאָס ערשטע מאָל געלייענט שלום־עליכמען, די מעשה מיטן יידישן הונט „ראָבטשיק״ האָט מיך דערשיטערט און מיך נאָך טיפער גערירט ווי דינעזאָנס „יאָסעלע״. איך האָב דאָרט געלייענט פּרצן, דוכט זיך, שלום אַש האָט אָנגעהויבן צו דרוקן זיינע

ערשטע זאַכן אין „יוד". די מומע איטקע האָט דערציילט, אַז זי קאָן שלום אַשן אויסגעקניפּט און אויסגעבודן. זי קאָן זיין מאַמע און זיינע ברידער. אַז ס'איז פאַראַן אַ מענטש, וואָס האָט אויף זיינע אויגן אַנגעקוקט אַ שרייבער און אַז אַ שרייבער האָט בכלל אַ מאַמע און ברידער, איז פאַר מיר אויסגעקומען כמעט ווי אוממעגלעך. מען זעט טאַקע, אַז די מומע איטקע איז אַן אויסערגעוויינטלעך ווייבל.

דערנאָך איז ז'ערגאַנגען צו אונדז, אַז אין פּעטערבורג הייבט גאָר אָן צו דערשיינען אַ „הצפירה" אויף ידיש מיטן נאָמען „דער פריינד". וואָס הייסט מען שרייבט אין ידיש אויף די אייגענע טעמעס וועגן וועלכע סאַקאַלאָוו גלאַנצט מיט אַזוי פיל רבנישן פּלפּול? ווי איז דאָס מיגלעך? כל ישראל וועט טאַקע קאָנען לייענען נייעסן און נישט דאַרפן אָנצוקומען צו די יידן וועלכע פאַרשטייען לשון־קודש כדי פון זיי צו הערן, וואָס עס שטייט אין דער „הצפירה"? דעם ערשטן נומער „פריינד" האָט דער פעטער יאָסל מיט געוואַלטיקער התפּעלות אַריינגעבראַנגט צו דער באָבע לאה. די מומע איטקע האָט געזאָגט, אַז ס'איז נישט מיגלעך קיין „הצפירה" אויף זשאַרגאָן. סיי די שפּראַך סיי די שרייבער דאַרט זענען נישט מער ווי הוילע עם־הארצות. עס לוינט זיך צומאָל נישט אַריינצוקוקן ווי עס קוקן אויס מאמרים פאַר דינסט מיידן. פאַר דער מומע איטקע איז עס פּשוט געווען המונישע חוצפּה, סטייטשע, מען וועט זיך באַגיין אָן לשון־קודש און אָן דקדוק? זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן „פריינד" פון דרויסן און אַ דריי געטאָן מיט דער נאָז. פאַר דער באָבע לאה אָבער איז עס געווען אַ יום־טוב. אויפדערנאָכט, נאָכדעם ווי זי איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער באַלע־באַטישקייט, האָט זי אויסגעשפּרייט דעם „פריינד" אויפן טיש און גענומען לייענען. די נאָפט־לאָמפּ האָט וואָרעם באַלויכטן די געדרוקטע עמודים. די באָבע לאה האָט אירע אויגן נישט צוגעגלויבט ווי וועלט־נייעסן ווערן געשריבן אויף אַזאַ פּשוטן און געפינטלטן ידיש כדי אַלע זאָלן פאַרשטיין. אויס סודות־התורה אין אַ בלאַט צייטונג. ווען זי איז צוגעקומען צום אונטער־שטריך און געטראָפן שלום עליכמען האָט זי זיך גאָר האַרציק דערקוויקט און גענומען פריילעך און זאַפטיק לאַכן.

גראָד איז די באָבע בלימעלע געווען אין קוטנע און ווען זי האָט געזען ווי די באָבע לאה לאַכט אַזוי האַרציק, האָט זי זיך געפרעגט וואָס דאָס איז אַזוינס. די באָבע לאה האָט איר דערציילט, אַז דאָס איז אַ צייטונג

אויף עברי־טייטש און פון איצטער אָן וועלן אַלע פּראָסטע יידן און ווייבער אַליין קאָנען וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. וואָס עס איז אַזוינס אַ צייטונג האָט די באָבע בלימעלע נישט גוט באַנומען. דערפאַר האָט זי געוואָלט וויסן פון וואָס די באָבע לאה לאַכט. די באָבע לאה האָט איר געוויזן אויף שלום עליכמען. די באָבע בלימעלע האָט אָנגעטאָן די שפּאָקולן און גענומען לייענען. ס'איז איר אָנגעקומען שווערלעך. זי איז נאָר געוואוינט געווען צו דער יידישער אָרטאָגראַפיע פון תחינות און צאינה־וראינה — אָבער זי האָט געזאָגט, אַז מן־הסתם איז דער דאָזיקער שלום־עליכם אַ האַרציקער ייד, וואָס מאַכט פריילעך פאַרזאָרגטע יידישע הערצער. די מצווה פון אַזאַ ייד איז גאָרנישט צו באַשרייבן; די טויערן פון גן־עדן שטייען פאַר אים אָפן, מחמת אַפילו די גרעסטע צדיקים האָבן ליב אַז מען זאָל זיי פריילעך מאַכן. מען וועט דאָרט אין גן־עדן דעם שלום עליכמען אָוועקזעצן צווישן די גרעסטע צדיקים און ער וועט זיי דערציילן פריילעכע מעשיות. אַ קלייניקייט! ערשט אַז משיח וועט קומען וועט מען מן־הסתם שלום עליכמען טראָגן אויף די הענט כדי ער זאָל פריילעך מאַכן יידן. אין משיחס צייטן וועט מען אַרומזוכן מיט ליכט אַזעלכע לוסטיקע יידן כדי זיי זאָלן משמח זיין יידישע הערצער.

---

מיטן אויפבלי פון ידישן קולטור־צענטער אין פוילן איז עס געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז דער „פריינד" האָט זיך אַריבערגעטראָגן פון ווייטן פעטערבורג קיין וואַרשע, וואו אַלצדינק איז פול געווען מיט טאַט און האָפענונג, — די נייע יידישע תקופה איז אויסגעבראָכן ווי אַ פריידי־קער פרילינג און עס האָט געווירקט י. ל. פּרץ. אין וואַרשע זיינען שוין דערשינען עטלעכע יידישע טאָג־בלעטער, אָבער דער כבוד און די ווירדע פונם „פריינד" האָט זיך געפילט ווי אַן אויבנאָן פון יידישער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק. עס איז באמת מער קיינמאָל נישט געווען קיין יידישע טאָג־צייטונג פון אַזאַ חשובן ניוואָ ווי דער „פריינד".

דער שטאָב פון דער פעטערבורגער „פריינד"־רעדאַקציע האָט זיך געביטן, — פונדעסטוועגן זיינען מיטן „פריינד" מיטגעקומען קיין וואַרשע עטלעכע פון די אַלטע רעדאַקציע־מיטגלידער. איך געדענק י. י. פּראָפּוסן און דער עיקר ש. ראָזנפעלדן, דעם נעסטאָר פון ידישער זשורנאַליסטיק. ס'האָט אפשר אויסגעקוקט אַ קאָפּעטשקע דאָן־קיכאָטיש ווען ש. ראָזנפעלד

האט אין זיינע לייט־אַרטיקלען אין „פריינד" אָנגעפירט אַ שאַרפן קאַמף מיט די רוסישע מיניסטאָרן און מיטן גראַף וויטע. צו פירן אַ דיספוט מיט דער מעכטיקער צאַרישער מאַשין — און דווקא אויף יידיש — האָט וואָס שייך דעם פּראַקטישן קאַמף מיט דער צאַרישער מלוכה־פּאָליטיק נישט געהאַט קיין גרויסן ווערט. אָבער וואָס שייך דעם יידישן לייענער איז עס געווען פון אויסערגעוויינטלעכער באַדייטונג. עס האָט צוגעגעבן פיל וואָג דעם יידישן וואָרט און אויסגעלערנט דעם פּשוטן ייד צו טראַכטן — אויף יידיש — מיט מלוכהשע טערמינען און מיט באַגריפן פון גרויסער וועלט־פּאָליטיק. אַחוץ דעם איז ש. ראָזנפעלד דאַן געווען פון די מוטיקסטע און ראַדיקאַלסטע יידישע זשורנאַליסטן און ער האָט געפירט אַ מאָדערנעם אָבער פאַרביטערטן קאַמף מיט דער רעאַקציאָנערער אָרטאָדאָקסיע. שפּע־טער נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָט ש. ראָזענפעלד שטאַרק געביטן זיין קורס און זיינע אָנשויאונגען. דעמאָלט אויף די שפּאַלטן פון „פריינד" האָט ער פאַרטראָטן דעם רעוואָלוציאָנערן שטאַנדפּונקט פונעם ראַדיקאַלן יידישן בירגערטום. ער האָט אויך געפירט דעם קאַמף פאַרן נאַציאָנאַלן אויפבאַו פון יידיש. אין דעם דאָזיקן פּרט זיינען זיינע פאַר־דינסטן ממש היסטאָרישע.

פאַרשטייט זיך, אַז אַלע „פריינד"־מיטאַרבעטער האָבן זיך גרופּירט אַרום פּרצן און זיינען געוואָרן פון די מקורבים אין פּרצעס שטוב.

אין וואַרשע האָט זיך דער „פריינד" פאַמעלעך אָפּגעוואוינט פון דער וויטער פּעטערבורגער קאַלטקייט, פון דער ראַדיקאַלער און חשובער, — פונדעסטוועגן אַקאַדעמישער — דיסטאַנץ צו דעם אַלעם וואָס עס טוט זיך אינעווייניק אין דער יידישער מאַסע. דער פּעטערבורגער „פריינד" איז אין וואַרשע אַריינגעקומען אינמיטן פון דעם טעטיקסטן יידישן אויפ־ברויז און ער האָט זיך באַלד צוגעוואוינט צו זיין אינמיטן דער יידישערווירקלעכקייט. ער איז געוואָרן ווייניקער אַקאַדעמיש ווי אין פּעטערבורג, דערפאַר וואַרעמער און לעבעדיקער. דערביי האָט ער אויף דאָס מינדסטע נישט אַראָפּגעלאָזט פון זיין אַלטן טאָן און פון זיין אַלטער חשיבות. ער האָט זיך אָנגעהויבן צוצוקלייבן מיטאַרבעטער פון די יידישע שרייבער אין וואַרשע און זיך אַריינצוואַרעמען אין דעם גרויסן און ראַשן אויפבלי פון מאָדערנער יידישער קולטור.

איינער פון די פּיאָנערן פון אַ נייעם ווינקל אין דער יידישער קולטור

איז געווען ד״ר א. מוקדוני. ער איז געווען פון פרצעס מקורבים. צום ערשטן האָט ער אָנגעהויבן דרוקן נאָוועלן אין „פריינד״ א. נ.: א. קאַפּעל. שפּעטער האָט ער איינגעפירט אין „פריינד״ די מאָדערנע טעאַטער־רע־צענזיע. דאָס יידישע טעאַטער האָט אָנגעהויבן צו גיין אויף ברייטע און מאָדערנע וועגן. פון פרץ הירשביינען איז געמאַכט געוואָרן דער פרואוו צו גרינדן אַ מאָדערנע יידישע טרופּע. ד״ר א. מוקדוני האָט די דאָזיקע אַלע טעאַטער־עקספּערימענטן געוואָלט פירן אויף די וועגן פון אַן אייראָ־פּעאיש טעאַטער־וויסן. ער האָט פאַכמעניש אַנאַליזירט די געשפּילטע ווערק, ער האָט גערעדט וועגן רעזשי, וועגן שוישפּיל־קונסט און וועגן די טעכנישע און קינסטלערישע מיטלען וואָס זיינען לעבנס־פראַגן פאַר אַ גוטער יידישער בינע. פרץ האָט געוואוסט אָפּצושאַצן אָט די גרויסע פאַרדינסטן. ער האָט מיט אָפענע אָרעמס אויפגענומען די אַלע, וואָס קומען און שאַפן די נייע תקופה אין דער יידישער געשיכטע, — און ער האָט ד״ר מוקדונין זייער מקרב געווען.

## קאַפּיטל עלף

„אײלט זיך נישט, טרונק״. מײַן ערשטע נאָװעלע דרוקט זיך אין דער „װאָכנשריפט״. „עמנואל״. שלום אַש גיט נאָר צוריק מײַן נאָמען. צװישן אַפּיקורסים.

ס׳איז פאַרגאַנגען מער ווי אַ יאָר און איך האָב צו פּרצן געבראַכט מיינע ווערק. ער האָט זיי פאַרריכט, מיר געגעבן עצות און געמאַכט קאָמפּלימענטן אַז איך אַנטוויקל מיך כסדר און עס וועט פון מיר עפּעס ווערן. איך בין געוואָרן פון די נאָענטסטע מענטשן אין זיין שטוב. ער פלעגט מיך רימען פאַר זיינע מקורבים. צו דרוקן אָבער מיינע זאַכן האָט ער זיך דערוויל אָפּגעהאַלטן. מיין דרך־ארץ פאַר פּרצן איז געווען גרויס און איך בין נישט דרייסט געווען אים צו פרעגן פאַרוואָס ער לאָזט מיך נישט אַרויס אויף דער ליכט. הגם איך בין נאָך געווען יונג און אין מיר האָט געפּלאַטערט און געציטערט דער באַגער צו ווערן אַ ידישער שרייבער — פונדעסטוועגן האָב איך געשוויגן און נישט געלאָזט פאַלן קיין וואָרט וועגן מיין אַנטוישונג. פּרץ האָט עס געמוזט באַמערקן. רימענדיק אַמאָל מיינס אַ נייע זאַך און דערלאַנגענדיק זי מיר צוריק האָט ער זייער ערנסט צו מיר אויפגעהויבן זיינע ליכטיקע אויגן און געזאָגט:

— איילט זיך נישט, טרונק. איך האָף אויף אייך. איך דרוק זאַכן וואָס זיינען אַ סך שוואַכער ווי אייערע. נאָר טוט עס נישט. צו וואָס זאָלט איר פאַרעפּנטלעכן זאַכן מיט וועלכע איר וועט זיך שפּעטער שעמען? אַ גוטער שרייבער מוז האָבן אויסדויער און מוז קאָנען וואַרטן. סוף הכבוד לבוא, האָט ער צוגעגעבן.

איך האָב מיך פולשטענדיק באַרואיקט. מיט אַ ציטערדיק קול האָב איך געדאַנקט פּרצן פאַר זיין באַציאונג צו מיר. איך בין אים נאָך היינט דאַנקבאַר פאַר זיין טיפער און קלוגער עצה.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער אַרויסגעבער פון „אונזער

לעבן" ש. האָכבערג האָט זיך מתקנא געווען אין דעם חשיבות פון דעם „פריינד" אין וואַרשע. ער איז אַרויפגעקומען צו פּרצן און אים פאָרגעשלאָגן אַז היות ער וויל אַרויסגעבן אַ ליטעראַרישע וואָכנשריפט אַזוי וויל ער איבערגעבן פּרצן די רעדאַקציע. יידישע ליטעראַטור האָט אָנגעהויבן דעמאָלט צו שטייגן אין איר גרויסער חשיבות. שאַפן ליטעראַרישע אויסגאַבן און צענטערס — פון דעם האָט זיך פּרץ קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט. פאַרקערט, צו יעדן נייעם פּראָיעקט האָט זיך פּרץ באַלד גענומען מיטן גרעסטן ברען. און ער האָט די רעדאַקציע פון דער וואָכנשריפט אָנגענומען.

פּרץ האָט זיך צו אָט דער „וואָכנשריפט" געגרייט מיטן גאַנצן ברען פון זיין פיאָנערישן טעמפּעראַמענט און זיינע האָפענונגען. צו יעדער טאָט פון דער יידישער ליטעראַטור האָט ער אַרויפגעקוקט ווי צו אַ גרויסן אַקט פון נייער יידישער קולטור־געשיכטע. אַזוי ווי ער האָט געהאַלטן פון ש. ל. קאַווען, פון זיין אינטעליגענץ און ליטעראַרישן געשמאַק, האָט ער אים באַשטימט פאַרן סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע. ס'איז געווען אַ גוטער אויסוואַל. מחמת קאַוועס זעלבסטשטענדיקייט איז געווען זייער נוצלעך אין דער רעדאַקציע פון אַ ליטעראַרישן זשורנאַל. קאַווע האָט אין פּרצעס נאָמען געשריבן בריוו צו פאַרשידענע יידישע שרייבער. יידישע שרייבער זיינען דעמאָלט געווען זייער פּרוכטבאַר, און זייערע זאַכן האָבן אויף זיך לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן. איך געדענק ווען ס'איז אָנגעקומען דוד איינהאָרנס אַ ליד — איינס פון זיינע בעסטע און כאַראַקטעריסטישסטע לידער — האָט זיך פּרץ זייער געפרייט דערמיט. משה סטאַוווסקי האָט געגעבן איינס פון זיינע געראָטנסטע זאַכן. שלום אש האָט דאַן געהאַט אָנגעשריבן זיין „אמנון און תמר" און ער האָט עס געגעבן פאַר דער „וואָכנשריפט". פּרץ האָט געצאָלט חשובן האָנאָראַר, וואָרעם אַזוי האָט ער זיך געהאַט אויסגערעדט מיט ש. האָכבערגן. דער ערשטער נומער האָט אויסגעקוקט צו ווערן זייער אַ געלונגענער, און פּרץ איז געווען צופרידן.

איך בין גראָד דעמאָלט געהאַט צוריקגעקומען פון רייכנהאַל, אַן אָרט צווישן די ביירישע אַלפּן — אין דער נאָענטקייט פון דעם וואונדערלעכן בערכטעסגאַדן, וואָס איז שפּעטער אַזוי טרויעריק־באַרימט געוואָרן אַלס היטלערס רעזידענץ. דאָרט האָב איך געזען אַ זון־אויפגאַנג אין די הויכענישן פון די אַלפּן־בערג און האָב עס באַשריבן אין אַ קליינער סקיצע.

די סקיצע איז פּרצן געפעלן געוואָרן. ער האָט זי ביי מיר גענומען אָפּצו־
דרוקן אין ערשטן נומער פון דער „וואָכנשריפט". ענדלעך! ווען ער האָט
מיך געהייסן אונטערשרייבן מיין נאָמען אויפן מאַנוסקריפּט האָבן זיך אין
מיר געוועקט אַלע אַלטע פּחדים פון מיין מיליע און מיין סביבה. איך האָב
געוואוסט וואָסער מהומה עס וועט זיך טאָן צווישן חסידים ווען מען וועט
זען מיין נאָמען צווישן די גרעסטע קעמפערישע אַפּיקורסים. אַזוי האָט
מען דאָרט געקוקט אויף פּרצן און זיינע מיטאַרבעטער. איך האָב מיך דער־
מאָנט אָן מיין שוואָגער מענדעלע, דעם גערער רבינס ברודער, און מיר
האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אין זיינע אויגן וועט עס אויסקוקן ווי הוילער
שמד. די קייטן פון אַלע טראַדיציעס זיינען נאָך שטאַרק אויף מיר געלעגן
און איך האָב נאָך אַלץ מורא געהאַט פאַרן לעצטן ריס. און איך האָב
דעריבער דעם מאַנוסקריפּט אונטערגעשריבן מיט אַ פּסעוודאָנים —
„עמנואל".

פּרץ האָט עס נישט באַמערקט און האָט גאָרנישט געזאָגט. ער האָט
אפשר נישט געטראַכט דערפון וואָסערע העמונגען עס ליגן הינטער דער
דאָזיקער ליטעראַרישער מאַסקע. ווי דערשטוינט בין איך אָבער געוואָרן
אַז ווען פּרץ האָט מיר געוויזן די קאָרעקטור, איז פון אָנהויב דער סקיצע
אַנשטאָט „עמנואל" געשטאַנען פּשוט „י. י. טרונק". עס האָט זיך אויסגע־
לאָזט — ווי פּרץ האָט מיר דערציילט — אַז שלום אַש איז געווען ביי
אים און פּרץ האָט אים געוויזן מיין סקיצע און זי געריימט. שלום אַש האָט
געזען מיין פּסעוודאָנים און ער האָט זיך באַלד געכאַפּט וואָס דערונטער
שטעקט. ער האָט גוט געקאָנט מיין משפחה און געוואוסט מיינע העמונגען.
אים גראָד — און מיט רעכט — איז געגאַנגען דערין, אַז טאָקע איינער
פון מיין קוטנער משפחה זאָל אַריינקומען אין דער יידישער ליטעראַטור,
און ער האָט אויסגעמעקט דעם פּסעוודאָנים און אויפגעשריבן מיין ריכ־
טיקן נאָמען. עס איז געווען אַן אויסטערלישער שפּאַס פון די געשעענישן.
ווען איך האָב אין „הקול" געוואָלט אונטערשרייבן מיין נאָמען האָט דער
„קליינער" מענדעלע אים אויסגעביטן אויף אַ פּסעוודאָנים. אין דער
„וואָכנשריפט" האָב איך געוואָלט אַ פּסעוודאָנים האָט שלום אַש מיר
צוריקגעגעבן מיין נאָמען. ביידע האָבן געהאַנדלט פון מיין משפחה־שטאַנד
— אָבער דורכאויס מיט קעגנזייטלעכע כוונות.

אָבער וויל איך צוגעבן: צומאַרגנס נאָכדעם ווי פּרץ האָט צוגענומען

מיין מאַנוסקריפּט אים צו דרוקן, און איך בין אַריינגעקומען צו פּרצן אין שטוב, איז קאָווע געזעסן ביים טיש און געשריבן. גלייב איך, בריוו. פּרץ איז מיר אַקעגנגעגאַנגען מיט אַ שמייכל און געזאָגט?

— איך מעגט זיין צופרידן, טרונק. קאָווע געפעלט אייער זאַך. אויב אַזאַ פאַרפּיעשטשעטע נאַז זאָגט אַז ס׳איז גוט, איז עס טאַקע גוט.

קאָווע האָט שאַרף אַריינגעשמייכלט אינם טיש אַריין.

איידער די „וואָכנשריפט" איז אַרויס פון דרוק, האָבן זיך דערוויל אין האַכבערגס צייטונג „אונזער לעבן" באַוויזן אַנאָנסן וועגן צוקינפטיקן זשורנאַל. מיין נאָמען איז דאָרט געשטאַנען עפנטלעך אָפּגעדרוקט צוזאַמען מיט די נעמען פון פּרצן, שלום אַשן און אַנדערע באַקאַנטע און חשובע שרייבער. די אמתע „וואָכנשריפט" וואָלט אפשר גאָר נישט דערלאַנגט צו די חסידישע קרייזן. „אונזער לעבן" אָבער איז גראַד געווען אַ צייטונג וואָס איז געלייענט געוואָרן אין די אָרטאָדאָקסישע ספערעס אין פּוילן, אין אַלע הייזער פון אונדזער משפחה, צווישן גערער און אַלעקסאַנדרער חסידים — מיין משפחה־נאָמען איז געווען גוט באַקאַנט אין פּוילן — און אין די הייזער פון די פריוועסעס. אומעטום האָט דער אַנאָנס פון „אונזער לעבן" צעטראָגן די דאָזיקע באָמבע, ווער עס איז אָפן אַריבער צו פּרצן מיט זיינע אַפּיקורסים. ס׳איז געווען אַ טעמע אויף צו זיין בייז און צו שמועסן דערפון אין אַלע חסידים־שטיבלעך. אַ סך חסידים האָבן אומישנע געקויפט די „וואָכנשריפט" כדי צו זען וואָסערע אַפּיקורסות איך שרייב דאָרט. דער אַלעקסאַנדערער „הויף" ווי אויך מיין שוואָגער, דער „קליינער" מענדעלע האָבן איבערגעריסן מיט מיר אַלע באַציאונגען. מיין פאָטער, הגם ער איז אינערלעך געווען שטאַרק אויף מיר, האָט פונדעסטוועגן זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר דער דאָזיקער גרויסער אָפענער מרידה. בלויז דער פעטער יאָסל פון לובלין האָט מיר געשריבן אַ בריוו פול מיט וויני־שעוואַניעס, און אין דעם דאָזיקן בריוו אויך אַריינגעלייגט זיינס אַ ליד כדי איך זאָל עס ווייזן פּרצן. דער פעטער יאָסל איז געווען געכאַפּט אויף דער מעשה פון אַ פּרוּאוו צו טאָן מיט דער מוזע.

איך בין אָבער סוף־כל־סוף צופרידן געווען וואָס ענדלעך — אפילו נישט מיט מיין אייגענעם כוח — בין איך געשטעלט געוואָרן אויף פרייערע פיס.

פאַרן צווייטן נומער „וואָכנשריפט" האָט פּרץ ווידער גענומען פון

מיר עפּעס צו דרוקן. איך האָב געזען אַז עס דערשיינט דער צווייטער און דריטער נומער און מיין צווייטע זאַך ווערט נישט געדרוקט. איך האָב מיך, פאַרשטייט זיך, נישט געפרעגט. אין אַ סך יאָרן שפּעטער, שוין נאָך פּרצעס טויט, האָט מיר קאָווע אַמאָל געזאָגט, אַז ער האָט פאַר מיר אַ מתנה. ער האָט אַרויסגענומען פון זיין בוזעם־טאַש אַ מאַנוסקריפּט און אים מיר דערלאַנגט. עס איז געווען מיין צווייטער מאַנוסקריפּט וועלכן פּרץ האָט ביי מיר גענומען פאַר אַ ווייטערן נומער פון דער „וואָכנשריפט". אויבנאָן אויפן מאַנוסקריפּט איז מיט פּרצעס האַנט געווען צוגעשריבן: „דרוקן. י. ל. פּ.". אונטער דער דאָזיקער צושריפט פון פּרצן איז געווען אונטערגעשריבן: „נישט דרוקן. ש. ל. קאָווע." גערעכט, פאַרשטייט זיך, איז דורכאויס געווען קאָווע. אָט־אַ דעם כתב־יד האָב איך געהאַלטן אָוועק־געלייגט צווישן מיינע טייערסטע זכרונות — און אויך ער איז מיר אָוועק־געקומען ווען די דייטשן האָבן געמאַכט אַ תל פון מיין ביבליאָטעק.

## קאַפּיטל צוועלף

די זאַמלביכער „ידיש". אפרים קאַגאַנאָווסקי. צבי הירשקאָן. „ציגיינער". מען וואַרט אויף רעצענזיעס. עס פאַרט זיך נישט אַ גבירישער יונגערמאַן און אַ ידישער שרייבער. דער מאָראַלישער ניוואָ פון יענער צייט. ש. ניגער.

ש. האָכבערג האָט מיט דער „וואָכנשריפט" נישט לאַנג אויסגעהאַלטן. מן־הסתם האָט דער עקספּעריימענט אים נישט געלוינט. עס האָט נישט לאַנג געדויערט — יידישע ליטעראַטור איז דעמאָלט געווען אַ גרויסער ענין — דער פאַרלעגער לידסקי איז אַרויפגעקומען צו פּרצן מיט אַ נייעם פּראָיעקט אַרויסצוגעבן פּעריאָדישע זאַמלביכער אונטערן נאָמען „יידיש".

אַז פּרצן איז לידסקיס פּראָיעקט ווידער געווען שטאַרק צום האַרצן — פון דעם איז אָפּגערעדט. פּאַרט קאָן אַ קליינע וואָכנשריפט נישט טאָן דאָס וואָס ליטעראַרישע זאַמלביכער. אין דער „וואָכנשריפט" קאָן מען דרוקן נישט מער סיידן ווי קלענערע זאַכן. אין דער יידישער ליטעראַטור איז דעמאָלט געגאַנגען דער רוף נאָך גרויסע אומפאַנגרייכע ווערק, נאָך דעם עפּישן ראָמאַן אויף יידיש אַנשטאָט דער בלויזער נאָוועלע. אין זאַמל־ביכער, אַט וואו מע וועט באַווייזן צו דרוקן אומפאַנגרייכע זאַכן און מען וועט זיך דאָרט צעפירן די הענט. אַחוץ דעם האָבן זאַמלביכער נאָך אַ מעלה: מען קאָן אַנהייבן פּרואוון קראַטקאָס פּלענער און אַרויפברענגען אויך די אויפוואַכנדיקע יידישע פּלאַסטיק אויף די הילעס פון די ביכער. די אויסזיכטן זיינען געווען ראַזיק.

דערצו — אין צייטן פון רענעסאַנס שפּאַרט פון אומעטום אַריין די גייסטיקע מזל־ברכה. אין פּרצעס שטוב האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן נייע און יונגע טאַלאַנטן פון יידישע שריפטשטעלער.

אין אַ געוויסן נאָכמיטאָג האָט זיך ביי פּרצן אין שטוב באַוויזן אפרים קאַגאַנאָווסקי. אויב איך האָב קיין טעות נישט האָט אים אַרויפגעבראַכט מנחם. קאַגאַנאָווסקי איז געקומען פון דער יידישער אָרעמקייט פון סטאַווקע

געסל. ער איז נאָך געווען גאָר אַ יונגער בחור, אָבער ער איז געווען שיין ווי אַ פּרינץ און האָט געהאַט אַ ליבן, קלוגן און אָפּנהאַרציקן שמייכל און אַ סך פיין־דערצויגענע און אַריסטאָקראַטישע מאַניערן. קאַגאַנאָווסקי האָט אָנגעהויבן צו שאַפן אויף צוויי געביטן, געמלעך, צו מאָלן און צו שרייבן. קראַטקאַ האָט שוין געהאַט געזען זיינע מאָלערייען און זיי זיינען אים געפעלן געוואָרן. דער עיקר האָט ער באַלד ביי אָלעמען און ביי פּרצן אויסגענומען מיט זיינע נאָוועלן. ס'זיינען געווען נאָוועלן סיי פּיקאַנט אין דער טעמע און סיי זייער מאָלעריש אין דעם רעקוויזיט. מען האָט אין זיי שוין באַשיימפּערלעך געקאָנט זען דעם שפּעטערן קאַגאַנאָווסקי. פּרץ האָט באַלד פון אים אָנגעהויבן שטאַרק צו האַלטן און אויף אים געלייגט פיל האָפענונגען. און ער האָט זיך נישט אָנטוישט. פון אפרים קאַגאַנאָווסקין איז טאַקע אויסגעוואַקסן איינער פון די בעסטע יידישע שריפטשטעלער.

דער חן און די פּיקאַנטעריע פון זיין קונסט איז געלעגן אין קאַגאַ־נאָווסקיס פּערזענלעכקייט גופא. ער איז באַלד געוואָרן אַלעמענס ליבלינג. פּרץ האָט אים גערופן „קאַהאַנאָווסקי". ער איז געווען אי אַ באָהעם אי אַן אַריסטאָקראַט, אי ליריש אי מלא שאַרם און גייסטרייכקייט. ווייבער זיינען פאַר אים משוגע געוואָרן. זיין יוגנט, זיין פּרינצלעכע שיינקייט און זיין ראַפינירטער און עלעגאַנטער וויץ, האָט געקאָנט די שענסטע און ראַפינירסטע פרוי פאַרדרייען דעם קאָפּ. קאַגאַנאָווסקי האָט טאַקע אויס־געמישט צוזאַמען לעבן און דיכטן. ער האָט געלעבט און געשריבן ווי אונטערן רויש פון אַ לייכטן איידעלן שאַמפּאַניער. דאָס דאַזיקע לעבן זיינס האָט ער אַריינגעטראָגן אין דער יידישער ליטעראַטור מיט דער באַהאַלטענער פילאָזאָפישער איראָניע פון אַ פּעטראָניוס.

אויף דער גרויסער „ראָמאַן" האָט נישט געלאָזט אויף זיך וואַרטן.

אויף דער רעקאָמענדאַציע פון א. ווייטערן האָט זיך ביי פּרצן באַוויזן אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען צבי הירשקאַן, אַ טונקעלער טרוקענער ליטוואַק. ער איז אויפגעטראָטן מיט פיל זיכערקייט און האָט שוין אויף זיך געקוקט ווי אויף דעם אָנערקענטן גאון. ער איז געווען זייער נישט קיין סימפּאַ־טישע פּערזענלעכקייט. מיט דער עקשנות פון אַ ליטוואַק אַ פּרוש האָט ער עפּעס תמיד כיטרע באַהאַלטן אין זיין וועזן. דאָס באַהאַלטענע אין אים איז גאָר געווען נישט סימפּאַטיש. ער האָט אויך געהאַט זייער אַ דער־ווידערלעך קול, אַ קול אָן שום געמיט־זאַפטן און טרוקן ווי אַ האָלץ.

הירשקאַן האָט אָבער צו פּרצן אַרויפגעבערענגט סיי אַן התפּעלותדיקן בריוו פון ווייטערן און סיי אַ גרויסן ראָמאַן „צווישן וועלטן“. איך געדענק, אַמאָל אין אַ נאָכמיטאָג — ס'זיינען געווען עטלעכע שרייבער ביי פּרצן, מען האָט אַריינגעגעבן טיי. צבי הירשקאַן האָט מיט גרויס זעלבסטזיכערקייט זיך פאַרנומען פאַרצולייענען זיין ראָמאַן. ער האָט געלייענט מיט אַ טאָן גלייך ווי מיט דעם דאָזיקן ראָמאַן וואָלט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין דער יידישער ליטעראַטור און ער האָט אָהער געבערענגט צו פּרצן דאָס נייע אַמעריקע. ס'איז געווען נישט מער ווי גאָר אַ פאַרעלטערטער און נישט אָריגינעלער נוסח פון דערציילן. קאָווע האָט שפּעטער געזאָגט, אַז אויב מענדעלע איז דער „זיידע“ איז הירשקאַן דער „זיידע“ פון מענדעלען. זייער אַ קלוג וואָרט און אויף דער האָר צוגעפּאַסט צו דעם לשון און דעם דערציילונגס־אופן פון צבי הירשקאַן. ס'איז פאָרט געווען אַ נייער יידישער ראָמאַן, און פּרץ האָט עס גענומען פאַר די זאַמלביכער „יידיש“.

צו די בעסטע זאַכן, וואָס פּרץ איז צופרידן געווען צו באַקומען איז געווען מנחמס „שלמה“. אַ פּאָעמע וואָס איז ווידער געווען אַ פּרואוו פון אַ נייער פאָרעם און נייעם ריטם אין דער יידישער דיכטונג.

פון מיר האָט פּרץ גענומען פאַרן זאַמלבוך אַ נאָוועלע „ציגיינער“. סיי פּרץ און סיי קאָווע — וואָס איז געוואָרן דער רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון די זאַמלביכער — האָבן מיר פאַר דער דאָזיקער נאָוועלע געמאַכט קאָמפּלימענטן.

ביי פּרצן אין שטוב האָט זיך געקאָכט מיט די זאַמלביכער. קאָווע האָט געשריבן בריוו צו יידישע שריפטשטעלער און ס'זיינען אָנגעקומען מאַנוסקריפּטן. אויך שמעון קראַטקאַ האָט דאָ צעפּירט זיינע פּלענער. ער האָט פון פּרצן באַקומען די הילע און ער האָט פאַר איר געמאַכט אַ צייכע־נונג ווי אַ סטיליזירטע „שויתי“ מיט אַלע בלימעלעך, הערשעלעך און ציגעלעך פון דער פאָלקסטימלעכער יידישער פאַנטאַזיע.

ווען דאָס ערשטע זאַמלבוך „יידיש“ איז אַרויס פון דרוק איז עס געווען אַ געשעעניש אין דער יידישער ליטעראַטור.

מען האָט געוואָרט אויף רעצענזיעס. די ערשטע שוואַלב איז געקומען פון לאָדזש. אין דער לאָדזשער טאָג־צייטונג „פאָלקסבלאַט“ האָט לאַזאַר קאַהן דער ערשטער רעצענזירט דעם זאַמלבוך „יידיש“. אַלע אָנטייל־

נעמער זיינען פון אים שטאַרק געלויבט געוואָרן, אַחוץ מיר. צו מיר האָט ער געהאַט שטאַרקע פאַרבאַהאַלטן און געגעבן אַן אָנצוהערעניש פּרצן ווי אַזוי פאַלט ער אויס אַריינצונעמען אַ גבירישן יונגנמאַן אין דער געזעל־שאַפט פון יידישע שרייבער. איך דערצייל עס נישט דערפאַר, ווייל איך טראָג חלילה נאָך מיין ליבן פריינט לאַזאַר קאַהנען דעם מינדסטן פאַר־דרוס. פאַרקערט: איך וויל נאָר דערמיט ווייזן דעם הויכן מאָראַלישן ניוואָ פון דער דעמאָלטדיקער יידישער ליטעראַטור און יידישער פרעסע. דער רעוואָלוציאָנערער יידישער אַרבעטער־קלאַס האָט געפירט אַ הייליקן קאַמף קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט און אירע סאַטראַפּן. די יידישע ליטעראַטור און די יידישע פרעסע האָבן זיך געפילט ווי דאָס געוויסן פון דעם דאָזיקן קאַמף. ס'האָט זיך נישט צוגעגלויבט אַז פון דעם קלאַס מיט וועלכן מען האָט פאַרבונדן אַזוי פיל סאָציאַלע אוממאָראַלישקייט זאָל קענען אַרויסקומען עפּעס רעכטס. איך מוז נאָך צוגעבן — און דאָס אויך וואָס שייך דעם ניוואָ פון יענער צייט — הגם איך בין שוין געוואָרן אַ יידישער שרייבער, אַרויפגעקומען צו פּרצן און אָנגעהויבן צו לעבן אין גרויס גוט־פריינטשאַפט מיט מיינע קאָלעגן, פונדעסטוועגן איז עס מיר זייער שווער אָנגעקומען ביז עמעצער פון די יידישע שרייבער האָט געוואָלט אַריינקומען צו מיר אין הויז. מען האָט עס געהאַלטן פאַר אַ פּחיתת־הכבוד צו קומען אין גבירישע הייזער און לאָזן זיך מכבד־זיין פון גבירישער זאַטקייט. אַזאַ איינשטעלונג — לויט אונדזערע היינטיקע השגות איז זי אפשר אַ ביסל צו נאַאיוו — האָט פיל אויפגעהויבן דעם מאָראַלישן ווערט פון דעם שריפטשטעלער און די ליטעראַטור.

איינמאָל — שוין היפּשע עטלעכע וואָכן נאָכדעם ווי דאָס ערשטע זאַמלבוך „יידיש" איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן — בין איך אַרויפגעקומען צו פּרצן. ער איז מיר אַקעגנגעגאַנגען אַ צעשטראַלטער:

— זעט וואָס מען שרייבט וועגן אייך, האָט ער געזאָגט און מיר אויפגעמישט אַ רוסישן זשורנאַל.

דאָרט איז געווען אָפּגעדרוקט אַ גרויסע אָפּהאַנדלונג וועגן זאַמלבוך „יידיש" פון ש. ניגערן. ש. ניגער — באַלד ווי ער איז נאָר אויפגעטראָטן אַלס קריטיקער האָט ער געצויגן אויף זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. מען האָט זיך מיט אים אָנגעהויבן שטאַרק צו רעכענען. ניגערס דערשיינונג איז ווירקלעך געווען אַ גרויסער פאַרשריט אין דער, מיט אימפּעט אויפ־

וואַכנדיקער, יידישער ליטעראַטור. דאָס געביט פון קריטיק, אָן וועלכער אַ ליטעראַטור קאָן זיך גאָרנישט באַגיין, איז נאָך ביז אָהער געלעגן אין די ווינדעלעך. אַלצדינג וואָס שייך קריטיק האָט נאָך באַלאַנגט צו דער צופעליקייט און צו די קאַפּריזן פון דער ליטעראַטור. בעל־מחשבות האָט נאָך נישט געהאַט געוואוסט פון אַ פּלאַנירטן מעטאָד אין דער ליטעראַטור־קריטיק. ער האָט בלויז אַריינגעברענגט דעם עסטעטישן פּעליעטאָן. אייגנטלעך: די לוינענהאַפטיקע ליטעראַרישע עסייע. אין אויפזאַץ פון בעל־מחשבותן האָט זיך נישט געבונדן מיטן אַנדערן. מען האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי ער, בעל־מחשבות, שטעלט זיך פאָר דאָס בילד און דעם וועג פון דער יידישער ליטעראַטור. ש. ניגער האָט דער ערשטער אַריינגעברענגט דעם אַקאַדעמישן קריטישן מעטאָד. אין דעם דאָזיקן פּרט זיינען זיינע פאַרדינסטן אומגעוויינטלעך באַדייטנדיקע. עס גייט נישט אין דערין, וויפל מען איז מסכים מיט ניגערן אין שייכות זיין צוגאַנג צו דעם וועזן און פּראָבלעמען פון דער ליטעראַטור. ניגער אַרבעט מיט אַ מעטאָד פון גרויסער ליטעראַטור־קריטיק, אַ מעטאָד, וואָס אין גרויסן און גאַנצן איז זיין שעפער געווען געאַרג בראַנדעס.

אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן „יידיש" האָט ש. ניגער באַזונדערס אָפּער־געהויבן מיך און אפרים קאַגאַנאָווסקין. ער האָט דאָרט געזאָגט אויף מיין חשבון עפּיטעטן פון וועלכע עס האָט מיר פּשוט געשווינדלט אין די אויגן. די עפּיטעטן זיינען געווען היפּש איבערגעטריבענע. איך זאָג עס מיט פולער אויפריכטיקייט: מיין נאָוועלע „ציגיינער" האָט עס לחלוטין נישט פאַרדינט. פּרק האָט אויסגעדריקט זייער פיל צופרידנקייט. עס איז אים געווען שטאַרק צום האַרצן וואָס ש. ניגער רימט מיך. וואָרעם ער האָט באַקומען פון פאַרשידענע זייטן באַהאַלטענע פאַרוואורפן פאַר וואָס ער נעמט אַריין אַ גבירישן יונגנמאַן אין אַ זאַמלבוך צווישן יידישע שרייבער. אין יענער צייט האָט מען געהאַט צו גבירים פאַראורטיילן. מען האָט עפּעס נישט געקאָנט ביי זיך פועלן אַז פון דעם דאָזיקן מעל קאָן מען אָפּבאַקן אַן אָרנטלעך ברויט.

## קאַפּיטל דרייצן

„די קאַזע". חנה וויל נישט גילטן אין עמיצנס זכות. אונזער קעכין וויל נישט האָבן קיין מחזקות מיט היינטוועלטיקע בחורים. קווי פראַ קווא. נישט ביי מאַסיען.

עס האָט גענומען אַ לענגערע צייט ביז איך האָב מיין פרוי חנה אַרויפגעברענגט צו פרצן אין שטוב. הגם שפּעטער — ווען ער האָט זיך דערקענט אויף איר טיפער אינערלעכער אינטעליגענץ און אויף דער אינטואיציע פון איר מענטשן־קענשאַפט — האָט ער פון איר זייער געהאַלטן און ליב געהאַט מיט איר צו פירן לאַנגע געשפּרעכן און זי מיטצונעמען אויף זיינע שפּאַצירן אין זאַקסישן גאָרטן. פרץ דערמאָנט זי אין זיינע בריוו צו דינעזאָנען. ער רופט זי דאָרט אויף אַ שקאָצישן נאָמען: „די קאָזע".

אַז דער נאָמען „קאָזע" — מיט וועלכן פרץ האָט גערופן חנהן — איז געווען צוגעפּאַסט סיי צו איר טעמפּעראַמענטפולער יינגלשער שקאָ־צישקייט, סיי צו איר הומאָר קאָן מען זען פון דעם וויטערדיקן „אינצידענט".

איך האָב נישט אַרויפגעפירט חנהן צו פרצן איבער צוויי טעמים. קודם איז עס געווען קעגן מיין טאַקט־געפיל זיך באַלד צו באַזעצן ביי פרצן מיט מיין גאַנצער משפּחה. צווייטנס, האָט אויך חנה קיינמאָל נישט געוואָלט גילטן אין עמעצנס זכות. זי האָט געוואוסט, אַז נאָר צוליב דעם וואָס זי איז די פרוי פון אַ שריפטשטעלער עפענען זיך פאַר איר די טירן צו פרצעס הויז, און נישט צוליב איר אייגן גילטיקייט. דער משפּחה־שטאָלץ פון לאַנגע דורות איז ביי איר געווען שטאַרק אַנטוויקלט, הגם אין וועזן אירן — נישט געקוקט דערויף, וואָס זי איז דערצויגן געוואָרן אין דער משפּחה־קאַמאַריליע פון די פּריוועסעס — איז זי געווען זייער דעמאָקראַטיש. זייער פּשוט ביי זיך. עס איז איר פונדעסטוועגן שווער פאַרגעקומען צו זיין דאָס „צולייגעניש" און דאָס פינפטע ראָד ביים וואָגן.

איך האָב געוואָרט אויף אַ געלעגנהייט זי אַרויפצוברענגען צו פּרצן. פּרץ האָט מיך אַ סך מאָל געפרעגט פאַרוואָס איך קום נישט צו אים אַרויף מיט מיין פרוי.

עס האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט. ווייל די געלעגנהייט איז געווען זייער נישט קיין גרעסטענע האָט זי זיך אָפּגעשפּילט אויף פאַלגנדיקן וויציקן און שקאַצישן קווי־פּראָ־קוואָ.

פּרץ האָט אַמאָל געהאַט צוויי בילעטן אין דער וואַרשעווער אָפּערע. ער האָט מיר געגעבן איינעם כדי איך זאָל מיט אים מיטקומען. עס איז מיר איינגעפאַלן אים צו מאַכן דעם אומגעלומפּערטן און נישט־טאַקטישן פאָרשלאַג, אַז היות אפשר זאָל איך דעם בילעט אוועקגעבן מיין פרוי. זיי וועלן זיך טרעפן אין טעאַטער און אַזוי אַרום שליסן באַקאַנטשאַפט און ברעכן דאָס אייז. פּרץ האָט עפּעס ווי מסכים געווען. מיט נאַאיווער האַפער־דיקייט האָב איך אַהיים געברענגט חנהן דעם בילעט.

חנה האָט מכלומרשט מסכים געווען צו גיין אויפן בילעט אין דער אָפּערע און אויף אַזאַ אומגעלומפּערטן אופן זיך צו באַקענען מיטן פּרצן. ערשט אין אָוונט פאַר דער פאָרשטעלונג האָט זי מיר מיט גרויס תמימות געזאָגט אַז זי פילט זיך נישט גוט און וועט ליידער דעם בילעט נישט קאָנען אויסנוצן.

איך האָב עס אָנגענומען פאַר אַ גוטן תירוץ.

צומאָרגנס האָט חנה מיר געזאָגט, היות אַזוי ווי זי האָט נעכטן געזאָלט זיין מיטן פּרצן אין טעאַטער און זי איז נישט געקומען, וועט זי מיט מיר היינט אַרויפגיין צו פּרצן.

איך האָב עס אין מיין נאַאיוויטעט ווידער באַטראַכט פאַר אַ ריכטיקן שריט, — און מיר זיינען ביידע אַרויפגעגאַנגען צו פּרצן.

פּרץ האָט, ווי זיין שטייגער איז, אַליין געעפנט די טיר. איך האָב אים פאָרגעשטעלט מיין פרוי. דאָ זיינען ביידע צוזאַמען — פּרץ און חנה — אויסגעבראָכן מיט אַ שאַליק געלעכטער.

איך האָב געקוקט און נישט פאַרשטאַנען. דער שקאַצישער וויץ פון חנהס זייט האָט זיך באַלד אויפגעקלערט צו ביידנס (פּרצעס און חנהס) גרויסער און פריילעכער צופרידנקייט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן די פאַלגנדיקע מעשה:

אַזוי ווי חנה האָט געוואָלט וויסן וואָס עס הייסט אַזוינס ווען מען

באטראכט זי בלויז ווי א „צוטשעפעניש״ און מען גייט זיך מיט איר באקאנען אויף אזא פראווינצערישן אופן, האט זי זיך מיישב געווען און אוועקגעגעבן דעם בילעט אונדזער קעכין. גראד איז ביי אונדז געווען א קעכין אן עלטערע פארזעסענע מויד, דערצו אן ערשט געקומענע פון א פוילישן העק און זי האט נאך נישט געוואוסט פון די ווארשעווער מנהגים. א יידישע קעכין נאך גאר פון אלטן סידור. זי האט גערעדט אויף א זינגע־דיקן פראווינצערישן יידיש, געהאט א פאלקסטימלעכן מענה לשון און זיך פון קיינעם נישט געלאזט שפייען אין דער קאשע. זי האט נישט געוואלט קיין מחזקות מיט היינטוועלטיקע ווארשעווער בחורים, נייערט א פאר־ביטערטע געווארט אויף א שדכן צי א שדכנטע. געלייגט א גראשן צו א גראשן און געזאמלט אויסשטייער. זי האט געוואלט חתונה האבן ווי איר מאמע, צוריק פארן אין שטעטל און זיך אוועקשטעלן דארט אויפן מארק און האנדלען מיט עופות. ווארשע איז פאר איר געווען צו טומלדיק און צו פארשייט. די מויד האט א פארביטערטע געווארם, — און שדכנים זיינען נישט געקומען. דער מינדסטער פלירט וואס א ווארשעווער בחור איז זיך אונטערגעשטאנען מיט איר אנצוהויבן, סיי אין געוועלבל, סיי אין דער יאטקע און סיי סתם אויף דער גאס, האט די פארזעסענע מויד באלד אפגעענטפערט מיט א פזמון פון קליינשטעטלדיקן יידיש — אז דעם בחור איז גיך פארגאנגען דער חשק. קיין סך בעלנים האט די אלטע אומגע־לומפערטע מויד אויף זיך נישט געהאט. אפילו שבת האט זי נישט געוואלט גיין שפאצירן, נאר זיך גוט אויסשלאפן אונטער דער ווארעמער פערענע.

ווען חנה האט דער מויד פלוצעם אנגעשלאגן צו נעמען א בילעט און אויף טשעקאוועסט גיין אין „גרויסן טעאטער״ אריין, האט די מויד תחילת דערפון נישט געוואלט הערן. זי וויל נישט קיין טעאטער. דארט זיינען דא פול יונגעו און זיי לאזן א מויד נישט קיין מנוחה. חנה האט זי אבער שטארקער אנגעהויבן צוצורעדן, און דער עיקר איר איינגערעדט אז אפילו פאר א שידוך איז בעסער אמאל צו האבן געווען אין א טעאטער און נישט אויסקוקן אין די אויגן פון א חתן ווי א פארצייטישע בהמה. פארפאלן, היינטיקע בחורים פארלאנגען מיידלעך וואס זיינען שוין אמאל געווען אין טעאטער. כדי צוצוגעבן דער מויד חשק האט חנה איר צוגע־זאגט אויסצובארגן א ניי און שיין שבתדיק קלײדל. חנה האט די קעכין

אונדזערע אויסגעפוצט אין עסיק און אין האָניק און זי מיט גרויס פּאַראַד אָװעקגעשיקט צו פּרצן אין „גרויסן טעאַטער״.

די װײטערדיקע פּרטים און װי אַזוי די דאָזיקע פרײלעכע מעשה איז װײטער פאַרלאָפן האָב איך געהערט נאָך ביי פּרצעס טיר סײ פון פּרצן, סײ פון חנהן.

— װעמען האָט איר געשיקט אויף אײער אָרט אין טעאַטער אַרײן? האָט פּרץ אַ שטאַרק לאַכנדיקער געפרעגט.

חנה האָט אויך געלאַכט און געענטפערט:

— מײן קעכין. אַן אַלטע פּאַרזעסענע מויד, און זויער און ביטער דערצו.

— בכוונה האָט איר אויסגעטראַכט דעם דאָזיקן קלוגן װיץ?

— אָװדאַי בכוונה. מען זאָל זיך נישט װעלן באַקאָנען מיט אַ יונגער דאַמע אויף אַזאַ בטלנישן אופן און איר אומבאַקאַנטערהײט שיקן אַ בילעט אין טעאַטער.

— איר זענט גערעכט. אַלצדינק איז שולדיק אײער שלימזלדיקער מאַן, האָט פּרץ געלאַכט.

און דאָ האָט פּרץ דער ערשטער אָנגעהויבן צו דערצײלן װי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען.

קומענדיק אין דער אָפּערע האָט ער אויסגעזוכט זײן פּלאַץ. ער האָט געװאוסט, אַז רעכטס נעבן אים דאַרף זיצן מײן פרוי. ער האָט טאַקע געזען זיצן אַ װײבלעך נפש. אָבער אים איז באַלד זויער געװאָרן אין מויל. ער האָט געטראָפן עפּעס אַן עלטערע אומגעלומפּערטע ײדענע, אַ דיקע, מיט רויטע צעפּאַדערטע און אויסגעפּראַצװעטע הענט. אים איז היפּש קשה געװען אַז דאָס זאָל זײן אַ טאָכטער פון די פּריװעסעס און מײן פרוי. נאָר פאַרפאַלן, אַזוי איז עס און ס׳איז נישטאָ װאָס צו מאַכן. בײם ערשטן װאָרט װאָס ער האָט געפּרואװט צו איר רעדן, האָט זי אים אָנגעקוקט מיט אַ װילדן כעס, עפּעס אַרויסגעברומט אײך ײדיש, און זיך האַסטיק אָװעקגעדרײט. ער האָט װידער געפּרואװט עפּעס זאָגן. דאָ איז די ײדענע געװאָרן שוין גאָר אין כעס און אים געזאָגט, אַז ער זאָל זיך פון איר אָפּטשעפּען און נישט קײנעם דרײען קײן ספּאָדיק. פּרצן איז גאָר אומעטיק געװאָרן. ער האָט געשװיגן. אָבער ס׳איז דאָך פּאָרט טרונקס פרוי, און

ער האָט געפּרואווט טאָן דעם לעצטן שריט און איר אונטערטראָגן אַ באַמ־
באַניערע שאָקאָלאַדע און געבעטן זי זאָל עפּעס נעמען.

די יידענע האָט מיט ביידע הענט פון זיך אַ שטופּ ־אוועק־געגעבן דעם כיבוד, און געזאָגט פּרצן שוין גאָר אויף אַ גראָב לשון אַז ער זאָל האַלטן די הענט ביי זיך.

במשך דער גאַנצער פאָרשטעלונג האָט פּרץ געשוויגן. אַהיים קומענ־
דיק האָט ער דערציילט דער מאַדאַם פּרץ וואָסער באַגעגעניש ער האָט געהאַט מיט טרונקס פרוי, — און ער קאָן זיך לגמרי נישט צוגלויבן אַז אַזוי קוקט אויס אַ טאָכטער פון די פּריוועסעס. געבעך אַ רחמנות אויף טרונקן, האָט ער צוגעגעבן. און וואָס האָט דערציילט אייער דאַמע ? האָט פּרץ געפרעגט ביי חנהן און נישט אויפגעהערט צו לאַכן.

דאָ האָט חנה אָפּגעגעבן באַריכט :

אויך זי, חנה, האָט זיך נישט געלייגט שלאָפן און געוואַרט ביז די מויד וועט אַהיים קומען פון דער אָפּערע. זי איז אַהיים געקומען אַ צעיאָכ־
מערטע און אַ בייזע און געהאַט ווילדע פּרעטענזיעס צו חנהן הלמאַי זי האָט זי געשיקט אין טעאַטער. איך האָב דער מאַדאַם באַלד געזאָגט אַז היינטיקע צייטן טאָר קיין מויד נישט אַרויסשטעלן אַ פּוס אינעם פאַר־
שאָלטענעם וואַרשע. אומעטום לויערן פאַצעטן און לאָזן נישט קיין מנוחה. אין טעאַטער האָט זיך צו מיר צוגעטשעפּעט עפּעס אַן אָנשיקעניש מיט געלע וואָנצעס און דווקא געוואָלט פאַרפירן מיט מיר אַ ליבע. ער האָט געמיינט אַז מיט טשאָקאָלאַדקעלעך וועל איך אים ווייזן אַ שיין פּנימל. נישט ביי מאַטיען. איך בין אַ מויד, וואָס ווייס ווי זיך אומצוגיין מיט וואַר־
שעווער פאַצעטן. אויב נישט דורך קיין שדכן וועלן זיי אַלע ביי מיר כאַפּן די ווייסטע ניכפּה. די מאַדאַם זאָל מיך נאָך אַ מאָל אָפּגילטן גיי איך נישט מער אין טרעיאַטער.

ביי פּרצן אין שטוב האָט געהערשט אַ גרויסע פריילעכקייט. ער האָט חנהן געמאַכט די גרעסטע קאָמפּלימענטן. ביידע האָבן מיר נאָך אַמאָל געגעבן דעם ביטערן פּסק. פּרץ האָט געזאָגט צו חנהן אַז זי איז אַ וואוילע קאָזע, און ער האָט שפּעטער אַלעמען דערציילט די שקאָצישע מעשה.

מיט חנהן אָבער האָט פּרץ געשלאָסן אַ גוט־פריינטשאַפט. ער פלעגט אָפט מיט איר פירן לאַנגע געשפּרעכן, מיטגענומען זי אויף זיינע שפּאַצירן אין זאַקסישן גאָרטן און זייער געהאַלטן פון איר אינטעליגענץ.

## קאַפּיטל פערצן

שלום עליכמס באַציאונגען צו פּרץ. פּרצעס באַציאונגען
צו שלום עליכמען. דריי פאַקטן.

עס איז געווען אַ סוד פאַר בראַד אַז שלום עליכם האָט קנאַפּ געהאַלטן פון פּרצן. שלום עליכמען — וואָס די „קליינע מענטשעלעך" צווישן יידן האָבן אים געגעבן אַזאַ שלל פון גייסטיקער עשרות — איז געווען פרעמד און כמעט דערווידער יעדער פּלי אין די הימלען. צו וואָס אויסשטרעקן די הענט צו די שטערן וואָס דאָס נידעריקסטע גרעזל אונטער די פיס דערציילט פון העכסטן און פון וואונדערלעכסטן? שלום־עליכם האָט אויף אַלע „שטערן־קוקער" געקוקט ווי אויף האָקוס־פּאָקוסניקעס, וואָס קאָנען נעבעך נישט די מלאכה פון האַלטן אָרנטלעך די פעדער אין דער האַנט און שיטן דעריבער זאַמד אין די אויגן אַריין מיט זייערע פּילע „פינטעלעך" כדי אויסצוזען מכלומרשט סודותדיק. אויף פּרצן האָט ער געקוקט ווי אויף דעם רבי פון אַט־די אַלע „פינטעלעך־שרייבער" וואָס מאַכן סתם אַ טומל און סטראַשען די געגנדז.

צווייטנס, איז שלום־עליכמען דערווידער געווען יעדע ליטעראַרישע שולע און דעריבער אויך די רביסטווע וואָס פּרץ האָט געפירט צווישן יידישע שרייבער. שלום־עליכם איז תמיד געווען פאַרטאָן אין זיין שאַפן. עס איז פאַר אים געווען די איינציקע וועלט אין וועלכער ער האָט געלעבט און געאָטעמט. יעדער פּרוּוו צו זאַמלען אַרום זיך פאַרערער און געמיינזאַם צו טאָן אַ קולטור־טאַט — מעג זי זיין די גרעסטע — האָט אין שלום־עליכמס אויגן אויסגעקוקט ווי פּטרן די קאָסטבאַרע צייט פון שאַפן. אויב מענטשן פּטרן זייער צייט, מן־הסתם האָבן זיי מיט איר נישט וואָס צו מאַכן. שרייבער דאַרפן גאָר נישט צו טאָן סיידן גאָר צו שרייבן. מאַכן קולטור זאָל מען איבערלאָזן פאַר געזעלשאַפטלעכע טוער. שלום עליכם האָט אויך

נישט געהאַלטן פון קיין שום „אַרויסהויבן" זיך, פון קיין שום פּראָווען טיש. דאָס „קליינע מענטשעלע" — ער איז דער עיקר פון אַלע עיקרים, און אויב מען פאַרשטייט נישט דעם פּשוטן אוממיטלבאַרן מענטש, זאָל מען קיינעם נישט דרייען קיין ספּאָדיק.

שלום־עליכם האָט זיין קעגנערשאַפט צו פּרצן נישט געהאַלטן אונ־טערן שטערצל. וואו ער האָט נאָר פּרצן געקאָנט טאָן אַ שטאָך האָט ער עס געטאָן מיט דער ברייטער האַנט. עס איז באַקאַנט, אַז שוין ביים ערשטן אויפטריט פון פּרצן אין דער יידישער ליטעראַטור, ווען פּרץ האָט שלום־עליכמען צוגעשיקט פאַר דער „פאָלקס־ביבליאָטעק" די פּאָעמע „מאָניש", האָט עס שלום־עליכם תּחילת גאַרנישט געוואָלט דרוקן. דיגעזאָן האָט עס שלום־עליכמען קיינמאָל נישט מוחל געווען.

מאַנכע וואָס האָבן געשריבן זכרונות וועגן פּרצן האָבן דערציילט, אַז אויך מצד פּרצן זיינען געפאַלן גרינגשעציקע באַמערקונגען אויפן חשבון פון שלום־עליכמען. מעגלעך — אין ציטן פון שוואַכקייט און פאַרביטערטקייט האָט זיך פּרץ פאַר עמעצן אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט וועלכעס ער האָט גאַרנישט געטראַכט. איך פון מיין זייט קאָן נאָר דערציילן דריי פאַקטן וואָס באַווייזן פּרצעס טיפסטע פאַרערונג פאַר שלום־עליכמען.

איינמאָל, — חוץ מיר איז גראָד ביי פּרצן קיינער נישט געווען — האָט מיך פּרץ לאַנג אָנגעקוקט ווי ער וואָלט זיך וועגן עפּעס מיישב זיין, און מיך פּלוצים אַ פרעג טאָן. איך זאָל אים זאָגן אויפן אויפריכטיקסטן אופן צי איך האָב נישט באַמערקט ביי אים קנאה־געפילן צו שלום אַשן.

אַש האָט דאַן געהאַט זיינע גרויסן דערפאָלגן אין דער אייראָפּע־אישער וועלט: פּרצעס רום איז נאָר געבליבן צווישן יידן. מן הסתם האָט פּרץ געהערט אַז עמיצער האָט געלאָזט פאַלן אַזאַ קנאה־חשד בנוגע זיין פּערזאָן.

קנאה איז זייער אַן איידל און מענטשלעך געפיל וואָס קאָן ליגן באַהאַלטן גאָר טיף אין בלוט, אַז דער באַטרעפנדיקער אַליין זאָל נישט וויסן דערפון. עס איז ממש שווער צו באַהויפּטן אַז עמעצער, אַפילו דער געלייטערטסטער, איז ריין פון קנאה.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, הגם פּרץ האָט מיר אַזוי שטרענג באַפוילן צו זיין מיט אים אויפריכטיק, פונדעסטוועגן — פון גרויס דרך־ארץ צו פּרצן בין איך פאַרט נישט דרייסט געווען אין דעם דאָזיקן פּרט צו רעדן מיט

אים אין פולער אויפריכטיקייט, און איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב קיינמאָל נישט באַמערקט ביי אים דאָס מינדסטע קנאה־געפיל צו שלום אַשן.

פרץ האָט אַ צייט געשוויגן, דאַן האָט ער געזאָגט כמעט ווי צו זיך אַליין:

— איך בין נאָר מקנא צוויי שריפטשטעלער, שעקספירן און שלום־עליכמען.

פאַקט נומער צוויי:

אין יענע צייטן האָט עס ביי יידישע שרייבער געהערט צום גוטן טאָן מבטל צו זיין שלום־עליכמען אין שייכות צו פרצן. אַל דאָס גרויסע, דערהויבענע און טיפע האָט זיך געבונדן מיט פרצעס נאָמען. שלום־עליכם איז אין דער יידישער ליטעראַטור מכלומרשט געווען נישט מער ווי דער לוסטיקער שפּאַס־מאַכער. דער לייכטער און דער אויבנאויפיקער. מיר אַלע זיינען נאָך געווען צו יונג און אַליין צו אויבנאויפיק כדי צו באַנעמען די יידישע טיפקייטן פון שלום־עליכמס שאַפונגען. אין אַ גע־שפּרעך מיט פרצן האָב איך מיט גרויס פּאַטאָס איבערגעחזרט דעם גאַנצן פזמון און זיך באַמיט אונטערצושטרייכן שלום־עליכמס ווינציקע פאַר־דינסטן אין דער יידישער ליטעראַטור.

פרץ האָט געשוויגן און אויף מיר געקוקט איבער זיינע האַלב־פאַר־שניטענע בינאָקלעס. ער האָט געשוויגן און געשמייכלט אויף אַזאַ אופן אַז איך בין זיכער געווען, אַז איך זאָג אים דאָ די גרעסטע חכמות. ווען איך בין שוין פאַרטיק געוואָרן און בין געווען צופרידן וואָס ענדלעך האָב איך אַריינגעטראָפן אין פינטל. האָט פרץ זיך אָנגערופן מיט אַ טונקל און כמעט וויטיקלעך קול:

— ניין, טרונק, איר פאַרשטייט אַבסאָלוט נישט שלום עליכמען. און ער האָט צוגעגעבן נאָך אַ קליינע פויזע: אָבער איך האָף אויף אייך, און איך גלייב, אַז איר וועט אַמאָל שלום־עליכמען פאַרשטיין.

פאַקט נומער דריי:

עס איז געווען נאָכדעם ווי די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" זיינען דערשינען אין אַ בוך־פאָרם. שלום־עליכם האָט דאַן געשריבן דעם באַ־רימטן בריוו צו פרצן אין וועלכן ער זאָגט, אַז ער, שלום־עליכם, איבער־לייענענדיק די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל

און זיך אַליין דערלאַנגט צוויי פּעטש פּאַרוואָס ער האָט קיינמאָל נישט געוואוסט אָפּצושאַצן פּרצעס ווערט. שלום־עליכם איז קיינמאָל נישט געווען אויפריכטיק אין זיינע בריוו צו שרייבער. ער האָט זיינע בריוו תמיד פול געמאַכט מיט איבערגעטריבענער התפעלות און מליצהדיקע רימענישן. די שוואַכסטע זאַך האָט ער געקאָנט לויבן ביז אין הימל אַריין. עס האָט זיך מן־הסתם גענומען דערפון, וואָס שלום־עליכם איז כסדר פאַרנומען געווען מיט די וויזיעס פון זיין וועלט. ער האָט זיך מיט קיינעם נישט אויפריכטיק אינטערעסירט און צו קיינעם נישט געהאָט קיין אינערלעכע באַציאונג. ער האָט גערימט, נאָר כדי מען זאָל זיך פון אים אָפּטשעפּען און אים לאָזן צורו. איך בין איבערצייגט, אַז אויך זיינע ווילדע התפעלותן פאַר מענדעלען, זיינען נישט געווען קיין אויפריכטיקע. שלום־עליכם האָט זיכער געוואוסט דעם דיסטאַנץ מיט וויפל דאָס „אייניקל״ איז גרעסער פונעם זיידן. אַן אויסנאַם איז געווען פּרץ. בלויז פּרצן האָט ער אָנגעגריפן — און דאָס האָט זיך אויך גענומען דערפון, וואָס די דאַזיקע פּערזאָן האָט ער נישט געקאָנט אָפּטרן מיט מליצות. פּרץ האָט ביי שלום־עליכמען — אינסטינקטיוו — געמוזט זיין אַ כוח, וואָס הגם ער האָט אים נישט באַנומען און נישט גורס געווען, אָבער פאַרבייגיין אים און זיך פון אים „אָפּטשעפּען״ איז נישט מעגלעך געווען. ווען שלום־עליכם האָט געלייענט די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״ האָט ער מיט אַמאָל באַנומען וואָסער געשטאַלט עס איז געבן אים פּרץ, און אַז זיי זיינען זיך גאָרנישט ווייט איינער פון אַנדערן. זיי שטייען ביידע אין דער אייגענער גרויסער וויזיע פון יידיש וועלט־דאַזיין. פּרץ איז דער גלייכוווערטיקער, — און אויב שלום־עליכם איז די ערד פון דער דאַזיקער וויזיע איז פּרץ דאָרט דער הימל. און ער האָט דערקענט אין פּרצעס פיגורן זיינע אייגענע מנחם־מענדלס און טביהס, נאָר אין אַ העכערער סובלימאַציע פון באַנעמען און באַוואוסטזיין.

איך געדענק ווען אַט־אָ־דער בריוו פון שלום־עליכמען איז אָנגעקומען צו פּרצן. אין דער היעראַרכיע פון פּאָפּולאַריטעט איז שלום־עליכם דאַן געשטאַנען אין דער טיפסטער ליבשאַפט פון די יידישע מאַסן, — אָבער וואָס שייך קינסטלערישן רום איז פּרץ געשטאַנען אויפן העכסטן אויבנאָן. אַלע האָבן אים צוגעטראָגן די גאָלדענע קרוין פון דער גרעסטער אָנער־קענונג. פאַר פּרצן זיינען שלום־עליכמס ווערטער געווען דער לויב ער־

דעם גרעסטן אויף וועלכן ער האָט אַזוי לאַנג געוואַרט. לאַנגע טעג האָט ער שלום־עליכמס בריוו אַרומגעטראָגן ביי זיך אין בוזעם־קעשענע. און ס'איז נישט געווען קיין גרענעץ צו זיין טיפער אינערלעכער פרייד. כמעט מיט אַ יינגלשן שטאָלץ, מיט דעם שטאָלץ פון אַן אָנפאַנגער וואָס האָט באַקומען די ערשטע אָנערקענונג, האָט פרץ אַלעמען געוויזן שלום־עליכמס בריוו און ער האָט געזאָגט: „זעט וואָס שלום־עליכם שרייבט צו מיר!" פרץ האָט פאַרשטאַנען, אַז ווען עס איז אים געראָטן אַריינצוקומען מיט זיינע יידישע ליכטיקייטן אין דער וואונדערלעכער און טיפער יידישער וועלט וואָס הייסט שלום־עליכם ערשט דאַן האָט י. ל. פרץ דערגרייכט זיין שלימות.

# קאַפּיטל פופצן

קאַפּולעט און מאָנטאַגאָ. די ווינערס אין לאָדזש
יאָגן זיך צו גלייכן צו די וואַרשעווער פּריזועסעס. עס
באַקומט זיי נישט לייכט. ר׳ משה אהרן ווינער. אָהיים־
וועגס שבת פון שטיבל. בנימין ווינער.

איבער פֿאַרשידענע פּערזענלעכע סיבות האָב איך מיך צוריק גע־צויגן קיין לאָדזש. גראָד ווען איך בין אָנגעקומען אין דער דאָזיקער גאָלדענער שטאָט האָט לאָדזש געקאָכט מיט אַ געשעעניש וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט צווישן צוויי פֿון די גרעסטע און רייכסטע חסידישע משפּחות אין לאָדזש. נעמלעך: אַ דראַמע פֿון אַ חסידישער ראָמעאָ און יוליאַ. די מעגלעכקייט פֿון אַזאַ דראַמע האָט אויך געוויזן דעם גייסט פֿון דער נייער צייט וואָס האָט זיך פֿאַר גאָרנישט אָפּגעשטעלט און קיינעם נישט געשוינט.

אַ דראַמע צווישן אַ חסידישן קאַפּולעט און אַ חסידישן מאָנטאַגאַ. צווישן דער משפּחה וואַידיסלאַווסקי און דער משפּחה ווינער.

נאָר איך וועל עס דערציילן בהדרגה.

נאָך ר׳ ישעיה פּריוועסן אין וואַרשע איז ר׳ משה אהרן ווינער אין לאָדזש געווען דער גרעסטער אַדיר צווישן חסידים אין פּוילן. מען האָט אים געשאַצט ביי אַ צען מיליאָן רובל. ער האָט געהאַט אַ גרויס הויז אויף פּיעטריקאָווער גאַס אין לאָדזש און גרויסע פֿאַבריקן אין זדונסקעוואָליע. זיינע סחורות האָבן געהאַט אַ שם איבער רוסלאַנד און ער האָט געסמאָליעט אַ וועלט. אין לאָדזש האָט ר׳ משה אהרן ווינער געוואָלט שפּילן די ראָלע פֿון אַן אָרטיקן ר׳ ישעיה פּריוועס. עס איז אים געגראָטן כמעט אויף הונדערט פּראָצענט. ער און זיינע הויזגעזינטן זיינען געווען שאַרפֿע גערער חסידים, געהערט אין גער צו די גבירישע פּענער. דאָס האָט אויך צוגע־געבן דער משפּחה ווינער חשיבות און אָנזען.

אויסערלעך איז עס געווען אַ לאָדזשער קאָפּיע פֿון די באַרימטע וואַר־שעווער פּריוועסעס. נאָר אויב אַ קאָפּיע איז נישט מער ווי אַ נאָכמאַכעניש

פון דעם אָריגינאַל — זיינען עס געווען די ווינערס אין שייכות צו די פּריוועסעס. עס האָט זיי געפעלט דער שטאַנד און די טראַדיציע פון די פּריוועסעס, די דורות פון גבירותשאַפט און וואוילשטאַנד. אומעטום — הגם זיי האָבן געשפּילט די גבירישע ברייטקייט — איז פאַרט באַלד אַרויסגעקראָכן דער אויפגעקומענער פּאַרווועניו. אַפילו די בייכלעך און די בערד פון די ווינערס האָבן דערציילט פון דער אומגעלומפּערטער נאָכ־קרימעניש. די פּריוועסעס זיינען געווען הויכע ברחבותדיקע יידן. כמעט אַלע האָבן זיי געהאַט שיינע הדרתדיקע בערד. די גבירישע בייכער זייערע האָבן זיך געשטופּט אַלעמען אין די אויגן אַריין און גערופן תרבות. די בייכלעך פון די ווינערס האָבן גלאַט אויסגעקוקט ווי אָנגעבלאָזענע פּעסער. זיי זיינען די ווינערס געקראָכן ביז צום האַלדז. און זייערע בערד, — וויפל די ווינערס האָבן זיי נישט געקעכלט, האָבן זיי זיך פאַרט נישט געהאַלטן אין דער מדרגה און פאַרלאָפן אין שפּיצן ווי בערד פון אָרע־מעלייט.

די ווינערס איז היפשלעך שווער אָנגעקומען זיך אַרויפצוכאַפּן אויפן סאַמע גאַלדענעם אויבנאָן פון די חשובסטע גבירים. הגם זיי האָבן אַלצדינג געטאָן דערצו. געפאָרן אין די אייגענע וואַרעם־בעדער וואָס די פּריוועסעס, זיך משדך געווען מיט די גרעסטע גבירים און טאַקע מיט די פּריוועסעס גופא, געהאַט אַרום זיך מחנות מיט חסידישע טעלער־לעקער און לאַפּי־טוטן, געהאַט אַן אייגן גערער שטיבל. אַפילו געזעסן ביים גערער „טיש" באַגלייך מיט די פּריוועסעס, — דאָס אַלצדינג וואָלט זייער גוט געווען ווען מען איז נאָר אַ ביסעלע מער פּיפּיקער און מען האָט אַ קאַפּעטשקע מער שכל.

אויף דעם דאָזיקן פּרט האָבן די ווינערס גאָר שטאַרק אונטער־געהינקט.

זיי האָבן אַלע גערעדט אַ האַרטן לאָדזשער יידיש אַזוי ווי מען רעדט אויף דער „אַלט־שטאָט". מען האָט נישט לאַנג באַדאַרפט מיט זיי צו רעדן כדי צו זען אַז זיי זיינען פּראָווינצערישע לעמעשקעס, הגם אַלע האָבן זיי געהנפעט און צוגעשטעלט די אויערן טאָמער האָט אַ ווינער אויפגע־עפנט דאָס מויל. אַחוץ דעם האָבן בייזע צינגער געזאָגט, אַז די ווינערס זיינען אַ קאַפּעטשקעלע געהרגעט אויף די קליינע אותיות און ס'קומט זיי אַן מיט גויט־שווייס אַ שייטל חומש. נאָר דאָס אַלצדינג זיינען קלייניקייטן.

זייער רום איז געוואקסן, און זיי האבן זיך כסדר באמיט צו דעריאגן די פריוועסעס.

פונקט ווי ביי די פריוועסעס זיינען די „הייזער" פון די ווינערס נישט געווען צווישן זיך אין גרויסער ליבשאפט. אויך דא איז געווען א פעטע שיסל ביי וועלכער יעדער פון די זין האט געוואלט האבן די בכורה. אויך דא איז געווען א „פאטער פאמיליאס", א ר' משה אהרן ווינער, וואס איז געווען, אזוי צו זאגן, די ליכטיקע זון פון דער משפחה און האט פאנאנדערגעטיילט חסד.

אויך דאס איז געווען נישט מער ווי א נאכקרימעניש נאך די פריוועסעס. ווען ר' ישעיה פריוועס איז געווען א ייד פול מיט כאראקטער, א שטארקע האנט און א געבוירענער טיראן, איז דער ווינערישער „פאטער", ר' משה אהרן געווען א ייד א לעמעשקע. מען האט אים ממש ביי די אויערן געמוזט ארויפציען צו זיין גדלות און תמיד געמוזט אכטונג געבן אז די קרוין זאל אים זיצן אויפן קאפ מעשה־קיניג און ער זאל געדענקען זיך צו האלטן אין דער מדרגה פון א גביר. ס'האט עפעס ווי אויסגעקוקט אז מען האלט תמיד א צערעמאניע־מייסטער וועלכער זאל האבן אויף ר' משה אהרנען אן אויג און אים לערנען גבירישע תרבות. מען האט אים, ר' משה אהרנען, געהאלטן ווי אין וואטע כדי מענטשן זאלן אים וואס ווייניקער זען און בלויז הערן זיין רום. אדער מען האט אים אוועקגעשיקט אויף חדשים־לאנג אין די אויסלענדישע ווארעמבעדער, אדער — ווען ער איז געווען אין לאדזש — האט מען אים זעלטן ארויסגעלאזט אויף דער גאס. ר' משה אהרנען האט מען ס'רוב געקאנט זען נאר שבת ווען ער איז געגאנגען דאווענען אין זיין שטיבל אריין, אדער ווען ער איז אהיים געגאנגען פון דאווענען. ער איז געגאנגען ארומגערינגלט מיט זיינע זין און מקורבים. פון הינטן האט עמעץ נאכגעטראגן דעם גרויסן גבירישן טלית־זאק. ר' משה אהרן האט געטראטן פאמעלעכל, פאמעלעכל, טריט ביי טריט, געהאלטן מעשה גביר, די אויגן אראפגעלאזן אויף די שטיינער, גלייך ווי ער וואלט די שטיינער געוואלט מכבד זיין מיט דעם גרויסן כבוד דערמיט וואס ער, ר' משה אהרן ווינער, טרעט אויף זיי.

אזוי ווי צווישן אלע זין מוז דאך פארט זיין עמיצער וואס גילט סוף־כל־סוף אלס דער גערעטענער און דער ליבלינג פונעם גביר און זיין סביבה, — איז עס געווען ר' משה אהרנס בכור בנימין.

בנימין ווינער איז פונקט ווי זיינע ברידער געווען אַ קורצער און אַ גראָבער ווי אַן אַנגעבלאָזן פּעסל, מיט אַ נידעריקן שטערן און מיט אַרויסגעזעצטע קיילעכדיקע פּעטלעך־רויטע אויגן. אַלע האָבן געזאָגט, אַז בנימין איז דער גראָטעסנער און דער „שאַרפער קאָפּ״ צווישן די ווינערס און קאָן גיכער אַריינקוקן אין די קליינע אותיות. פון דעם קוקן אין די קליינע אותיות האָט זיך אויסגעלאָזט אַז שבת האָט בנימין ווינער גאָר אָנגעהויבן צו לערנען „זוהר״. געגומען האָט זיך עס קודם דערפון, וואָס דער „זוהר״ איז אַ ספר וואָס ס׳זיינען דאָ קנאַפּ קאָנטראָלערן ווי ווייט בנימין ווינער איז דאָרט בשלום אַדורכגעקראָכן, און מען קאָן גלאָט בעבען דאָרט אויפן הויכן קול, זאָגן וויסטע גרייזן און פאָרן אויף די זאַצן ווי אויף קלעצער. קיינער וועט נישט דערגיין קיין טאָלק. אי מען סטראַשעט די פראָסטע יידן, אי די גבירותשאַפט שאַרפט זיך מיט חסידישער חוצפה און מען ווייזט אַלעמען ווער עס איז עלטער. אַז בנימין האָט זיך אינמיטן דערין גענומען צום „זוהר״ איז סיי ביי ר׳ משה אהרנען אַליין און סיי ביי די ברידער ווינער אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. מען האָט טאַקע געזען, אַז בנימין איז דער גראָטעסטער און ער האָט פאַרדינט דעם אויבנאָן ביי די ווינערס מיטן פולן שעפל. קיינער פון די ברידער האָט נישט געהאַט אַזוי פיל פאַנטאַזיע אויך צו מאַכן אַזאַ קונציקן „שפרונג״. זיי זיינען אַלע געווען היפּשלעך טעמפּעוואַטע. זיי האָבן סוף־כל־סוף אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און געבליבן שטיין היגטער בנימינען ווי אָפּגעשמיסענע חדר־יינגלעך.

דורך דעם „זוהר״ האָט זיך בנימין גענומען אַ סך פּריווילעגיעס. קודם, איז ער נישט אַהיים געגאַנגען שבת פון דאַווענען צווישן דער סוויטע וואָס האָט באַגלייט ר׳ משה אהרנען, נייערט ער איז נאָך געבליבן אַ צייט אין שטיבל כדי צו פאַרענדיקן דעם „זוהר״ פון דער פרשה. שפּעטער איז ער אַהיים געגאַנגען מיט אַן אייגענער סוויטע פון מקורבים און לאַפּיטוטן. אויך אים האָט מען נאָכגעטראָגן דעם „זוהר״ און דעם טלית־זאַק. בנימין האָט פונקט ווי ר׳ משה אהרן געטראָטן פּאַמעלעכל, פּאַמעלעכל, שבתדיק, מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן אויף די שטיינער. מען האָט בחוש געזען, אַז אייבציקווייז טיילט זיך בנימין אויס פון דער ווינערישער סטאַדע און ער הייבט אָן צו פירן אַן אייגענעם שטאַט פון גבירותשאַפט און חסידישער שאַרפקייט.

פונקט ווי ר׳ ישעיה פריוועס האָט ר׳ משה אהרן ווינער געהאַט

קנאַפּ טעכטער. נישט מער זוי צוויי. מיט איינער האָט ער זיך משדך געווען מיט ר׳ זיסקינד ביאַלער פון וואַרשע. מיט דער צווייטער האָט ער אויך געטאָן פון וואַרשע. דער מחותן איז געווען ר׳ אברהמלע מענדלסאָן אַ זון פון ר׳ מאיר מענדלסאָן. פון דער דאָזיקער טאָכטער האָט ער געהאַט אַ סך אייניקלעך־טעכטער. זיי זיינען אַלע דערצויגן געוואָרן אין גרויס וואוילטאָג אין זדונסקע וואָליע וואו עס האָבן מיט פיל שפע געוויכערט ר׳ משה אַהרנס פאַבריקן.

## קאַפּיטל זעכצן

ר׳ יעקב וואָידיסלאַווסקי וויל זיך נישט פאַרלאָזן בלויז אויפן בלינדן מזל. זיינע זין. יאָסל וואָידיסלאַווסקי רימט פאַר סטרייקנדיקע גויישע אַרבעטער די גוטס־קייט פון קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. העלמשע גרייט זיך. הערשל רובינס „זינד״. הערשל רובין עסט צוזאַמען מיט אָרעמע יידן פון איין טעלער. אין די פלאַמען פון קידוש־השם. רחלע.

די צווייטע גביריש־חסידישע משפחה אין לאָדזש נאָך די ווינערס זיינען געווען די וואַידיסלאַווסקיס.

דאָ איז אויך געווען אַ „פאַטער פאַמיליאַס" ווי ביי די ווינערס און ער האָט געהייסן ר׳ יעקב. די משפחה וואַידיסלאַווסקי איז געשטאַנען אין שאַרפסטן גייסטיקן קעגנזאַץ צו די ווינערס. ווי ס׳רוב לאָדזשער גבירים איז ר׳ יעקב אַמאָל געווען אַ וועבער. ער האָט זיך פאַמעלעך אַרויפגע־אַרבעט צו דער מדריגה פון אַ גרויסן פאַבריקאַנט. צוזאַמען מיט זיין אויפגעקומענקייט האָט ער אויך מיטגעבראַכט אַ סך פעאיקייטן און אַ סך טעמפּעראַמענט. דער עיקר — ר׳ יעקב איז געווען אַ קלוגער פיפיקער ייד און אַן עקשן. ער האָט נישט געוואָלט מיטמאַכן די פוסטע גבירישע גאווה־שטיק פון די ווינערס. ער האָט ליב געהאַט דעם לאָדזשער עולם־המעשה, די מאַשינען אין זיינע פאַבריקן און דאָס וואַגערישע שפּיל פון לאָדזשער וועלט־מסחר. ר׳ יעקב האָט זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן בלויז אויפן בלינדן מזל זאָן אויף דער פוטער, וואָס וועט זיך אים מן־הסתם דרייען אויף אַרויף.

ער האָט געהאַט אַ היפּשע צאָל זין. אין זיי איז דער היפּך צו די ווינערס צום שאַרפסטן געקומען צום אויסדרוק, סיי פיזיאָנאָמיש סיי גייסטיק. פיזיאָנאָמיש האָבן זיי לחלוטין נישט געהאַט פון דער באַבייכל־דיקייט פון צעבאַלעוועטע לײדיקגייערישע גבירים. די וואַידיסלאַווסקיס זיינען אַלע געווען ה׳ויכע, דאַרע און געוואַלדיק רירעוודיקע. בלויז בערד האָבן זיי געהאַט שיינע, רחבותדיקע און גביריש־צעקעמטע. פונעם פאַטער ר׳ יעקב האָבן זיי אַלע געירשנט דעם טעמפּעראַמענט און דאָס נייגיריקע

אריינקוקן אין די מאַשינען און אין מסחר. זיי האָבן זיך נישט געוואָלט ארומדרייען אין זייער עשרות ווי זאָטע בטלנים און פאַרלאָזן זיך אויפן פרעמדן שכל און פרעמדע הענט.

די וואַידיסלאַווסקיס זיינען געווען בני־תורה און קלוגע ערשט־קלאַסיקע סוחרים. איינער פון זיי, הענעך — דווקא אַ שטאַרק חסידישער ייד און דורך זיין ווייב אַ קרוב מיטן גערער „הויף" — האָט זיך אַפילו אויסגעלערנט זיין אַ וועבער־מייסטער און געוויזן, אַז אַ חסידישער גביר מוז נישט זיין — וואָס שייך מלאכה — אַ טויגעניכטס. דער דאָזיקער הענעך האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו זיין דער פּיאָנער פון לאָדזשער פאַבריקאַציע אין ארץ־ישראל. ער איז שפּעטער טאַקע געפאָרן אהין און געווען דאָרט פון די ערשטע טעקסטיל־פּיאָנערן. אַן אַנדערער פון די וואַידיסלאַווסקיס, לייבל, האָט זיך אַחוץ אין גרויסן מסחר אויך פאַרנומען מיט ביבליאָגראַפיע. האָט געהאַט איינע פון די רייכסטע רבנישע פּריוואַט־ביבליאָטעקן אין פּוילן, איז געווען אַ מעצענאַט ארויסצוגעבן זעל־טענע קבלה־ספרים און אַליין אָנגעשריבן אַ מאָנאָגראַפיע פון רמ"ע מפאנו. מיט איין וואָרט: די וואַידיסלאַווסקיס זיינען געווען פון די טעמ־פּעראַמענטפולסטע און אינטעליגענטסטע חסידיש־גבירישע משפחות אין לאָדזש. שפּעטער ווען עס האָט זיך געגרינדעט די „אַגודה" זיינען זיי געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער דאָזיקער מאָדערן־אָרטאָדאָקסישער באַוועגונג.

דער עלטסטער ברודער זייערער, יאָסל וואַידיסלאַווסקי, פון וועלכן איך וויל בפּרטותדיקער רעדן אין שייכות מיט די געשעענישן אין די פאָלגנדיקע קאַפּיטלען, איז גאָר געווען אַ זעלטענער און אַן אייגנאַרטיקער ייד. אין קעגנזאַץ צו זיינע הויכע געוויקסיקע ברידער איז ער געווען אַ נידעריקער, כמעט אַ דראָבנער ווי אַ יונג בחורל, נאָר מיט אַן אַלט און קליין פּנימל און מיט אַ קורץ גראָ בערדל. ער איז געווען אַ טיפער שתקן. אָבער אין דעם דריבנעם גופל פון יאָסל וואַידיסלאַווסקי האָט געשטעקט אַ ים מיט עקשנותדיקן כאַראַקטער. ער איז געווען אַ ייד, וואָס האָט זיך געהאַט זיינע אייגענע אָריגינעלע פּרינציפּן. די דאָזיקע פּרינציפּן האָט ער פאַרטיידיקט מיט אַן אויסטערלישן מוט, מיט דער שאַרפסטער קאָנ־סעקווענץ און מיט דער אומברחמנותדיקער ערלעכקייט פון אַן אַסקעט. אזוי צ. ב. איז ער געווען אַן איבערצייגטער רעאַקציאָנער, נישט בלויז

וואָס שיך פּרומקייט נאָר אויך אין שייכות צו מסחר און צו דער ווירט־שאַפטלעכער וועלט. זיינע געדאַנקען וועגן אַלצדינג זיינען געווען שאַרפע, ביטערע, אָבער זיינע אייגענע און ערלעכע. אין וואַידיסלאַווסקיס פאַבריקן האָבן אַמאָל געבושעוועט סטרייקן. די אַרבעטער, גויים פון די לינקסטע פּאַרטייען, זיינען געווען זייער אויפגערעגט פון דעם האַרטנעקיקן נישט־נאָכגעבן פון די וואַידיסלאַווסקיס און האָבן געמאַכט מיטינגען אויפן הויף פון דער פאַבריק און געשטורעמט אויף די פאַבריקאַנטן. דער קליינער דראָבנער יאָסל וואַידיסלאַווסקי איז געקומען אויף אַזאַ מיטינג, געבעטן אַ וואָרט, און אויף אַ הויכן פּויליש געגעבן די אַרבעטער צו פאַרשטיין אַז די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג איז די בעסטע, און אַז בכלל דאַרפן גבירים צו הערשן איבער דער וועלט. אויב אָרעמע מענטשן מוזן אַרבעטן פאַר די רייכע, איז עס בלויז די קלוגע און גערעכטע השגחה פון דער גאָטהייט. אַזוי מוז עס זיין און ס'וועט אַזוי בלייבן עד סוף כל הדורות. די סאָציאַליסטן זיינען נישט מער ווי שלעכטע פאַרפירער וואָס טרייבן די אַרבעטער מורד צו זיין אין דעם גערעכטסטן און קלוגסטן סדר פון דער וועלט. יאָסל וואַידיסלאַווסקי האָט עס נישט געזאָגט מיט דער דעה צו איבערצייגן די אַרבעטער און צו פאַרענדיקן דעם סטרייק. אים איז דאָ געגאַנגען ווייניקער אין זיין מאַטעריאַליסטישן געווינס, נייערט אין פּרינציפּ און אין דעם אַפּענעם אַרויסטראָגן זיינע געדאַנקען דווקא אויף דעם אָרט, וואו עס איז צום געפערלעכסטן זיי צו זאָגן. ער האָט עס געטאָן מיט אויסערגעוויינטלעכן און פאַרביסענעם מוט, און נישט געקוקט אויף דערויף וואָס ער איז נישט מער ווי אַ קליין ווינציק יידל שטעלט ער זיך אַוועק מיט זיינע פּרינציפּן אינמיטן מחנות פון אויפגעהעצטע און פאַרביטערטע גויאישע אַרבעטער. מען מוז האָבן מוט צו זאָגן און צו טאָן דעם אמת. עס שפּילט נישט קיין ראָלע ביי וואָסערע אומשטענדן.

הגם די איבעריקע וואַידיסלאַווסקיס האָבן געהאַט צו היפּשלעך קינדער, אָבער יאָסל איז אויך דאָ ווי געגאַנגען זיין אייגענעם דרך. ער האָט נישט מער געהאַט ווי צוויי קינדער, טעכטער, העלטשע און רחלע.

העלטשע האָט מער אַריינגעגראָטן אין דער משפּחה פון דער מוטער, אין די וואַרשאַווסקיס. ר' יונה וואַרשאַווסקי איז נישט געווען פון די גרויסע לאָדזשער גבירים. ער האָט געשטאַמט פון זדונסקע וואָליע. אָבער ער האָט געהאַט שיינע טעכטער. בכלל זיינען די וואַרשאַווסקיס געווען

זייער א פעדאַנטישע און ווייבערישע משפחה, האָבן זיך ליב געהאַט צו סטראָיען און צו פוצן, און אַפילו די מאַנסבילן דאָרט זיינען געווען ווי צירלעכע פאַרפּיעשטשעטע מיידלעך. העלטשע, יאַסל וואָידיסלאַווסקיס טאָכטער, האָט אַריינגעגראַטן אין איר פאָטער נישט מער ווי סיידן אין איר דראָבנעקייט. אַזוי איז זי אינגאַנצן געראָטן געווען אין די פעדאַנטישע ווייבערישע וואַרשאַווסקיס. זי איז געווען אַ שיין מיידל, צירלעך ווי אַ ליאַלקע. איר גאַנצער קאָפּ איז געלעגן אין פוצן זיך, אין פעדאַנטישער אויפמערקזאַמקייט אויף דער שטוביקער באַלעבאַטישקייט: אַז עס זאָל אַלצדינק זיין ביי איר בליץ און בלאַנק, און עס זאָל זיך חס ושלום נישט אָנזען קיין שטויבעלע אַרום איר.

יאַסל וואָידיסלאַווסקי האָט מיט העלטשען געטאָן אַ שידוך מיט ר׳ חנא רובין פון טאָמאַשאָוו. אַ חשובער חסידישער פאַבריקאַנט. געוויס איז העלטשע געווען צופרידן מיט יעדן חתן, וואָס דער פאָטער גיט איר, וואָרעם עס איז פונאויפסניי דאָ אַן אָרט וואו צו פאַסן קליידער, זיך צו פוצן, און צו זיצן גאַנצענע טעג ביי די שניידערינס צוליב דעם גרויסן אויס־שטייער. דאָס הערלעכסטע בילד פון איר צוקונפט האָט זי געזען אין איר אייגענער דירה, וואו אַלצדינק וועט זיין בליץ און בלאַנק און אַרום איר וועט זיך נישט זען קיין שטויבעלע. הערשל רובין, העלטשעס מאַן, האָט זי אָבער אין דעם דאָזיקן פּרט שטאַרק אַנטוישט, ווי עס וועט מיר באַלד אויסקומען צו דערציילן.

מען האָט דערציילט פון אַלטע התלהבותדיקע חסידים וואָס האָבן פול געמאַכט די חסידישע פאַרצייטנס. הערשל רובין, דער נגידישער יונגערמאַן פון טאָמאַשאָוו, יאַסל וואָידיסלאַווסקיס איידעם, איז געווען פולשטענדיק אַזאַ טיפּ פון אַ מענטש. ער איז כסדר געווען אין אַ טעמ־פּעראַטור פון טיפער עקזאַלטירטקייט. זיינע שיינע שוואַרצע אויגן האָבן תמיד געברענט מיט אַ פייער פון אינערלעכער דבקות. ער איז געווען אַ זוכער, נישט ווי קיין ראַציאָנאַליסט, נייערט ווי אַ מבקש, אַ מיסטיקער. אין דעם דאָזיקן פּרט האָט ער אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינטלעכן מוט. אַזוי ווי די צייטן זיינען געווען מאָדערנע און רעוואָלוציאָנערע און דער אַלטער יידישער לעבנס־שטייגער פון אַלעמען אויסגעלאַכט, — האָט הערשל רובין געגלייבט, אַז די נייע אייראָפּעאישע וועלט וועט אים אונטערטראָגן די אמתן פאַר זיין אינערלעכער עקזאַלטירטקייט. ער איז געווען ווייניק

באהאַונט אין אייראָפּעאישער קולטור. איבסען איז דעמאָלט געשטאַנען אין דער גרויסער מאָדע. הערשל רובין האָט געגלייבט, אַז אין איבסענען איז אויפגעשטאַנען דער גרויסער חסידישער רבי. ער האָט אָנגעהויבן צו לייענען איבסענס ווערק, און אַפילו איינמאָל, דוכט זיך, נישט מער ווי איינמאָל, געווען אין טעאַטער כדי צו זען איבסענס אַ דראַמע. ער איז געגאַנגען אין טעאַטער עפנטלעך און זיך דאָס מינדסטע נישט געהיטן. ביי דער משפחה וואַידיסלאַווסקי איז דערפון אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל. אָבער הערשל רובין האָט געהאַט זעלטענעם מוט ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין נשמה־זאַכן. זעלטן אַן אייראָפּעאישער שריפטשטעלער איז געווען אַזוי ווייניק צוגעפּאַסט צו הערשל רובינס התלהבותדיקן געמיט ווי גראַד הענריק איבסען. הערשל רובין האָט געמיינט אַז איבסען איז דער גרעס־טער און דער איינציקער און די קרוין פון דער וועלטלעכער קולטור. דער איבסענישער ראַציאָנאַליזם צו וועלכן הערשל רובין האָט קוים געטאָן דעם ערשטן שמעק, האָט אים באַלד שרעקלעך אַנטוישט. מיט דער נאָך גרעסערער עקזאַלטירטקייט פון אַ מיסטיקער וואָס האָט זיך אַנטוישט אין דער ראַציאָ איז ער צוריק געלאָפן צו די אַלטע ספרים פון חסידות, צו דער קבלה, און צו דעם טונקעלן תהום פון די חסידישע יידן, וואָס האָבן זיך געזאַמלט ווי ברומענדיקע האָניק־בינען אַרום די פּוילישע רביים. כאָטש הערשל רובינס „זינד" איז נישט מער געווען סיידן ווי ער איז נאָר איין און איינציק מאָל אין זיין לעבן געווען אין טעאַטער — פונדעסטוועגן האָט ער זיך באַטראַכט ווי אַ בעל־תשובה. איבערהויפּט ווען אין דער חסידישער און קבלהשער באַלייכטונג איז דאָס טעאַטער אויסגעקומען ווי דאָס גלוסטיקסטע אויג פון די טויזנט אויגן פון אַשמדאי. זיין ריקצוג צו פרומקייט האָט ווידער הערשל רובין געטאָן מיט עקזאַלטירטער אָפנקייט און מיט מוט. ער איז אָפּגעזעסן גאַנצע וואָכן אין גער, געוואַלגערט זיך דאָרט אויף די קבצנישסטע אַכסניות כדי „אָפּצוקומען", געקוקט דעם רבין אין די אויגן אַריין מיט דער גרעסטער דבקות, און געלוישט די שמועסן פון די אַלטע קאַצקער חסידים. אינדערהיים פלעגט הערשל רובין זיך טיף פאַרהילן אין טלית און געדאַוונט שעהן לאַנג. העלטשע האָט געהערט ווי אינעם איינגעהילטן טלית וויינט הערשל רובין אויף אַ ביטער יאָמער־לעך קול. וויינט און דאַוונט. און ווען ער נעמט ענדלעך אַרויס דאָס פּנים פון אונטערן צעהילטן טלית, איז דאָס פּנים פייכט פון שוויס און פון

טרערן און הערשל רובין קוקט ארום זיך גלייך ווי ער וואלט אקערשט געקומען פון קאטארגע.

נאר וואס העלטשע האט אזוי ביטער באצאלט פאר הערשלס חסידות איז נישט געווען דאס וואס ער איז וואכן־לאנג געזעסןביים רבין אין גער, און אזוי געיאמערט ביים דאווענען. הערשל האט אנגעהויבן אריינצו־ברענגען צו זיך אין דירה די ארעמסטע און די ברודיקסטע חסידים. העלטשע האט געזען ווי דער שענסטער אידעאל פון איר לעבן, די זויי־בערע און בליק־בלאנקע דילן, ווערן הפקר אונטער די צעריסענע און פארבלאטיקטע שטיוואלעס פון די דאזיקע שמאטעוואטע יידן. זי האט זיך געריסן פארן שייטל, געוויינט און געשריגן ווען זי האט געזען דעם תל, וואס הערשלס פרייגט מאכן פון אירע הערלעכע דילן. עס האט איר גארנישט געפועלט. הערשל ריבין האט אויפגענומען זיינע ארעמע יידן גלייך ווי זיי וואלטן געווען די חשובסטע געסט. טיילמאל האט זיך העל־טשען אויסגעדוכט אז פון איר אויסגעצערטלטער דירה ווערט א חסידים־שטיבל און זי איז אנטלאפן אין דער קיך. אויך פון דארט האט זי געהערט דאס התלהבותדיקע געברום פון די ארעמע יידן. הערשל רובין האט די דאזיקע יידן געוואלט האבן ביי זיך צו מיטאג און צו וועטשערע. און ווען העלטשע האט ס׳ערשטע מאל געזען ווי הערשל רובין רוקט זיך צו צום טעלער פונעם ברודיקסטן און אפגעריסנסטן ייד און שטעקט דארט אריין זיין לעפל כדי צו עסן צוזאמען פון איין טעלער מיטן גרעסטן ארעמאן, האט העלטשע ווירקלעך געמיינט אז אלע זונען ווערן איר פינצטער אין די הימלען און אלע וועלטן גייען איר אונטער.

הערשל רובין און העלטשע זיינען פארברענט געווארן פון די דייטשן אין די קאלך־אויוונס פון פוילן. איך בין זיכער: הערשל רובין איז געגאנגען אויפן מארטירער־טויט מיט דער באוואוסטזיניקער התלהבות פון א הייליקן ייד. ער האט עס געטאן מיט דער אייגענער עקזאלטירטקייט פונקט ווי ער האט געווינט אונטערן טלית אדער אריינגעשטעקט זיין לעפל אינעם טעלער פונעם ארעמסטן ייד. ער האט זיך געזען צוזאמען מיט ארעמע יידן גיין צו די פלאמען פון קידוש־השם. דאס איז זיכער געווען פאר אים א גרויסע טרייסט און א טיפער זין.

נאר איך וויל צוריק אויפנעמען דעם פאדעם פון די געשעענישן. די צווייטע טאכטער פון יאסל וואידיסלאווסקי, רחלע, האט פיזיא־

נאָמיש מער ארייגעגראָטן אין איר מוטער. זי איז געווען העכער ווי יאָסל וואָידיסלאַווסקי און ווי העלטשע. דערביי איז זי געווען אַ שיין שוואַרץ־חנעוודיק מיידל, מיט זייער אײדעלע, אָבער שאַרפע קאָנטורן פון אַ וויינ־ציק נישט גרויס פנים. אויגן האָט זי געהאַט גרויסע, ברענענדיקע און ווילנפולע. אין כאַראַקטער אירן איז זי געווען אינגאַנצן געראָטן אין יאָסל וואָידיסלאַווסקי. פונקט ווי ער האָט זי געהאַט אַן עקשנותדיקן קאָמפּראָמיסלאָזן רצון. זי האָט געטראָגן אירע געפילן מיט אויסערגע־וויינטלעכער שאַרפקייט און האַרטנעקיקייט. פונקט ווי ביי איר פאָטער איז יעדעס געפיל ביי רחלען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן ערלעכן, טיפן און ראַציאָנעלן פּרינציפּ, פאַר וועלכן מען מוז קעמפן, נישט אָפּטרעטן, און אים אויסגעטראָגן מיט מוט און אויסדויער.

## קאַפּיטל זיבעצן

וואַרשעווער גבירותשאַפֿט אין לאָדזש. ר׳ זיסקינד ביאַלער און זיין ווייב כינקע. טביה ביאַלער און זיין ווייב באַשע. דער שמעלקע מיטן רוסישן קייסער. ר׳ יואל וועגמייסטער פּועלט און שרייט אָפּ ביים מלכות די שוואַרצע מחשבות פון די גויים. דער שליסל צו גוישע הערצער. מען טראָגט אונטער ר׳ יואלן דעם עולם־הבא אויף אַ גאָלדן טעלערל. אַוודאי מעג ר׳ יואל זיך אָנטאָן „דייטש״. דער דייטש ר׳ יואל וועגמייסטער אין חסידישן געדרענגעניש. יידיש נחת.

טוביה ביאַלער איז געווען פון די לאָדזשער גבירים וואָס סיי אין זייער מסחר און אין זייער התנהגות זיינען זיי געווען ווי מחוץ פון לאָדזש. די זיינען געווען וואַרשעווערִיש אַפּילו אין לאָדזש. אין היפּך צו אַלע לאָדזשער גבירים האָט טוביה ביאַלער געהאַט אַ פאַבריק פון שפּיצן און שפּיצלעך. גאָר אַ ווייבערישן און פּריצישן מסחר. אַזאַ מסחר איז געווען כמעט פרעמדלעך דער לאָדזשער פאַבריקאַציע, וואָס האָט נאָר געוואוסט פון פעסטע און גרויסע שטיקער סחורה און נישט אַזעלכע איידעלע שמאַכטעס ווי ווייבערישע שפּיצן.

טוביה ביאַלער האָט זיך נישט אַזוי לייכט געקאָנט אַסימילירן מיט לאָדזש. סיי ער, סיי זיין ווייב באַשע זיינען נישט געווען קיין אויפגעקומענע גבירים. דאָס איז אין לאָדזש געווען אַ זעלטנהייט. טוביה ביאַלער איז געקומען קיין לאָדזש פון דער וואַרשעווער נגידישער סמעטענע. ער איז געקומען מיט שטאַנד און מיט טראַדיציעס.

טוביהס פאָטער, ר׳ זיסקינד ביאַלער, איז געווען פון די שיינע וואַרשעווער נגידים. אַ שטילער ייד און נישט קיין איינגעזעסענער. דעם גרויסן שם און דעם אויבנאָן ביי דער משפחה ביאַלער האָט גאָר געפירט די מוטער. אַ ייִדענע האַלב רביצין האַלב אשת־חיל. איר נאָמען — כינקע — האָט זיך געטראָגן איבער פוילן ווי פרומער בוימאייל. ר׳ זיסקינד ביאַלער איז נאָך נישט געווען די ריכטיקע ראָזשינקע אין טוביה ביאַלערס גבירישן פאַרמעג. דער עיקר און דער פער איז דאָ געווען זיין שווער. דער לייבלעכער פאָטער פון טוביהס ווייב באַשע, נעמלעך: דער באַרימטער ר׳ יואל וועגמייסטער פון וואַרשע.

דער נאָמען פון ר׳ יואל וועגמייסטער האָט געקלונגען צווישן פּויי־לישע חסידים ווי אַ ייד אַ גביר, וואָס איז אַ קרוב־למלכות, כמעט ווי אַ נאָענטער שמעלקע מיטן רוסישן קייזער, און אויסגעקאָכט מיט אַלע מיניס־טאָרן און שרים. אַלע הויכע פּענצטער שטייען פאַר אים אָפן. ער קאָן אָפּשרייען אַלע ביטערע גזירות אויף יידן מיט זיין שאַרפן רוסיש. ווען עס גייט צו שווערלעך און די גויים האָבן זיך גאָר פאַרהאַקט און ווילן נישט ווייכער ווערן פון ר׳ יואלס רוסיש — דאַן נעמט זיך ר׳ יואל צו דעם אויסגעפּרואוווטן יידישן מיטל און גיט אַ מתנת־יד דאָרט וואו מען באַדאַרף. ער גיט סיי פון זיין אייגענער קעשענע, סיי — ער רופט צוזאַמען אַן אַסיפה פון חסידישע גבירים און עס קומען די שווערע טויזנטער, די ביטערע און שוואַרצע מחשבות וואָס די גויים טראָגן אַרום אויף יידן ווערן ווייס ווי די לעמעלעך. יידן אָטעמען פונדאַסניי אויף. דאָס אַלץ איז זכות פון ר׳ יואל וועגמייסטער וואָס ער האָט עפּעס — ווי לויט אַ באַשיימ־פּערלעכן ווילן פון דער השגחה — געפונען חן אין די אויגן פון די מעכטיקע גויים און ער האָט באַקומען דעם שליסל צו זייערע הערצער און צו זייערע קעשענעס. דאָס רוב ביטערע גזירות וואָס ר׳ יואל האָט אָפּגעשריגן האָבן ווייניק געהאַט צו טאָן מיט יידישע פּרנסות און מיט יידישער רעכטלאָזיקייט. ניין, ס׳רוב זיינען עס גאָר געווען גזירות אויף פרומקייט און אויף חסידות. וואָרעם אויך אויף דעם האָבן די גויים געלייגט זייער בייז אויג און נישט געוואָלט לאָזן יידן טאָן דעם רצון פון דעם רבונו־של־עולם. אין די הויכע פּענצטער פון גויאישן מלכות האָט מען געוואָלט, אַז די חדר־יינגלעך זאָלן קאָנען אַ קאַפּעטשקע די אָפּיציעלע לאַנד־שפּראַך, די חדרים זאָלן זיין אויסגעקערט און נישט שמוציק און פייכט; אַז די רביצין מיט אירע קינדערלעך זאָלן זיך נישט אַרומוואַל־גערן אין חדר צווישן די תלמידים, שיילן דאָרט קאַרטאָפלעס און אין די הייסע זומער־טעג קאָכן דאָרט אויפן פּריפּעטשיק, — בייערט זיי זאָלן וואוינען באַזונדער; דאָס חדר זאָל אויסזען כמעט ווי אַ שולע מיטן פאַר־טרעט פונעם קייסער אויף דער וואַנט. אויך דער רבי זאָל אויסקוקן נישט אַזוי פאַרחושכט און זאָל באַווייזן איבערצולייענען כאָטש אַ רוסיש שייטל עברי; — אַז יידן זאָלן נישט עפּנטלעך טראָגן קיין שטריימלעך און קיין פּיאות און זאָלן נישט אַלע — ווי אונטערן מלכות של חסד פון קייסער פראַנץ יאָזעף — אויסקוקן ווי סאַמע כלי־קודש און רבנים. און

נאָך אַזעלכע ווילדע גזירות. איבערהויפּט גזירות וואָס שייך אַ ביסל צו רעפאָרמירן דאָס פאַרעלטערטע סיסטעם פון יידישער דערציאונג האָבן די גויים אין מלכות געוואָלט אויסטראַכטן אויף יידן. אין אַלע רבישע הייף האָט זיך געמאַכט אַ געוואַלד. מען איז געלאָפן צו ר׳ יואל וועגמייס־טער, אים געטראָגן אויף די הענט און אים צוגעזאָגט דעם ברייטן עולם־הבא. ר׳ יואל האָט זיך אַ געהיימניספולער אָוועקגעלאָזט צו די גויאישע שרים און געוויזן וואָס ער קאָן מיט ווערטער און מיט קערבלעך. ער האָט כמעט אַלצדינק אָפּגעשריגן בבי־טוב.

ר׳ יואל וועגמייסטער, הגם ער איז געשטאַנען אין גרויסן ערפורכ־טיקן חשיבות ביי אַלע פוילישע גוטע־יידן און אַלע רבנים און שיינע יידן האָבן ביי אים אָפּגעהאַקט די טירן, געבערענגט צו אים זייערע ביטערע הערצער און זייערע קאַפּדרייענישן מיטן מלכות — ר׳ יואל האָט פאַר אַלעמען אָפּגעשריגן וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט — פונדעסטוועגן ער גופא איז געוועזן אַ שאַרפער גערער חסיד. ער איז געוועזן אין גערער הויף עפּעס אַזוינס ווי דער אַמבאַסאַדאָר פון רוסישן קייסער, און ער האָט דאָרט פאַרשטופּט אַלע לעכער וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו מלכות. טאָמער האָט זיך אַמאָל אין רבישן גער באַוויזן אַ „קנעפּל״, מעג עס זיין פון נידע־ריקסטן טשין, האָט מען באַלד געשיקט נאָך ר׳ יואל וועגמייסטער. ר׳ יואל האָט אָוועקגעיאָגט אַלע בייזע רוחות. הגם אַזאַ גביר און אַזאַ קרוב למלכות — ער איז געוועזן אַ פאָדריאַטשיק און צוגעשטעלט שפּייז פאַרן רוסישן מיליטער, פון דאַנען האָט זיך געגומען זיין באַקאַנטשאַפט מיט פּולקאָווניקעס און גענעראַלן — האָט זיך ר׳ יואל וועגמייסטער דווקא האַלט געהאַט צו האַלטן אין גער און צווישן חסידים מיט איבערגעטרי־בענער עניוות. ער האָט זיך נישט געבלאָזן. געגומען האָט זיך עס דערפון, וואָס ר׳ יואל וועגמייסטער איז געוועזן דער איינציקער ייד צווישן חסידים אין פוילן וואָס האָט אָפּט געטראָגן קורצע מלבושים און אַ קאַפּעליוש. אַלע האָבן פאַרשטאַנען — אַפילו רבנים און גוטע־יידן — אַז כדי פועל צו זיין מיט זיינע אָפּשרייענישן און נושא חן צו זיין ביי די גרויסע גויים, מוז ר׳ יואל, גייענדיק אַהין, זיך אָנטאָן ווי אַ דייטש. אַלע האָבן עס אים מוחל געווען. מאַלכ וואָס מען מוז אַלץ טאָן פאַר יידנס־וועגן. ר׳ יואל וועגמייסטער איז געוועזן אַ הויכער ייד מיט אַ גראָ בערדל. אין די דייטשישע מלבושים האָט ער טאַקע אין זיך געהאַט פון אַ רוסישן טשינאָווניק. יידן

האבן געקוואלן ווען מען האט געזען אן אייגענעם חסידישן ייד מיט אזא יוונישן אויסזען. מיט אזא אויסזען איז נישט קיין וואונדער וואס ר׳ יואל וועגמייסטער „פועלט״. ר׳ יואל וועגמייסטער אליין אבער, ווען ער איז געווען אין גער צווישן חסידים און איז גראד געגאנגען אנגעטאן אין קאפעליוש, האט ער זיך דווקא ליב געהאט צו שטופן מיט אלע צוזאמען. אונטערן גויאישן קאפעליוש האט ער געטראגן א ברייטע סאמעטענע יארמלקע. דאס קורצע רעקל האט ער זיך ארומגעגארטלט מיט א חסידישן גארטל. אלע האבן אויף אים געטייטלט און געוויזן אויף דעם הויכן ייד מיטן יוונישן אויסזען, און געזאגט: זעט, ר׳ יואל וועגמייסטער! מען האט געזען באשיימפערלעך ווי דאס מלכות האט זיך אראפגעלאזן צווישן ארעמע יידן, האלט זיך גאר באשיידן, און לאזט זיך שטויסן און שטופן אינעם גרויסן חסידישן געדרענגעניש. יידן האבן זיך דערפון גאר געפילט געהויבן און געהאט א ווילדע הנאה.

## קאַפּיטל אַכצן

די חטובע שאַטענעס פון וואַרשע איבער די לאַ־דזשער ביאַלערס. באַשיימפּערלעך גייט די וועלט אויף איר ריכטיקן שליאַך. פּלוצעם אינמיטן דרינען דרייט זיך די וועלט איבער די קאַפּאַטע. לאַטע. איבערן דאַך פון די ביאַלערס קלייבט זיך אַ פינצטערער שטורעם. לאַטע און איר חברטע רחלע. אהרן.

ר׳ זיסקינד ביאַלערס זון טוביה און זיין ווייב באַשע, די לייבלעכע טאָכטער פון ר׳ יואל וועגמייסטער, האָבן זיך געפילט אין לאָדזש גלייך ווי זיי וואָלטן כסדר ווייטער געוועזן אין וואַרשע און געלעבט צווישן זייערע חשובע משפחות. ר׳ טוביה ביאַלער מיט זיין ווייב האָבן כמעט ווי נישט געהאַט קיין פּערזענלעכן לעבן. איטלעכע טאַט וואָס זיי האָבן געטאָן און איעדער שריט אין זייער לעבן איז נאָר געווען אַ טייל פון דעם גבירישן שטאַנד און מיליע און האָט פולשטענדיק געמוזט שטימען מיטן גבירישן דעת־הקהל. אומעטום זיינען זיי געשטאַנען איבערן קאָפּ די חשובע שאָטנס פון ר׳ זיסקינדן און ר׳ יואלן. זיי האָבן זיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אַנזען און פאַרן פּרעסטיזש פון די משפחות, און אַז עס זאָל נישט פאַלן אויף זיי דאָס מינדסטע שטויבעלע. קיינער זאָל חס ושלום נישט קאָנען אַ קרום טאָן מיט דער נאָז און זאָגן דאָס מינדסטע שלעכטע וואָרט. וואָרעם — אַזוי האָבן געטראַכט טוביה ביאַלער און זיין ווייב באַשע — דער גביריש־יחוסדיקער סדר פון וועלכן זיי זיינען נישט מער ווי צוויי גאָלדענע רינגעלעך — וועט זיך ציען און ציען ביזן סוף פון אַלע דורות. אין אַלע דורות וועט זיך טראָגן דער שיינער גביריש־חסידישער נאָמען פון די וועגמייסטערס און די ביאַלערס. זיי, טוביה מיט זיין ווייב באַשע, האָבן נישט מער צו טאָן סיידן ווי צו היטן און צו היטן אַז ביי זיי אין שטוב זאָל די וועלט נישט אַרויסגיין פון די רעלסן.

ביי די ערשטע צוויי קינדער האָט באַשיימפּערלעך אויסגעקוקט, אַז אַזוי וועט עס טאַקע זיין, און אַז די וועלט גייט טאַקע אויף איר ריכטיקן שליאַך. איטשע מאיר, דער עלטסטער זון פון טוביה ביאַלער, האָט אָנגע־

הויבן צו וואקסן ווי די ריכטיקע פרי אויף דעם גאָלדענעם בוים. ער האָט זיך גאָר אָנגעהויבן צו שנידן אויף אַ ר׳ יואל וועגמייסטער. אין דרויסן האָט די אַרבעטער־רעוואָלוציע געהאַלטן אינמיטן איר גרויסן ברען. דאָס מלכות, וועלכעס טוביה און באַשע האָבן געהאַלטן פאַר אַזאַ פעסטע אייבי־קייט ווי די אייביקייט פון זייערע חשובע משפחות, האָט זיך היפשלעך פאַנאַנדערגעוואַקלט אין איר טראַדיציאָנעלער אויטאָריטעט. די קלוגע ערנסטע וועלט, וועלכע די ביאַלערס האָבן באַטראַכט פאַר אַ מיושבע און סטאַטעטשנע האָט זיך גאָר איבערגעדרייט די קאַפּאָטע. אין טוביהס איי־גענער פאַבריק האָבן די אַרבעטער געסטרייקט און גערעדט צו אים עזות־קייטן גלייך ווי ער וואָלט גאָרנישט געווען קיין זון פון ר׳ זיסקינד ביאַלער און אַן איידעם פון ר׳ יואל וועגמייסטער. פונדעסטוועגן איז טוביה זיכער געווען אַז ביי דער שוועל פון זיין דירה וועט די וועלט אויפהערן צו מאַכן אירע משוגענע שטיק.

דער ערשטער דונער, וואָס האָט אַריינגעקראַכט אין דאַך פון זייער הויז און אָנגעטאָן די ביאַלערס אַ סך גריזאָטע און קאָפּ־ברעכעניש איז געווען זייער יינגסטע טאָכטער לאָטע.

לאָטע איז געווען אַ דראַבנע חנעוודיק מיידל, גאָרנישט קיין נאַרישע און מיט זעלבשטענדיקער און אינערלעכער אינטעליגענץ. יעדע גייסטיקע רעגונג אין איר האָט זיך עקשנותדיק פאַרוואַנדלט אין אַ נעגאַטיוון פּראָ־טעסט צו אַלעם און צו אַלצדינג. אַ פּראָטעסט צו די מיושבדיקע טראַ־דיציעס פון איר סביבה און צו דער וועלט בכלל. פאַר אַ פּסיכאָ־אַנאַלי־טיקער וואָלט זי געווען אַ גאָלד־גרובן. קודם כל: איר פּסיכיש לעבן. דווקא איר פרויען־לעבן איז געווען פאַרפּלאָנטערט און קאָמפּליצירט ווי אַ געדיכטער פינצטערער וואַלד אין וועלכן לאָטע אַליין האָט געבלאָנדזשעט אַ פאַרביסענע און דאָרט פאַרלוירן איר פרוי־ענהאַפטיקייט, איר יוגנט, און איר לעבן. וואָלט לאָטע געווען מער אַ געזעלשאַפטלעכע נאַטור — איז די דעמאָלטדיקע רעוואָלוציאָנערע צייט ממש געווען ווי צוגעמאָסטן צו איר אינערלעך פּראָטעסט־געפיל. זי איז געווען אַ טיפּישער עקזעמפּליאַר פון אַ וואונדערלעכער רעוואָלוציאָנערקע. צום גרויסן שאָדן פאַר איר אַליין איז לאָטע נישט געגאַנגען אויף דעם דאָזיקן וועג. זי האָט זיך אָנגעלייגט מיט דער מאָדערנער דעקאַ־ענטיש־אינדיווידואַליסטישער ליטעראַטור. וואָס ס׳האָט אַ שייכות צו געזעלשאַפטלעכקייט — מעג עס שטימען מיט

איר אייגן פראָטעסט־געפיל — איז שוין געווען געגוג כּדי לאָטע זאָל זיך דערפון אָפּקערן מיט דער ביטערסטער פאַראַכטונג. צי האָט לאָטע אַמאָל געהאַט — אפשר אין אירע קינדער־יאָרן — אַן אַנטוישונג און אַ קאָנ־פליקט מיט דעם ליבע־געפיל? איך ווייס עס נישט. עס קוקט זיכער אויס אַז דאָס איז געווען די סיבה פון איר טראַגישן קאָמפּליצירטן לעבן. לאָטע האָט איר אינערלעך לעבן געהאַלטן אין טיפסטן בסוד. זי האָט אַליין געהאַט אַ פּאַנישע שרעק פאַר די קאָמפּליצירטקייטן פון איר פּסיכיק. ס'איז געגוג געווען אַז עמעצער — אפילו דער נאָענטסטער — זאָל זיך צורירן צו עפּעס פון איר אינערלעך לעבן — איז זי באַלד אויפגעציטערט געוואָרן ווי מען וואָלט זי געזען אַ נאַקעטע, און זי האָט זיך נאָך מער פאַרהאַקט. איין זאַך האָט זי אויפגעדעקט פון אירע דעפּרימירנדיקע מינ־דערווערטיקייטס־געפילן, נעמלעך, אַז זי איז די מיאוסטע פרוי און קיינער וועט אויף איר נישט ווען קוקן. הגם עס איז אַבסאָלוט נישט געווען אמת. לאָטע איז גאָר געווען אַ באַחנטע און אַפילו מיט אַ פּיקאַנטן רייץ. זי האָט תּמיד געזוכט נייראַטישע אויסוועגן פאַר אירע קאָמפּלעקסן און זיך מן־הסתם אידענטיפיצירט מיט איר עלטערער שוועסטער וואָס האָט געהאַט אַן אָרגאַנישן שפּראַך־פעלער און מען האָט זי שווער פאַרשטאַנען.

די עלטערן אירע האָבן תּחילת גאָרנישט באַנומען אַז מיט לאָטען וועט זיי נישט אויסקומען צו האָבן קיין גרינג לעבן. זיי האָבן בכלל — אַקוראַט ווי ר' זיסקינד ביאַלער און ר' יואל וועגמייסטער — נישט באַ־טראַכט זייערע קינדער אַלס אינדיווידועלע באַשעפענישן מיט אַן אייגן לעבן און מיט אַן אייגענעם ווילן. די קינדער זיינען נישט מער ווי ווייטערע רינגעלעך פון דער גאָלדענער קייט, וואָס ציט זיך פון דורות און וועט זיך ווייטער ציען אויף דורות. קיין רינגעלע טאָר זיך נישט אויף דאָס מינדסטע אַרויסרוקן פון דער שטרענגער און חשובער ריי. מאַלע וואָס לאָטע לייענט טאָג און נאַכט אַזוי פיל ביכער און איז טיילמאָל אַזוי מאָדנע און אַזוי סודותדיק. ווער קוקט דערויף און וואָסער ראָלע שפּילט עס. ערשט ווען עס האָט זיך באַוויזן דער ערשטער שדכן, און די ביאַלערס האָבן זיך געגרייט אַז אַ גבירישע מחותנתטע זאָל קומען אויף „באַשויאונג", און לאָטע האָט — ס'ערשטע מאָל זינט די וועלט שטייט פאַר דער משפּחה ביאַלער — געשטעלט אַ האַרטנעקיקן און פאַרביסענעם ווידערשטאַנד און געזאָגט, אַז בכלל האַלט זי נישט ביי חתונה האָבן, — דאָ האָבן זיך טוביה

ביאַלער און זיין ווייב באַשע אויסטערליש דערשראָקן. לאַטעס ווערטער האָבן געקלונגען אין זייערע אויערן ווי די אָנזאָגן פון אַ פינצטערן שטורעם וואָס קלייבט זיך איבער זייער פעסטן דאַך. עס ברעכט זיך פאַרט אין דער וועלט. די ביאַלערס האָבן מורא געהאַט אַז דער מינדסטער סליאַד פון לאַטעס ווערטער זאָל אַרויסקומען אין דרויסן. מענטשן וועלן געוואויר ווערן וואָס עס טראַכט און זאָגט אַ טאַכטער פון די ביאַלערס. מען קאָן מיטאָמאָל פאַרלירן דעם גאַנצן אָנזען אין דעם שטאַנד פון אַלטע חסידישע גבירים.

לאַטע ביאַלער האָט נישט געהאַט קיין סך חברטעס. אָבער פון די ווייניקע חברטעס אירע איז געווען יאַסל וואָידיסלאַווסקיס טאָכטער רחלע. חברשאַפט איז אָפטמאָל אַזוי פרעמד און וואונדערלעך ווי די ליבשאַפט. מיר קאָנען נישט שטענדיק דערקלערן דעם פלואיד, וואָס ציט גראָד דעם דאָזיקן מענטשן צו צו אונדז און מיר פילן זיך גוט און נאָענט אין זיין סביבה. טיילמאָל האָבן מיר די בעסטע פריינט צווישן די יעניקע וואָס זיינען אונדז אינטעלעקטועל און ראַציאָנאַל אַבסאָלוט גאָרנישט נאָענט. לאַטע און רחלע זיינען געווען אַבסאָלוט קעגנזעצלעכע טיפּן. לאַטע איז געווען אינטעליגענטער און באַלעזענער ווי רחלע, דערצו אַ טיף־קאָמ־פּליצירטע פּערזענלעכקייט. רחלע איז געווען שאַרף און גראַדליניק ווי איר פאָטער יאַסל וואָידיסלאַווסקי. זי האָט נישט געליטן די מינדסטע טונקלקייט אין איר נשמה. זי האָט געוואָלט אַז אַלצדינג זאָל דאָרט ליגן אָפן, קלאָר, ראַציאָנעל, און דער עיקר, איעדעס געפיל זאָל באַלד פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ טעטיקן פּרינציפּ. יעדע רעגונג זאָל באַלד קאָנען באַ־ווייזן איר טאַטהאַפטיקייט. רחלע האָט נישט געליטן די לאַבירינטן און די טונקלענישן אין דער פּסיכיק, ווי עס האָט זיי ליב געהאַט לאַטע ביאַלער. דעריבער האָט אפשר לאַטע, וואָס האָט — ווי יעדע שטאַרק־ניוראָטישע פּערזאָן — זיך כסדר אידענטיפיצירט סיי מיט די מינדער־ווערטיקערע און סיי מיט די מערווערטיקערע פון זיך, געזען אין רחלען דעם דאָזיקן פעסטן באָדן אין לעבן אויף וועלכן לאַטע איז געשטאַנען ווי אויף אַ זיך וואַקלדיקן תהום.

דערצו איז רחלע געווען אַ פרום מיידל, הגם גראָד דעמאָלט איז פרומקייט אַרויס פון דער מאָדע. אין דער פּריוואַטקייט פון די גבירישע און חסידישע טעכטער פון איר סביבה האָט רחלע וואָידיסלאַווסקי געזען

נישט מער ווי אַן איבערפלאַכלעכע נאָכמאַכעריי און אַ ניהיליזם. ניהי־ליזם אַליין איז געווען געגוג אַז עס זאָל פולשטענדיק אָפּשטויסן די עקשנות־דיקע גראַדליניקייט פון רחלען און די קאָנסטרוקציע פון דער פרינציפּנ־האַפטיקייט פון איר פּסיכיק. איר האָט פיל מער אימפּאָנירט די ראַציאָנאַלע און מוטיקע פרומקייט פון איר פאָטער יאָסל. איבערהויפּט האָט רחלען געוואַלדיק אימפּאָנירט איר שוואָגער הערשל רובין. הערשל רובין איז געווען דער איינציקער מענטש וואָס האָט אויף רחלען געהאַט די טיפסטע השפעה. זי האָט אין אים געזען דעם אידעאַל פון ערלעכער און מוטיקער אויסגעהאַלטנקייט. ווען הערשל האָט געפּרואווט צו זיין פרייזיניק האָט ער זיך מיט קיינעם נישט גערעכנט, פאַר קיינעם נישט מורא געהאַט, אַלעמען ביי די וואַידיסלאַוועקיס אָפן געזאָגט זיינע ספקות אין יידישקייט. ער איז געגאַנגען אין טעאַטער כדי צו זען איבסענס אַ דראַמע. און ער האָט עס געטאָן בפרהסיה און מיט רעוואָלוציאָנערן זשעסט. שפּעטער ווען ער האָט זיך אַנטוישט אין דער פרייזיניקייט האָט ער הויך געוויינט אונטערן טלית, אריינגעלאָזט צו זיך אין שטוב סאַמע אַלטע אָרעמע חסידים און געגעסן מיט זיי פון איין טעלער. נאָר אַזעלכע מענטשן און נאָר אַזאַ אופן פון רעאַגירן אין לעבן האָבן אין רחלעס אויגן געהאַט אַ ווערט.

איך גיי צוריק צו דער שטוב פון די ביאַלערס.

דער צווייטער זון אַהרן — איך גלויב, ער איז געווען נישט מער ווי מיט אַ יאָר יינגער פון לאָטען — איז געווען אַ שטיל באַשיידן בחורל, מיט אַ סך סענטימענט און איידלקייט. ווי אַלע ביאַלערס איז ער נישט געווען קיין הויכער. דערפאַר האָט ער געהאַט גרויסע און שיינע שוואַרצע אויגן. דעמאָלט האָט מען אין גער שוין אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אַז אויב מען וועט נישט זען פונדאַסניי צו זאַמלען אַרום זיך די חסידישע יוגנט וועט די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג — ווי אויך דער ציוניזם — זיין די פולשטענדיקע גייסטיקע יורשטע פון דער גאַנצער יידישער יוגנט. מען האָט טאַקע אָנגעהויבן צו פאַרשטאַרקן די חסידישע השפעות אויף דער יוגנט. אין גאַר אַ גרויסער מאָס האָט זיך עס זיי איינגעגעבן. אַ סך חסידישע בחורים האָבן אָנגעהויבן צוריק צו גיין צו דער פרומסטער יידישקייט. זיך פונדאַסניי געגומען עקזאַלטירן אין די שיינקייטן פון חסידות. די דאַזיקע בחורים האָבן זיך אָנגעהויבן צו לאָזן וואַקסן גרויסע פיאות און גיכער געוואָלט אויסקוקן ווי די אַלטע חסידישע זיידעס איידער

ווי די היינטצייטיקע חסידישע טאַטעס. אהרן, טוביה ביאַלערס זון, איז אויך אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה פון די דאָזיקע יוגנט־קרייזן. ער האָט זיך געלאָזט וואַקסן פּיאות, געלאָפן קיין גער און געפּראַווועט פאַר־צייטישע חסידות. אין טוביה ביאַלערס שטוב האָט מען נישט האַלט געהאַט יעדן שטאַרקערן זשעסט, מעג ער גיין אַפילו אויף דער זייט צו רעכטס און צו אינטענסיווערע פרומקייט. נאָר אַזוי ווי אַזעלכע רעוואָלוציעס האָבן דאַן אָנגעהויבן ווערן די מאָדע אין חסידיש־נגידישע הייזער האָבן די ביאַלערס עס נישט באַטראַכט ווי „אַרויסרוקן זיך" פונעם שטאַנד, און זיי זיינען געווען עפּעס אַזוינס ווי צופרידן. אויב דער עלטסטער זון, איטשע מאיר, שניידט זיך אויף אַ ר׳ יואל וועגמייסטער, עלעהיי זאָל זיך דער יינגערער זון, אהרן, שניידן אויף אַ ר׳ זיסקינד ביאַלער. דאָס משפּחה־אָנזען וועט אפשר דערפון גאָר וואַקסן אין פּרעסטיזש. די ביאַלערס האָבן אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז נישט געקוקט אויף לאָטען, האָט דער גאַנג פון דער וועלט נאָך נישט די העזה אינגאַנצן אַרויסצוגיין פון די שינעס בעת עס האַנדלט זיך וועגן ר׳ טוביה ביאַלער און זיין וויב באַשע.

## קאַפּיטל נײַנצן

ווער קאָן וויסן די וועגן פֿון דער ליבשאַפֿט? די הערצער ציטערן אויף ווען עס באַגעגענען זיך די בליקן. אויב נישט דו, ראַמעאָ, איז איינציק און אַליין דאָס קבר מײַן חופּה־בעט. אַהרן איז נישט קיין ראַמעאָ. לאָמיר בלײַבן אויף אײן דער פֿרעמדער ליבשאַפֿט. דאָס פּאָרל גיט זיך תּקיעת־כּף און דורך די אָפֿענע פֿענצטער הערט מען ווי עס זינגען די פֿייגל.

ווער קאָן וויסן די וועגן פון דער ליבשאַפט ? זי איז ווי אַ בלום וואָס עפנט זיך אומעטום וואו עס דערגרייכט זי דער שטראַל פון דער זון און זי פרעגט ביי קיינעם נישט קיין באַשייד. זי עפנט זיך אויף די פליינען פון אַלע באַדינגונגען און יעדעס האַרץ איז נישט אויסגעהיט פון איר כישוף. זי קאָן אָנקלאַפּן ביי יעדער טיר. צו וועמען זי שמייכלט מיט דעם ציטער פון איר מאָרגן־רויט, דעמס האַרץ ציטערט איר אַנטקעגן ווי אומבאַקאַנטע דערוואַרטונג.

ווען רחלע פלעגט אַרויפקומען צו איר חברטע לאַטע האָט זי אָפּט געזען דאָס חסידישע בחורל אהרן, לאַטעס ברודער. דאָס בחורל מיט די לאַנגע פּיאות און מיטן יונגן חסידישן ברען. חסידישע בחורים רעדן נישט מיט פרעמדע מיידלעך און דאָס נעמלעכע חסידישע מיידלעך מיט פרעמדע בחורים. נאָר רחלעס און אהרנס בליקן האָבן זיך געטראָפן טראָץ אַלע פאָראורטיילן און מחיצות. וועמענס האַרץ האָט צום ערשטן אויפ־געציטערט ווען די בליקן האָבן זיך געטראָפן ? פרעג ביי די ווינטן אויפן ים. רחלע האָט נישט געוואוסט פון קיין טונקעלע געפילן. פונקט ווי ביי איר פאָטער יאָסל וואָידיסלאַווסקי איז יעדעס געפיל באַלד איר געקומען צום באַוואוסטזיין. און געקומען מיט דער גאַנצער שאַרפקייט פון אַן אינערלעך געבאָט. אין רחלען האָט זיך די ליבשאַפט מן־הסתם מיטאַמאָל איינגעשניטן האַסטיק ווי אַ שאַליקע בשורה און האָט באַלד פאַרנומען אירע געדאַנקען און איר טראַכטן. זי האָט צו זיך געזאָגט ווי שעקספּירס יוליאַ. יוליאַ האָט ביים ערשטן געפיל פון ליבע געזאָגט : „אויב נישט דו ראָמעאָ, דאַן איז איינציק און אַליין דאָס קבר מיין חופה־בעט".

אהרן איז אָבער ווייט נישט געווען קיין ראַמעאַ. ער איז געווען אַ חסידישער בחור מיט פּיאות, איינגעטונקט אין פּאַראורטיילן פון פרומקייט, פון משפחה־מיליע, און ער האָט אין זיך געהאַט אַלע שוואַכקייטן פון די ביאַלערס, דעם פּחד פאַר יעדן האַסטיקן זשעסט און פאַר יעדן „אָוועקרוקן זיך" פון אָנגענומענע מענטשלעכע מיינונגען. דאָס טיפע געפיל פון ליבע האָט אין דעם האַרצן פון דעם אָפּגעשראָקענעם חסידישן בחור נישט גערעדט אַזוי שאַרף און אַזוי מאַנעריש ווי אין האַרצן פון רחלע וואַידיסלאַווסקי. ביי רחלען איז די ליבע באַלד געוואָרן אַ גליקזעליקייט וואָס האָט זי פול און פול געמאַכט. פאַר אהרנען האָט זי גאָר פאַמעלעך, פאַמעלעך געוויזן אירע ליכטיקייטן. זי האָט זיך אים געוויזן אַ פאַרהילטע אין טויזנט שלייערן. זי האָט גיכער געוואָרעמט זיינע טונקלסטע אַנונגען. ווען די ליבשאַפט האָט געפּרוואווט העכער אויפצוהויבן די שטים פון איר רוף, האָט זי צוזאַמען מיט זיינע געפילן אויך אַרויסגערופן די שוואַכקייטן פון זיין כאַראַקטער, און אין אים געוועקט דעם פרומען און דעם משפחה־פּחד פון די ביאַלערס פאַר די זיסקייטן פון דעם פרייען יוגנטלעכן געפיל.

מיט דער סענסיטיווקייט פון אַ נייראַטיקער האָט לאַטע באַלד דערפילט וואָס עס טוט זיך אין די הערצער פון איר חברטע און איר ברודער. אויף וויפל אין לאַטען אַליין האָט די ליבע זיך אַנטפּלעקט ווי אַן אומהיימלעך און מוראדיק געשפּענסט, וואָס האָט אויפגעעפנט אַלע אירע פּסיכישע וואונדן, קאָמפּלעקסטן און מינדערווערטיקייטס־געפילן, האָט אויסגעקוקט ווי דער שאָטן פון איר אינערלעכסטן פיינט, און האָט נאָך טונקעלער געמאַכט די לאַבירינטן פון איר נשמה — אַזוי האָט זי, לאַטע, ממש אויפגעציטערט ביי דעם גליקזעליקן געפיל אַז זי קאָן זיך אידענטיפיצירן מיט דער ליבשאַפט אינעם געמיט פון אַנדערע פּערזאָנען, און צו זען ווי איר אַליין ווערט ליכטיק אין דער נשמה־זוניקייט פון אַנדערע.

רחלע איז נישט געווען די פּערזאָן פאַר וועלכער אירע אייגענע געפילן — מעגן זיי זיין די אינטימסטע און די באַהאַלטנסטע — זאָלן זיך נישט באַלד אַריינשניידן אין איר טראַכטן מיט דער שאַרפסטער קלאָרקייט און זי זאָל זיך וועלן מיט זיי אויסהיטן. ביי דעם ערשטן גאָר פאַרזיכטיקן פּרוואוו וואָס לאַטע האָט געטאָן כדי צו באַרירן ביי איר חברטע דעם פּונקט צו וועלכן לאַטע האָט זיך באַצויגן מיט אַזאַ זיסער גלוסטי־

קיט, האָט רחלע באַלד שאַרף און אָפן אַנטפּלעקט איר ליבשאַפט. און אַנטפּלעקט מיט אַזאַ באַשטימטקייט, אַז ביי לאַטען האָט זיך אַזש דאָס האַרץ אָפּגעשטעלט פון גליקלעכער איבערראַשונג. זי איז אַרויסגעפאַלן אויף דער חברטע און זי געקושט. געקושט מיט פאַרמאַכטע אויגן. לאַטע האָט זייער זעלטן עמעצן געקושט. זי האָט דאָ געקושט די ליבשאַפט. אָבער דער וועג צום האַרץ פון אהרנען איר לייבלעכן ברודער איז פאַר לאַטען געווען גאָר אַ שווערער. אינעם האַרצן פונעם חסידישן באַפּיאותטן בחור איז די ליבשאַפט געלעגן אין טיפסטער פאַרהוילנקייט. אפשר האָט ער מיט רחלען נאָך קיינמאָל נישט גערעדט, און ער האָט נאָך אַליין נישט געהאַט קלאָר באַנומען דעם רוף פון בלוט אינמיטן זיינע פרומקייטן, אָפּגעשראָקנקייטן און פאַראורטיילן. לאַטע האָט אָבער געוואוסט פּאַמעלעכל, פּאַמעלעכל אויפצועפענען די בלום פון דער ליבע וואָס איז געווען פאַרשלאָסן אין די טונקלקייטן. זי האָט זיך צוגערירט צו איר מיט זעלטענער צאַרטקייט. זי האָט געוואוסט ווי פּאַמעלעך אויפצובלאָזן דעם פלאַם. און אויך אהרן האָט טיף אַראָפּגעלאָזן די אויגן. שעמעוודיק און אָפּגעשראָקן האָט ער אין האַלבע ווערטער לאַטען, זיין שוועסטער, דערציילט פון זיין געפיל.

ביי די ביאַלערס אין שטוב איז פאַר לאַטען אוממעגלעך געווען די צוויי ליבנדיקע צו דערנענטערן אויף אַ שריט. בלויז די בליקן האָבן זיך געטראָפן אין שטילסטער צערטלעכקייט. נאָר ווען רחלעס בליקן זיינען געוואָרן אַ מאָל וואַרעמער און אָפענער, זיינען די בליקן פון דעם חסידישן בחור געוואָרן וואָס אַ מאָל באַהאַלטענער און ווייטיקלעכער. וואָס מער ער האָט דערקענט זיינע געפילן אַלץ ווייניקער האָט ער געהאַט דעם מוט זיי צו דערטראָגן. דאָס חסידישע מיליע, און איבערהויפּט די שטאַנד־לאַסט פון זיין משפחה האָט אויף אים געדריקט און אים אָנגעפילט מיט שוואַכקייט און כאַראַקטערלאָזיקייט. ווען ער האָט געזען רחלען האָט ער נאָך טיפער אַראָפּגעלאָזט די אויגן, רויט געוואָרן פון שעמעוודיקייט, און דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט מיט שרעקעוודיקער אומרואיקייט.

לאַטען אָבער האָט די דאָזיקע ליבשאַפט פול געמאַכט מיט אומגעדולד און גליקזעליקייט. זי האָט נישט אויפגעהערט דערפון צו טראַכטן. זי האָט כסדר דערפון גערעדט מיט רחלען און זי געמונטערט. אויך ביי

יעדער געלעגנהייט האָט זי געזוכט צו זיין אַליין מיט איר ברודער אַהרן און מיט אים צו רעדן פון רחלען און אויפצופלאַקערן זיין געמיט.

ס'זיינען געקומען די זומער־חדשים. טוביה ביאַלער מיט זיין ווייב באַשע זיינען אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד אין די וואַרעם־בעדער. דער שווערער שטאַנד־רעזשים אין הויז האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט. דאָ האָט לאַטע איין מאָל פאַר אַלע מאָל געוואָלט צוזאַמענברענגען די הערצער. רחלע און אהרן האָבן זיך אָפּטער געזען — הגם בלויז פון דערווייטנס. זיי האָבן קוים און זעלטן אויסגערעדט צווישן זיך אַ וואָרט. אַהרן איז באַלד רויט געוואָרן פון שעמעוודיקייט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אָבער איינמאָל אין אַ וואַרעמען זומער־טאָג איז עס לאַטען דאָך געראָטן זיי צוזאַמענצוברענגען אין איין שטוב. לאַטע איז געווען די דריטע. אין טוביה ביאַלערס דירה איז געווען שטיל. לאַטע האָט זייער צאַרט און דיסקרעט אָנגעהויבן צו רעדן פון דער ליבשאַפט צווישן איר חברטע און איר ברודער. זי האָט געוואוסט אַהרנען פאַמעלעכל, פאַמעלעכל אַראָפּצו־נעמען די מורא פונעם האַרצן.

רחלע האָט געקוקט מיט אָפענע אויגן, פול מיט אַנטשלאָסענער פרייד. אויך אַהרן האָט אויפגעהויבן די אויגן און אָנגעקוקט רחלען.

אַזוי ווי טוביה ביאַלערס דירה איז נישט געווען ווייט פון אַ לאָדזשער שטאָט־גאָרטן, האָט מען דורך די אָפענע פענצטער געהערט ווי עס זינגען די פייגל.

אַהרן מיט רחלען האָבן זיך געגעבן תקיעת־כּף אַז קיינער וועט זיי מער נישט פאַנאַנדערשיידן און זיי וועלן חתונה האָבן און זיין צוזאַמען אויף אייביק.

לאַטע האָט אָנגעהויבן צו וויינען פון גרויסער פרייד און געקושט רחלען. אַהרן איז אַ שעמעוודיקער אַרויס פון שטוב. רחלע, ווי יאָסל וואַידיסלאַווסקיס טאָכטער, האָט באַהאַלטן דעם תקיעת־כּף אין איר האַרצן ווי מען באַהאַלט אַ וויכטיקן דאָקומענט אין אַן אייזערנער קאַסע.

דער תקיעת־כּף פון דער ליבע איז געבליבן אין טיפסטן בסוד. בלויז איר שוואָגער הערשל רובינזען האָט רחלע דערציילט פון דעם טייערן אוצר וואָס זי טראָגט אין איר נשמה.

## קאַפּיטל צוואַנציק

די צייט לויפט ווי אַ פאַדעם אויף אַ שפּינראַד. בייזע חלומות. פוילן פליט אַוועק אין דער לופטן. טביה פאַרנעמט זיך צו זאָגן „המפיל“ און באַשע זאָגט איט די פינצטערע בשורה, ווי דו הערסט.

די צייט לויפט ווי אַ פֿאָדעם אויף אַ שפּינראָד.

שדכנים זיינען געקומען סיי צו יאָסל וואַיזיסלאָווסקי, סיי צו טוביה ביאַלער מיט שידוכים פֿאַר אַהרנען און פֿאַר רהלען.

אויפֿנעמען ביי זיך שדכנים, פֿאָרן אויף „באַשויאַונגען“ און צו טאָן שידוכים איז געווען דער גרעסטער און חשובסטער מאָמענט ביי די ביאַ־לערס. מען האָט דעמאָלט טיף געפֿילט די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט וועמען ווייטער איבערצוגעבן דעם גאָלדענעם פֿאָדעם פֿון די ביאַלערס און די וועגמייסטערס. דאָ מוז מען דער עיקר קוקן אַז קיין שטויבעלע זאָל נישט פֿאַלן און פֿוילן זאָל זיך נישט טאָן דעם מינדסטן קרים און זאָגן אַז טוביה ביאַלער האָט זיך אַ רוק געטאָן אַרויס פֿון אָנגענומענעם דרך. ביים ערשטן שידוך וואָס האָט חשובער אָפּגעקלונגען אין די אויערן פֿון טוביה ביאַלער און זיין ווייב באַשע, און עס האָט געהייסן אַז אַט פֿאָרט באַשע אויף „באַשויאַונג“ און זי פֿרואוועדס דאַרפֿן קומען צו טוביה ביאַלערן אין הויז כדי צו פּרואוון אַהרנען, האָט באַשע באַמערקט ווי אַהרן ווערט בלאַס, באַקומט טרערן אין די אויגן ווי ער וואָלט זיך פֿאַרנומען צו וויינען. באַשע האָט עס אויסגעלייגט אַז עס איז פּשוטער קאָפּ־ווייטיק, און אפשר שעמט זיך גאָר אַהרן ווען ער הערט פֿון אַ כלה. באַשע האָט געוואוסט אַז אַזאַ שעמעוודיקייט געהער צום דרך פֿון פֿרומע חסידישע בחורים. עס איז פֿאַר איר אַפֿילו געווען צו פֿיל. אָבער זי האָט דערין נישט געזען קיין בייז. פֿאַרקערט; די פּרואוועדס וועט עס גאָר געפֿעלן ווערן, און איר נאָמען וועט נאָך שענער קלינגען איבער פּוילן.

אַהרנען האָט נישט נאָר ווי געטאָן די געקרענקטע ליבשאַפֿט צו

רחלען. אויף זיין האַנט האָט געבערענט דער תקיעת־כּף. ער האָט געוואוסט וואָסערע אומהיימלעכע יענע־וועלטישע התחייבותן אַ מענטשלעכע האַנט האָט אויף זיך גענומען ווען זי האָט געגעבן תקיעת־כּף. ער האָט עס געוואוסט פון די חסידישע ספרים און פון אַלערליי פרומע מעשיות. ווען אין האַרצן ביי אים האָט איצטער נאָך טיפער אַנגעהויבן צו שרייען די ליבשאַפט צו רחלען, האָט זיך די האַנט טיילמאָל פאַרוואַנדלט אין אַ פרעמדאַרטיק לעבעדיק געשפּענצט. די האַנט האָט ביי אים געמאַנט און אים פּינצטער און אומהיימלעך געסטראַשעט. געסטראַשעט מיט כּף־הקל. אַהרן איז נישט געווען דער מענטש וואָס זאָל קאָנען ביישטיין גרויסע קאַמפן און טראַגעדיעס. ער איז בלאַסער געוואָרן פון טאָג צו טאָג. די שדכנים האָבן אָנגעהויבן צו קומען אָפטער און האָפערדיקער. ביי די ביאַלערס האָט מען זיך אָנגעהויבן גרייטן. אַהרן האָט צום סוף אינגאַנצן פאַרלוירן דעם אַפּעטיט און ווייניק געגעסן. פאַר באַשען איז אַזאַ שטאַרקע שעמעוודיקייט פון אַ חסי־דישן בחור צו אַ שידוך שוין געווען צו פיל. סוף־כּל־סוף לעבן מיר אין אַנדערע צייטן. אַפילו אירע זיידעס האָבן זיך נישט אַזוי געשעמט ווען זיי האָבן געהערט וועגן אַ כּלה.

לאַטע האָט איר, דער מוטער באַשע, ענדלעך דערציילט וועגן וואָס עס גייט, פאַרוואָס אַהרן איז אַזוי אומעטיק, און אַז ער, מיט איר חברטע רחלע, זיינען אייגנטלעך חתן־כּלה. באַשע האָט לכתחילה נישט געוואָלט גלייבן אירע אייגענע אויערן. וואָס הייסט יאָסל וואָידיסלאַווסקיס טאָכטער און איר לייבלעכער זון זאָלן קאָנען אָפּטאָן אַזאַ מעשה, און פוילן פליט נישט אַוועק אין די לופטן? באַשע האָט געקוקט אויף לאַטען מיט אויפ־געריסענע אויגן. איר האָט פאַרפעלט אָטעם. ווען לאַטע האָט אָבער נאָכ־אַמאָל באַשטעטיקט אירע ווערטער, האָט באַשע זיך אָנגעכאַפּט פאַרן שייטל און איז אַריין אין אַ ווילדן כּעס. קודם־כּל האָט זי געזאָגט לאַטען אַז רחלעס פוס זאָל זיך נישט דערוועגן צו באַווייזן ביי איר, באַשען, אין דירה. זי, באַשע, וועט שוין וויסן וואָס צו טאָן כּדי נישט צו לאָזן מאַכן די ביאַלערס און די וועגמייסטערס צו שאַנד און צו שפּאָט און אַז אַלע פייגל זאָלן עס דערציילן אויף די דעכער איבער גאַנץ פוילן.

באַשע האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי מען דערציילט די דאָזיקע אומ־גליקלעכע מעשה איר מאַן טוביה. טוביה איז אַ שוואַכער מענטש. אָט איז ער אָקערשט געקומען פון די וואַרעם־בעדער. טוביה איז אָבער פאַרט אַ

טאַטע, ר׳ זיסקינד ביאַלערס זון און ר׳ יואל וועגמייסטערס איידעם. און ער מוז עס וויסן. אַ גאַנצן טאָג האָט באַשע פּינצטער געשוויגן, זי האָט זיך נישט געקאָנט אַנגעמען מיט האַרץ און עס צו דערציילן איר מאַן.

שפּעט אויף דער נאַכט, אַלע ביי די ביאַלערס האָבן זיך געלייגט שלאָפן. באַשע איז געלעגן אין איר ברייט גבירישע בעט צווישן די טייערע ווייס־בלאַנקנדיקע קישנס. זי איז געלעגן אין אַ טייערע שפּיצענע שלאָף־קופּקע. אין צווייטן בעט אַקעגנאיבער איר איז געלעגן טוביה אין אַ סאַמע־טענע יאַרמלקע. ער האָט זיך פאַרנומען צו זאָגן „המפּיל". דאַ ערשט איז באַשע אַרויס מיט לשון. אין דער פּינצטערער שטילקייט פונעם שלאָף־חדר האָט זי טוביהן מודיע געווען דאָס ביטערע געשעעניש.

טוביה ביאַלער איז שיעור נישט אַרויסגעפאַלן פון בעט גלייך ווי איבער פּוילן וואָלט אַדורכגעגאַנגען אַן ערד־ציטערניש. ער האָט לכתחילה גאָר נישט גוט געהאַט באַנומען וואָס באַשע דער׳ציילט אים.

וואָס הייסט? האָט טוביה ביאַלער געפרעגט אַ דערציטערטער. ער האָט אַליין געפילט ווי אין דער פּינצטערניש פון שלאָף־חדר איז ער געוואָרן ווייס ווי קאַלעך.

— ווי דו הערסט, האָט באַשע געזאָגט אין צווייטן בעט. גיי ווייס אַז יאָסל וואַידיסלאַווסקיס טאָכטער איז אַזאַ פייגעלע. ביי וואַרשעווער חסי־דישע גבירים וואָלט עס גאָרנישט מיגלעך געווען. אַלץ דאָס אויפגעקומענע לאָדזש.

— און וואָס וועלן מענטשן זאָגן? האָט טוביה געקרעכצט.

—איך פרעג דיך טאַקע וואָס וועלן מענטשן זאָגן?

דאָס פּאָר־פאָלק איז געלעגן אין די בעטן גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געפונען אויף אַ זינקענדיקער שיף און אין דרויסן די וועלט שטעקט אויף זיי אַרויס אַ גרויסע צונג. טוביה ביאַלער האָט אַ גאַנצע נאַכט ביטער געקרעכצט אין די קישנס אַריין און נישט געקאָנט צוטאָן קיין אויג. ווען ס׳האָט געגרויט דער באַגינען איז באַשע אַראָפּגעגאַנגען פון בעט און געגעבן טוביהן די פּילן, וואָס אַ באַרימטער בערלינער פּראָפעסאָר האָט אים פאַרשריבן, כדי אים צו שטאַרקן דאָס האַרץ.

## קאַפּיטל איין און צוואַנציק

רחלע כאַפּט פּעטש. תּקיעת־כּף איז אַ הייליקע יידישע זאַך. וואָס וועלן מענטשן זאָגן, רבֿ יאָסלז באַשע פֿאַר־לױפֿט די פּיש פֿאַר דער נעץ. קפּריסין. אהרן זעט אין שלאָף רחלעס געשטאַלט. אַ דין וואָס איז האַרבער ווי די גאַנצע תּורה. ענדע גוט אַלצדינג גוט.

אויך צו יאָסל וואַידיסלאַווסקין האָבן די גרעסטע לאַנד־שדכנים פון פוילן געבערענגט די שענסטע שידוכים. ווען עס האָט שוין געהאַלטן גאָר נאָענט און יאָסל האָט זיך געגרייט צו שיקן פּרזאַוועדס, האָט רחלע מיט־אַמאָל שאַרף געזאָגט אַז פון די אַלע שידוכים וועט גאָרנישט ווערן. זי האָט שוין אַ חתן.

— וועלכעס מיידל ביי יידן נעמט זיך אַליין אַ חתן? האָט יאָסל וואַי־דיסלאַווסקי געפרעגט אַ שטרענגער און אַ פינצטערער.

רחלע האָט אים דערציילט די פולע געשעעניש.

יאָסל וואַידיסלאַווסקי האָט זי אָנגעקוקט, האָט אויפגעהויבן די האַנט און איר אַראָפּגעלאָזט צוויי הילכיקע פּעטש.

רחלע האָט נישט קיין פינטל געטאָן מיטן אויג, רק מיט פאַרביסענער אַנטשלאָסנקייט געקוקט יאָסל וואַידיסלאַווסקין אין די אויגן אַריין.

— איר האָט זיך געגעבן תקיעת־כף? האָט יאָסל וואַידיסלאַווסקי געפרעגט און געקוקט אויף דער טאָכטער.

— דעם הייליקסטן תקיעת־כף, האָט רחלע געענטפערט.

יאָסל וואַידיסלאַווסקי האָט געשוויגן, ער האָט גענומען דעם פּאַלטן און אַרויפגעגאַנגען צו טוביה ביאַלער.

ווען טוביה ביאַלער האָט געזען יאָסל וואַידיסלאַווסקין ביי דער טיר איז ער בלאַס געוואָרן. ער האָט מורא געהאַט אַז יאָסל איז געקומען אים מאַכן דעם גרויסן סקאַנדאַל. טוביה האָט נישט ליב געהאַט קיין סקאַנדאַלן. ער האָט יאָסלען אַריינגעבעטן אין סאַליע. באַלד איז אין דער סאַליע אַריינגעקומען באַשע.

יאָסל האָט זיך אָנידערגעזעצט ביים טיש. ער האָט זיך צומאָל נישט באַוויזן אויסצוטאָן דעם פּאַלטן. ער איז באַלד אַרויס מיט אָפענע דיבורים און אָנגעשלאָגן טוביהן נישט צו מאַכן קיין לאַנגע מחזקות און צו שרייבן אָפיציעלע תנאים צווישן אַהרנען און רחלען. ס'איז דאָ אַ תקיעת־כף, און אַ תקיעת־כף איז אַ הייליקע און שטרענגע יידישע זאַך. מיר זיינען אַפילו נישט געוואוינט צו אַזאַ אופן פון זיך משדך צו זיין. נאָר פאַרפאַלן, תקיעת־כף, האָט יאָסל פינצטער צוגעגעבן.

טוביה ביאַלער האָט זיך געדרייט אויפן בענקל. ער האָט געפילט ווי עס האַקן אים די שלייפן. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן האַרץ, און קוים אַרויסגערעדט:

— וואָס ווילן מענטשן זאָגן, רב יאָסל?

יאָסל וואַידיסלאַווסקי איז געוואָרן נאָך פינצטערער:

— מענטשן אַהין, מענטשן אַהער. אַ תקיעת־כף מוז ווערן געהיטן.

דאָ איז ר' טוביהס וויב באַשע אַרויס מיטן לשון:

— זינט די וועלט שטייט האָט מען נאָך נישט געהערט, אַז אין שיינע חסידישע משפחות זאָלן זיין ליבעס ווי ביי דינסט־מיידן, האָט זי געזאָגט אַ פאַרביטערטע. זייט מיר מוחל, רב יאָסל, איך קאָן נישט דערלאָזן אַז די וועגמייסטערס און די ביאַלערס זאָלן ווערן איינגעריסט מיט סאָדזשע און זיין ביי אַלעמען אין די מיילער.

יאָסל וואַידיסלאַווסקי איז אַ שטרענגער אויפגעשטאַנען פון טיש און אַוועקגעגאַנגען.

ביי די ביאַלערס האָט מען זיך דערווייל צוגעאיילט צו טאָן מיט אַהרנען אַן אַנדערן שידוך. מען האָט געוואָלט כאַפּן די פיש פאַר די נעץ. איידער די חרפה וועט אַרויסקומען אין גאַס אַריין וועט מען דערווייל האָבן אין האַנט אַ קעגן־פאַקט מיט וועלכן מען וועט קענען פאַרמאַכן אַלע בייזע מיילער, און דער אַנזען פון דער משפחה וועט ווערן געראַ־טעוועט. גראָד האָבן שדכנים געבערענגט צוטראָגן אַ שידוך מיט ר' משה־אהרן ווינערס אַן אייניקל. איינע פון די יתומות פון דער געשטאָרבענער טאָכטער. באַשע האָט געזען באַשיימפערלעך אַז אַפילו דער רבונו־של־עולם אין הימל האָט אַוועקגעלייגט אַלע זיינע געשעפטן און קלערט נאָר ווי אַזוי די משפחה ביאַלער זאָל קאָנען פאַרבלייבן אין די חשובע אַלטע פעדערן. דער שידוך איז טאַקע געווען פון דעם אמתן קפּריסין. אַ מיליאָ־

נערסקע יתומה מיט אַ גרויסן נדן און מיט גרויסע אויסזיכטן אויף איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר ווען ר׳ משה אהרן וועט בשיבה טובה אַוועק־גיין צו זיינע עלטערן. פון איר פאָטערס צד שטאַמט די כלה פון די וואַר־שעווער מענדלזאָנס. ר׳ אברהמלע מענדלזאָנס אַ לייבלעך אייניקל. דאָס איז אויך אַ שטאַרק־זיסע ראָזשינקע. אחוץ דעם איז די כלה דווקא גאָר אַ שיין מיידל. באַשע איז געווען אַ מבינטע אויף שיינע מיידלעך, און זי האָט געטראַכט, אַז ווען מען וועט אהרנען געבן אַ שיינע כלה וועט מען אים שוין ווי עס איז היילן דאָס צעבראָכענע האַרץ.

באַשע איז געווען זייער אַן ענערגישע פרוי און זי האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע מחזקות. אהרן איז געוואָרן אַ חתן פאַר ר׳ משה אהרן ווינערס אייניקל. מען האָט געפּראַוועט גרויסע גבירישע תנאים. אהרן, דער חתן, איז געזעסן אַ בלאַסער און אַן אומעטיקער, נאָר ווער האָט דערויף געקוקט. אין די שפּעטערע נעכט האָט אהרן לאַנג געוויינט אין די קישנס. ווען ער איז איינגעשלאָפן האָט ער געזען פאַר די אויגן רחלעס געשטאַלט. זי איז געשטאַנען פאַר אים אַ שטרענגע און ערנסטע און געהאַלטן איבער זיין קאָפּ זיין אייגענע, אהרנס, האַנט אויף וועלכער ס׳איז מיט גרויסע געכתיבהטע אותיות געשטאַנען אָנגעשריבן „תקיעת־כף״.

---

ווען ס׳איז דערגאַנגען אין יאָסל וואָידיסלאַווסקיס הויז אַז אהרן איז געוואָרן אַ חתן, האָט יאָסל געזאָגט צו זיין איידעם הערשל רובין אַז ער וויל זען אהרנען און אים עפּעס פרעגן. הערשל רובין האָט אויפגעזוכט אהרנען אין חסידים־שטיבל און אים בסוד אַרויפגעבערענגט צום שווער.

אהרן איז געווען בלאַס ווי דער טויט און נישט געקאָנט אויפהויבן די אויגן.

יאָסל וואָידיסלאַווסקי האָט אים פינצטער אָנגעקוקט און געזאָגט:

— אַ ייד מוז האַלטן תקיעת־כף.

אהרן האָט אָנגעהויבן צו וויינען.

יאָסל איז געוואָרן נאָך פינצטערער.

—טרערן זיינען געמאַכט געוואָרן פאַר נאַרישע ווייבער, האָט ער געזאָגט שטרענג און ביטער, און אַז מען האַלט נישט קיין וואָרט פּועלן זיי נישט אַפילו אין הייליקן יום־כיפור. וואָס הייסט, אַ ייד האָט מורא פאַר

טאטע־מאמע ווען עס האנדלט זיך וועגן א דין וואס איז הארבער ווי די גאנצע תורה? גיי אהיים, זיי נישט קיין ייגגל און טראכט זיך איבער.

און ער האט אהרנען אפגעזעגנט ביי דער טיר.

יאסל וואידיסלאווסקי האט רחלען דערציילט זיין געשפרעך מיט אהרנען. רחלע האט געשוויגן. זי האט בלויז צום סוף געזאגט:

— איך בין אהרנס כלה. איך וועל אויף אים ווארטן.

צווישן די ביאלערס און די ווינערס האט מען זיך דערווייל אויסגע־טוישט מיט חתן־ און כלה־מתנות. אהרנס נייע כלה, פעלא, ר׳ משה־אהרן ווינערס אייניקל, האט געהאט זיסע חלומות וועגן איר חתן. איר איז אהרן זייער געפעלן געווארן. אפשר האט זי אינסטינקטיוו דערפילט — ביי פרויען איז דער אינסטינקט זייער אנטוויקלט — אז אהרן איז א פארבאטענע פרוכט און דאס האט נאך מער פאר איר געשטארק זיינע רייצן. אהרנס חלומות זיינען אבער געווען טריבע און אומעטיקע און אפשרעקנדיקע.

ווען יאסל וואידיסלאווסקי האט געזען אז דער שידוך צווישן אהרנען מיט די ווינערס פעדעמט זיך איין וואס שטארקער, באשע האט שוין פארבעטן צו זיך די כלה פעלא׳ן אויף וועטשערע און זי האט געמאכט דאס מאלצייט מיט גרויס גבירישער פאמפע, אז לאדזש און פוילן זאלן קלינגען, און אהרנען פעלט מוט צו קעמפן פאר זיין ווארט און פאר זיין ליבשאפט, האט ער, יאסל, זיך מיישב געווען און אוועקגעפארן קיין גער צום רבין.

יאסל וואידיסלאווסקי איז געווען פון די גרויסע חשובים אין גער. קודם דערפאר וואס ער איז געווען פון די רייכסטע גערער חסידים. אחוץ דעם האט ער מיטן גערער רבין יונגערהייט געהאט געלערנט ביי איין מלמד און זיי האבן זיך גערעכנט ווי פערזענלעכע גוטע פריינד. יאסל האט דעם רבין אלצדינק דערציילט פאדראבנע און אים אנגעוויזן אויף דער הארבקייט פון א תקיעת־כף.

דער רבי האט געשיקט נאך ר׳ משה אהרן ווינער און טוביה ביאלערן. ווען זיי זיינען געקומען קיין גער האט דער רבי זיי באפוילן למען־השם אפצולאזן דעם שידוך. טוביהן האט ער געהייסן זיך משדך זיין מיט יאסל וואידיסלאווסקי.

לאדזש און פוילן האבן באלד געקלונגען ווי מיט שאליקע גלאקן. טוביה און באשע האבן געמיינט, אז זייערע משפחות ווערן פארזונקען

אין אַן אָפּגרונט פון חרפה און זיי הערן־אויף צו שפּילן די אַלטע חשובע ראָלע. נאָר פאַרפאַלן, מענטשן קאָן מען ניט פאַרמאַכן די מיילער. קעגן גערער רבינס געבאָט קאָן מען אויך גאָרנישט מאַכן. פעלע, אַהרנס צווייטע כלה, האָט געוויינט מחמת איצט איז איר אַהרן ערשט פונדאָסניי געפעלן געוואָרן. צווישן די משפחות ווינער און וואָידיסלאָווסקי איז געוואָרן אַ לאַנגער ברוגז וואָס האָט זיך געצויגן אויף יאָרן. אַהרן און רחלע האָבן חתונה געהאַט. זיי זיינען שפּעטער געווען דאָס גליקלעכסטע פאָר־פאָלק וועלכעס איך האָב ווען עס איז געזען.

## קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

לאָדזש אַ שטאָט פון קינסטלער און פאַנטאַסטן, ווירקלעכקייט און פאַנטאַזיע פאַרן צוזאַמען אויף אַ קאַרוזעלע. גרויסע פּלענער. אין לאָדזש פעלן נישט קיין קאַלאַמבוסעס. איטשל ברוינער און לוי זונטיק. אויף די לאָדזשער גאַסן ביינאַכט. עס וועט קומען דער גוואַלטיקער מעצענאַט. לוי זונטיק און די וועלט־מוזיקער. די לבנה שפּאַצירט אויף די דעכער פון לאָדזש.

אין וואַרשע אַרום פּרצן האָט זיך געבויט דער יידישער קולטור־רענעסאַנס. ס׳איז געווען דאָס אומשטערבלעכע פאַרדינסט פון פּרצן וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט באַקומען די ליניעס פון איר היסטאָרישן וועג, און דערמיט ערשט איז זי געוואָרן דאָס נאַציאָנאַלע און אידעאישע זעלבסט־דערקענטעניש פון יידישער וועלט־עקזיסטענץ.

לאַדזש איז אויך נישט אָפּגעשטאַנען אין איר פּיאָנערישער קולטור־אַרבעט פון יידישן רענעסאַנס. לאַדזש האָט נישט געהאַט קיין פּרץ און קיין אויסגעשפּראָכענעם באַוואוסטזיניקן אויסבליק פאַר איר קולטור־טאַט. לאַדזש — פּונקט ווי אין אירע אַלע מעשים — האָט נישט געהאַט די טראַדיציע און די מיושבדיקע געלאַסנקייט פון וואַרשע. לאַדזש האָט כסדר געלעבט אין אימפּעט און אין הינערפלעס. לאַדזש האָט כסדר געפיבערט אין אַ הויכער טעמפּעראַטור און זיך אַליין געוואָלט קריכן איבערן קאָפּ. לאַדזש האָט כסדר מיט זיך געוואָלט מאַכן האַלדזברעכערישע עקספּערימענטן. הגם לאַדזש האָט כמעט נישט געהאַט קיין בוים אויף אירע גאַסן, אירע הימלען זיינען געווען פאַרקאָפּטשעט מיט רויך און שמוץ, אירע הייזער זיינען געווען גראָע און אָפּגעריסענע און עס האָט אויסגעקוקט אַז לאַדזש פליט און מאַכט קאָזשעלקעס איבער אַלע מ״ט טויערן פון דער פּראָזאַאישסטער ווירקלעכקייט — פונדעסטוועגן אין תוך אירן איז לאַדזש געווען אַ שטאָט פון סאַמע קינסטלער און פאַנטאַסטן. אפשר וואָלטן לאַדזשער שריפטשטעלער, דיכטער, מאָלער און מוזיקער אַ סך מער דערגרייכט, ווען זיי וואָלטן נישט געלעבט אין אַ שטאָט וואו ווירקלעכקייט און פאַנטאַזיע זיינען געפאָרן צוזאַמען אויף איין פאַריאַכ־

מערטע קאַרוזעלע, — וואו דיווירקלעכקייט וואָלט געווען ווייניקער אילו־זיע ווי זי איז געווען אין לאָדזש. די קונסט וויל זיך מיט איר אילוזאָ־רישקייט מיט קיינעם נישט טיילן. זי אַליין וויל זיין די אייביקע אילוזיע און די ווירקלעכקייט זאָל זיין איר קעגנשפּילער. ווירקלעכקייט. נישט אַז די ווירקלעכקייט זאָל זיך אויך איבערדרייען די קאַפּאָטע און אויך מאַכן פּורים אין גראָען אינדערוואָכן.

דאָס איז אַלצדינק פילאָזאָפיע. אויף די אָפּגעריסענע און פאַרהאָ־וועטע לאָדזשער גאַסן, וואו יידן האָבן זיך האָסטיק אַרומגעדרייט ווי פאַר־שמאַיעטע מוראַשקעס, האָט מען אויך געקאַנט זען בלייכע יונגעלייט אין ברייטע צעקנייטשע קינסטלער־קאַפּעליושן און אין שוואַרצע צעפּלאַשעטע קראַוואַטן. זיי האָבן אויך פאַרשמייעטע געשפּאַנט צווישן די יידן. נאָר אַנשטאָט וועגן סחורות און וועקסלען האָט מען געהערט פון זייערע מיילער גרויסע פלענער וועגן קונסט, הויכע האָפערדיקע טערמינען וועגן דיכ־טונג, מאַלעריי און מוזיק. אויך דאָס זיינען געווען לאָדזשער יידישע דאָן־קיכאָטן וואָס האָבן געגלויבט אַז מיט זייערע דאַרע פינגער וועלן זיי אַראָפּ־ציען אַלע זונען און אַלע שטערן פון די הימלען און איבערקערן אַלע וועלטן מיטן פּיטום אויף אַרויף. פונקט ווי די לאָדזשער סוחרים האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט קיין קלייניקייטן רק געהאַלטן אַלע וועלט־מרחקים ביי זיך אין קעשענע, אַזוי זיינען אויך די לאָדזשער קינסטלער געגאַנגען אויפן וועג פון גרויסער טאַט, פון גרויסן עקספּערימענט און זיך געלאָזט מיט די קלענסטע שיפלעך אויף די אומענדלעכע וואַסערן פון דער פאַנטאַזיע, כדי צו אַנטדעקן דאָרט דאָס אַמעריקע פון דער קונסט. צווישן לאָדזשער יידן האָבן נישט געפעלט קיין קאָלאָמבוסעס. זיי האָבן זיכער נישט געפעלט צווישן לאָדזשער קינסטלער.

דאָס האָפערדיקסטע מנחם־מענדעלישע פּאָרל צווישן די יידישע קינסטלער אין לאָדזש זיינען געווען דער מאָלער איטשל ברוינער און דער מוזיקער לוי זונטיק. מ׳האָט זיי כמעט שטענדיק געזען צוזאַמען האָסטיק שפּאַנען אויף די לאָדזשער גאַסן. זיי האָבן געשפּאַנט גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געאיילט צו מי־יודע וואָסערע געוואַלדיקע געשעפטן. איטשל ברוינער האָט כמעט תמיד געטראָגן דעם קאָלנער פון זיין פּאַלטן אַז אויפגעשטעלטן. ער איז געווען בלאָס פון אַן אייביקער אינערלעכער אויפרעגונג. ער איז געווען דער העכערער. לוי זונטיק איז געווען פיל

נידעריקערער פון אים. דערפאר האָט ער געטראָגן לאַנגע בלאָנדע האָר, אַ ברייטן קינסטלער־קאַפעליוש און ער האָט געקוקט אַרום זיך מיט אַ בייזן שאַרפן ביטול. זיי זיינען געגאַנגען און תמיד פאַרטאָן געווען אין די גאָלדענע און זוניקע פאַנטאַזיעס פון גרויסע פלענער. טיילמאָל שפּעט אין דער נאַכט, לאָדזש איז שוין געשלאָפן נאָכן שווערן פאַרהאָוועטן טאָג, די לאָדזשער גאַסן האָבן אויסגעקוקט צו ליגן אין אַ קוים־באַלויכטענער אומהיימלעכער שטילקייט, די לאָדזשער שטיינער אַפילו האָבן אויסגעקוקט צו שלאָפן. אויך אין דער דאָזיקער טונקעלער גאַסן־שטילקייט — און אָפטמאָל טיף אין דער נאַכט — האָט מען געקאָנט טרעפן שפּאַנען צוזאַמען איטשל ברוינערן מיט לוי זונטיקן. זיי האָבן געשפּאַנט מיט דער האַסטיקייט גלייך ווי אין לאָדזש וואָלט איצט גראָד געווען דער העלסטער טאָג און די גאַסן זיינען אָנגעפּראַפּט מיט יידן. איטשל און לוי זיינען אין לאָדזש געווען מחוץ פון טאָג און נאַכט. זיי זיינען תמיד פול געווען מיט דער עקזאַלטירטקייט פון זייערע שמועסן און זייערע פלענער. איטשל האָט גע־רעדט וועגן די בילדער וואָס ער דאַרף מאָלן, און גערעדט האָט ער דווקא פון גראַנדיעזע און סימבאָלישע מאַסן־סצענעס וואָס אין לאָדזש איז גאָרנישט פאַראַן געווען אַזאַ גרויסע לייוונט און אַזאַ גרויסע וואַנט וואָס זאָל זיי פאַר־נעמען. נאָר נישקשה, איטשל ברוינער האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן פון קיין שום שוועריקייט. ער איז געווען אַ לאָדזשער — און די גרעסטע מעגלעכ־קייט איז פאַר אים געווען די אוממעגלעכקייט. ער איז ביי זיך זיכער געווען ווי דער טאָג, אַז היינט צי מאָרגן וועט ביי אים אָנקלאַפּן דער מעצענאַט, וואָס וועט זיך בלוטיק פאַראינטערעסירן מיט זיינע, איטשל ברוינערס, קינסטלערישע פלענער. געוויס וועט דער מעצענאַט נישט זיין אַבי אַ ייד, נייערט אַ מולטי־מיליאָרדער, וואָס וואוינט אין פּאַלאַצן און שווימט אין געוואַלדיקסטן עשירות. ער וועט אים שוין, ברוינערן, נעמען צו זיך, אויסבויען די געוואַלדיקע אַטעליע מיט די מאָנומענטאַלע ווענט, וואָס זאָל קאָנען פאַרנעמען איטשלס מאָלערישע וויזיעס. ער וועט איטש־לען אָפּשיטן מיט גאָלד און מיט די שענסטע ווייבער — און ער, איטשל, וועט ערשט דאַן קאָנען פאַרקאַטשען די אַרבעל, נעמען דעם פּענזל אין דער האַנט, מאַכן די גרויסע רעוואָלוציע אין דער מאָלעריי, איבערדרייען אַלצדינג מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף און אויסגיסן אויף די געוואַלדיקע לייוונטן אָט די אַלע פאַנטאַזיעס און דמיונות, וואָס קאָכן אין

אים ווי אין אַ וואולקאַן. די גאַנצע וועלט, אַפילו פּאַריז אַליין, וועט פאַר אים אַראָפּנעמען דאָס היטל און מודה זיין, אַז אַזעלכעס האָבן זיי נאָך נישט געזען.

אַזוי האָט איטשל ברוינער זיך עקזאַלטירט פאַר זיין פריינט לוי־זונטיק אינמיטן די לאָדזשער גאַסן. ער איז אַלץ כסדר געגאַנגען אָנגעטאָן אין זיין פאַלטן מיט אויפגעשטעלטן קאַלנער און דאָס בלאַסע פּנים האָט אים טיילמאָל פּלוצעם אָנגעהויבן צו פלאַמען פון אינערלעכער באַגייס־טערונג. לוי זונטיק האָט געהערט, אַ שאַרפן קוק געטאָן מיט ביטול, און אויך ער האָט פאַר איטשלען גערעדט פון זיינע פּלענער. ער האָט גערעדט ביטער און ברוטאַל, און דערביי צוגעמישט אַ סך לאָדזשער פאַלקסטימ־לעכן און סוחרישן דיבור.

כמעט אַלע מוזיקער אין דער וועלט האָט ער מבטל געווען און זיי אָנגערופן מיט גראָבע צונעמענישן. סיידן אָט־אָ־דער בעטהאָווען אַליין איז געווען ניש־קשה פון עפּעס רעכטס. נאָר אַפילו בעטהאָווען האָט ערשט געהאַלטן ביים סאַמע אָנהייב. עס איז קיין וואונדער נישט ווען מען געפינט זיך אין אַ וועלט פון סאַמע קאַליקעס. לוי זונטיק האָט אַרומגעטראָגן אין זיין נשמה די גרעסטע און קאָמפּליצירטסטע סימפאָניעס און זיי האָבן אים געשאַלט אין די אויערן אינמיטן פון די לאָדזשער גאַסן. אויך ער האָט זיך געזען אַ טריט פאַר דעם געוואַלדיקסטן דערפאָלג, ווען די וועלט וועט בלייבן שטיין פאַר אים מיטן היטל אין דער האַנט. איטשל ברוינער האָט אויפריכטיק מסכים געווען צו לוי זונטיקס פּלענער, אַקוראַט ווי לוי זונטיק האָט מסכים געווען צו די פּלענער פון איטשל ברוינער. די הימלען איבער זיי זיינען ביי טאָג געווען פאַרקאָפּטשעט מיט לאָדזשער רויך און אַרום זיי האָבן געהאָוועט מתנות פון לאָדזשער יידן. ביינאַכט האָבן געשוויגן די מויערן, די גאַסן־לאַמטערנעס האָבן געפלאַקערט אין דער טונקעלער גאַסן־איינזאַמקייט. אויבן האָט געשפּאַצירט די לבנה און באַלויכטן דאָס שלאָפנדיקע לאָדזש ווי מיט אַ ווייסן כישוף. די צוויי יידישע דאָן־קישאָטן פון דער קונסט האָבן געשאָקלט מיט זייערע מלכותן.

מען מוז צוגעבן — און דאָס געהער אויך צו די לאָדזשער קאַפּריזער־דיקייטן: — הגם איטשל ברוינער און לוי זונטיק זיינען געווען די גרעסטע קינסטלער־באַהעמעס פון לאָדזש, פונדעסטוועגן האָבן זיי גאָר געשטאַמט

פון נגידישע משפחות. איטשלס פאָטער — אַ שיינער באַלעבאַטישער ייד מיט אַ גראָער הדרותדיקער באָרד, איז געווען אַ פאַבריקאַנט. לוי זונטיקס פאָטער איז געווען אַ הויז־באַזיצער. אויסערלעך אָבער האָט עס גאָר אויסגעקוקט, אַז אונדזערע צוויי ריטער זיינען אייביק הונגעריק, האָבן נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ און קיין בעט וואוהין דעם קאָפּ אַוועקצולייגן.

# קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

אונטער די לאַמטערנעס. דער קיניג אין די לאַ־דזשער פּינצטערנישן. סאָקראַטעס צווישן דער באַלד־טער אונטערוועלט. אַ וועלט אָן אַ גאָט. חיים וואַדניק שרייבט בריוועלעך. די יידישע ליטעראַטור און די זינדיקסטע מענטשן. אויפן בוידעם. חיים וואַדניק טוט אָפּ דעם רבונו של עולם אויף טערקיש.

הגם עס האָט אויסגעקוקט, אַז די לאָדזשער גאַסן ביינאַכט זיינען פאַרנומען מיט די צוויי קיניגן פון דער פאַנטאַזיע, איטשל ברוינער און לוי זונטיק, — אָבער אויף די לאָדזשער ביינאַכטיקע גאַסן האָט מען אויך געקאָנט זען אַנדערע ריטער פון די מוזעס. לאָדזש האָט אייביק געהאַט אַ טבע, אַחוץ סחורות און וועקסלען, אויך צו געבוירן דיכטער אין אירע מויערן. לאָדזש האָט געהאַט אַ שפע פון דיכטער. טייל פון זיי זיינען שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור. אויך די לאָדזשער דיכטער האָבן האָלט געהאַט די נאַכט און די איינזאַמע לאַמטערנעס אויף די גאַסן. און מען האָט גריילעך געקאָנט זען ווי צוויי יונגע דיכטער, טייל אין לאַנגע האָר, שטייען אונטערן אַ לאַמטערן און ביים שיין פון דעם פלאַקערנדיקן פלאַם לייענען זיי זיך איינער פאַרן אַנדערן פאַר זייערע שאַפונגען. אויך די לאָדזשער דיכטער האָבן געגלויבט נישט צו שרייבן סתם לידער נאָר איבערצוקערן וועלטן. איינער האָט דעם אַנדערן געמאַכט די גרעסטע קאָמפּלימענטן און געמאַכט די גרעסטע האָפענונגען, — און די שטיינער אונטער זיי און די מויערן אַרום זיי האָבן געשוויגן אין דער טונקלקייט ווי זיי וואָלטן אויף אַלצדינק מסכים געווען.

איינער פון די אינטערעסאַנטסטע נאַכט־פייגל, וואָס האָט זיך ערשט געוויזן אויף די לאָדזשער גאַסן שוין גאָר שפּעט אין דער נאַכט — און ער איז אויך געווען אַ קיניג אין די לאָדזשער פינצטערנישן, — איז געווען חיים וואָדניק.

ער איז געווען אַ זון פון אַ קוטנער מלמד און שפּעטער האָט ער באַלאַנגט צו די חברה אַפּיקורסים פון אַברהם גליקסמאַן. ער האָט מחרף

און מגדף געווען אַלע יידישע הייליקייטן און; געשוואוירן ביי אַ פּאָר תפילין אינמיטן בית־המדרש, אַז ס'איז לית דין ולית דיין. מעגלעך, אַז קוטנע איז צו קליין געווען פאַר דעם דאָזיקן היציקן אַפּאָסטל פון אַפּיקור־סות און ער איז געקומען קיין לאָדזש. עס זעט זיך אויס, נישט בלויז רעליגיעס האָבן זייערע הייליקע, אויך דער אַטעאיזם האָט זיינע אַסקעטן און זיינע הייליקע. חיים וואָדניק איז געווען דער הייליקסטער צווישן די גאָט־לעסטערער. הגם ער האָט געשטאַמט פון אַ מלמדישער משפּחה און איז געווען אַ היפּשער למדן, האָט ער — קומענדיק קיין לאָדזש — זיך באַלד באַזעצט צווישן די נידעריקסטע פון דער באַלוטער אונטערוועלט, צווישן די געמיינסטע גנבים און צווישן די אָרעמסטע פון די יידישע פּראָסטיטוטקעס, — די יעניקע אומגליקלעכע פּאַרוואָרלאָזטע נפשות וואָס זייער גאַנצע זינדהאַפטיקייט איז געווען נישט מער ווי אַן אייביק גיהנום. די פאַרשטויסענע פון מענטש און פון גאָט האָט זיך חיים וואָדניק אויסגעקליבן פאַר זיינע נאָענטסטע חברים. אין די דאָזיקע מענטשן האָט ער באַשיימפּערלעך געזען דעם לית דינא ולית דיינא, וועגן וועלכן מען האָט היציק געפּריידיקט אין דער אַפּיקורסישער כנופיא פון אַברהם גליקסמאַן. חיים וואָדניק האָט נישט האַלט געהאַט די בלויזע טעאָריע. ער האָט זי געוואָלט זען, אָנטאַפּן זי מיט די הענט און אָטעמען די לופט פון דעם הפקרדיקן עלעמענט פון אַ וועלט אָן אַ גאָט.

די אונטערוועלט אין באַלוט האָט אויף חיים וואָדניקן געקוקט מיט געוואַלדיקן דרך־ארץ. אָט איז אַ מענטש, וואָס פילט זיך צווישן זיי ווי אַן אייגענער ברודער, ווי אייגן בלוט און פלייש, און דערביי שיט ער מיט גמרות ווי אַ רב. מען האָט זיך מיט אים געיחסנט ווי מיט אַן אבן־טוב. הגם חיים וואָדניק האָט זיך אויף אַ האָר נישט גרעסער געהאַלטן פון די נידעריקע אונטערוועלט־מענטשן. ער האָט פאַר זיי געפּריידיקט אַפּיקור־סות און גערעדט צו זיי מיט טערמינען פון גמרא און פילאָסאָפיע גלייך ווי זיי וואָלטן געווען זיינס גלייכן און אים פאַרשטאַנען. די באַלוטער גנבים האָבן אים אַריינגענומען צו זיך אין שטוב, געטרונקען מיט אים אין זייערע שענקען און מיט גרויס ערפורכטיקייט געהערט זיינע אומפאַר־שטענדלעכע טערמינען, וועלכע חיים וואָדניק האָט אַרויסגעשריגן מיט גרויס היץ און טעמפּעראַמענט און אַלע מאָל אויפגעהויבן זיין פויסט און געדראָעט אין די הימלען. אויך די ביליקסטע שאַנד־הייזלעך אין באַלוט

זיינען פאַר אים אָפן געווען. די „מומעס" און די אַלפאַנסן האָבן אים אויפגענומען מיט גרויסן ברוך־הבא, אים געגעבן אַ גלעזל טיי, נישט געקוקט דערויף וואָס ער איז אַ „יאָלד" און שטערט טיילמאָל דעם באַטריב אין די „הייזלעך". אויך דאָרט האָט ער געשריגן זיינע גאָט־לעסטערישע דרשות און געפּרעדט מיט לומדישע און פילאָזאָפישע טערמינען. צו די „מיידלעך" אין די „הייזלעך" האָט ער זיך באַצויגן מיט דער וואַרעמקייט פון אַ האַרציקן ברודער און אין זייערע קריוודעס געזידלט דעם מכלומרשט געטלעכן סדר־העולם. די אָרעמע פּראָסטיטוטקעס אין די באַלוטער „הייזלעך" זיינען ס'רוב געווען זייער אָבערגלויבעריש און טיילמאָל אויפגעציטערט געוואָרן צו הערן ווי חיים וואַדניק רעדט אויס די געמיינ־סטע רייד אויפן האַר פון דער וועלט און מאַכט אים גלייך מיט דער בלאָטע, אָבער זיי האָבן געוואוסט, אַז דאָס רעדט אַ ייד אַ למדן, און ער מעג. חיים וואַדניק האָט פאַר זיי, די אומגליקלעכע זונות אין די באַלוטער „הייזלעך", געשריבן בריוו אַהיים צו זייערע עלטערן אין די שטעטלעך, אָדער גאָר צו זייערע שוועסטערס אין אַמעריקע. די זונות האָבן אים דיק־טירט, אויסגעגאָסן פאַר אים זייערע ביטערע הערצער, — דערביי האָט עס פאַר אינדערהיים געמוזט פאַרבלייבן אין שטרענגסטן בסוד אויף וואָסער מצב זיי געפינען זיך און וואָסער ברויט זיי עסן. ס'האָט געמוזט הייסן, אַז מען האַרעוועט אין פינצטערן לאָדזש אויף „שטעלעס" ווי דינסטן. חיים וואַדניק האָט שוין געוואוסט ווי צו שרייבן. ער האָט פאַרגעלייגנט דעם אָנגעשריבענעם בריוו פאַרן אומגליקלעכן מיידל. זי האָט געהערט, געווישט זיך די אויגן פון גרויס געריהרטקייט, און געגעבן חיימען עטלעכע גראָשן פאַר זיין שווערער טירחה. בריוו־שרייבן פאַר די פּראָסטיטוטקעס אין די באַלוטער „הייזלעך" איז כמעט געווען די איינציקע פּרנסה פון חיים וואַדניקן, — אויב דער דאָזיקער ייד האָט בכלל געהאַט אַזויס ווי פּרנסה.

ביינאַכט האָט זיך ערשט ריכטיק אָנגעהויבן חיים וואַדניקס מלוכה אויף די לאָדזשער גאַסן. ער איז געגאַנגען איינער אַליין אָדער מיט זיין טייערסטן חבר יאַנעק. אַן אַלטער לאָמער אָפּגעריסענער גוי פון דער באַלוטער אונטערוועלט. יאַנעק איז געווען אַ ביסל טויבלעך און חיים וואַדניק האָט אים אויף אַ שלעכטן פּויליש אַריינגעשריגן אין די אויערן אַריין שטיקער פרייע געדאַנקען פון „מורה־נבוכים" און פון „מלחמות

ה׳״ און געשיט מיט בלבולים אויף דער השגחה. יאַנקעל האָט נישט גוט געהערט, אָבער ער האָט געקוקט אויף חיימען ווי אויף אַ הייליקן מאַן און ערפורכטיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. חיים וואַדניק האָט זיך טיילמאָל אין מיטן דער נאַכט אַוועקגעשטעלט אונטער אַ גאַסן־לאַמטערן, פּראָסטיטוט־קעס האָבן זיך אַרום אים געזאַמלט און ער האָט אויף אַ שרייענדיק קול געהאַלטן פאַר זיי זיינע גאַטלאָזע דרשות, אָדער גאָר אַרויסגענומען פון זיינע טאַשן אַ יידיש ביכל, אָדער אַ פאָלקסטימלעכע מעשה פון פּרצן און פאַרגעלייענט יידישע ליטעראַטור פאַר די זינדיקסטע מענטשן.

אַלע קינסטלער און דיכטער פון לאָדזש האָבן חיים וואַדניקן באַטראַכט פאַר אַן אייגענעם מענטש און מען האָט דעם דאָזיקן לעסטערישן גאַסן־נביא גערופן „סאָקראַטעס". מען האָט אים געוואָלט מאַכן פאַר אַ ווירדיקן חבר צו דעם אַלטן אַטענישן פילאָזאָף, וואָס האָט געפּריידיקט אין די גאַסן. סיי אין זיין אָרעמקייט און סיי אין זיין גורל צו האָבן איינמאָל אין לעבן אַ ווייב אַן אָרורה איז חיים וואַדניק באמת גליַיך געווען צום אַנטיקן סאָקראַטעס. אָבער אין איין פּרט האָט חיים וואַדניק געוויזן מער מוט פון סאָקראַטעסן. ער איז אַנטלאָפן פון זיין קסאַנטיפּע און האָט זיינע שפּע־טערע יאָרן כסדר געוואוינט אויף אַ לאָדזשער בוידעם, וואו פון אומעטום האָט אַריינגעבלאָזן אין די לעכער. ווינטער האָט ביי „סאָקראַטעסן" אין דירה געבושעוועט דער שניי און דער פראָסט און זומער האָט געסמאַ־ליעט די זון. די אמתע באַלעבאַטים זיינען דאָרט געווען די מייז און די שטשורעס, און חיים וואַדניק איז דאָרט בלויז געווען דער גאַסט. אין יענער „דירה", ווען ער איז געלעגן אַליין אויף דעם צעריסענעם „שעניק", האָט ער וואָס אַמאָל ביטערער געטראַכט, אַז עס איז אוממעגלעך אַז דער וואָס האָט באַשאַפן די דאָזיקע וועלט איז אַ גאָט פון רחמים. חיים וואַדניק האָט נאָך ביטערער און האַרטנעקיקער באַשלאָסן מיט אים צו פירן אַ קאַמף אויף טויט און אויף לעבן. וואָס עלטער ער איז געוואָרן האָט ער זיך אויסגעלערנט, אַז אַ מענטש קאָן לעבן פון הונגער, אָבי נאָר ער האָט טעמפּעראַמענט און כוח צו פאַרטיידיקן דעם אמת. ווען היטלערס חיילות האָבן אַריינמאַרשירט קיין לאָדזש האָט חיים וואַדניק געזען אַז ענדלעך האָט ער פאַרשפּילט דעם קאַמף מיטן גאָט פון די וועלטן, — און ער האָט דעם רבונו־של־עולם גאָר אָפּגעטאָן אויף טערקיש, געמלעך: ער האָט זיך אויפגעהאַנגען אויף אַ האָק ביי זיך אויפן בוידעם.

## קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

וועגעטאַריש בחזקת הכשרות. יפה האָט אַ סך איי־
בערצייגונגען. בלוטיקע קאַניבאַלן. יפה צעממיתט אַ
גוי. דער גן־עדן פון שלוס און ברידערלעכקיים. ווי די
לעמער אויפן פעלד. זון, לבנה, און שטערן. צוקונפט־
בילדער.

לאָדזש האָט פאַרמאָגט אַ קינסטלער־קאַפע וואָס האָט זיך מיט איר אויסטערלישער אייגנאַרטיקייט אַרויסגעצייכנט פון אַלע אַזעלכע מיני קאַפעס אין דער גאַרער וועלט. אַפילו פאַריז איז נישט געפאַלן אויף אַזאַ מין באַשעפעניש. זי איז געווען אייגנאַרטיק און אויסטערליש סיי וואָס שייך איר אויסזען, סיי וואָס שייך איר באַלעבאָס, און סיי וואָס שייך אירע שטאַם־געסט.

די קאַפע האָט געהייסן „וועגעטאַ". לויטן נאָמען איז זיך דער לייע־נער משער אַז עס איז געווען אַ וועגעטאַרישע קאַפע. אָבער וואָס הייסט וועגעטאַריש! די פרומסטע און שטרענג־כשרסטע רעסטאָראַציע אין פוילן איז נישט געווען אַזוי אָפּגעהיט אין כשרות ווי די „וועגעטאַ" אין איר פרומער און כשרער וועגעטאַרישקייט. איר אייגנטימער, יפה, איז געווען אַ פרינציפּיעלער און אידעאַליסטישער וועגעטאַריער. אַ פאַרביסענער, עקשנותדיקער וועגעטאַריער, נישט געקוקט דערויף וואָס ער איז גראָד געווען אַ הויכער ברייט־ביינִיקער ייד מיט אַ רויט פעט פנים פול מיט פרישטשעס און האָט גיכער אויסגעקוקט ווי אַ בלוטיקער קצב אײדער ווי אַבעל־רחמימדיקער וועגעטאַריער. יפה איז געווען אַ פאַרביסענער ליטוואַק, אַ ווּיסטער שתקן, מען האָט זעלטן געזען ביי אים אַ שמייכל, און ער האָט געקוקט אויף זיינע געסט מיט דער שטרענגקייט פון אַ יוּנישן פּולקאַווניק אויף זיינע זעלנער. יפה האָט געהאַט אַ סך איבערצייגונגען, ער איז געווען אַ ציוניסט, אַ חובב פון העברעאיש, אַ ווּיסטער אַפּיקורס, און אַ ליבהאָבער פון חזנות און מוזיק, — דעריבער איז ער געווען איינער פון די גרינדער פון לאָדזשער „הזמיר" און איז דאָרט געווען די „שטאַרקע

האַנט" פאַר וועלכער אַלע האָבן געציטערט. וואָרעם יפה האָט זיך געמישט סיי אין די מוזיקאַלישע פּראָגראַמען פון אָרקעסטער און כאָר און סיי אין דער קיך פון „הזמיר". נאָר דער עיקר, — קיינער ווייסט נישט ווי אַזוי עס קומט צו אַזאַ שטרענגן פינצטערן ליטוואַק אַזוי פיל רחמנות אויף גאַטס שטומע באַשעפענישן, — איז יפה געווען אַ וועגעטאַריער. אויף אַלע פלייש־עסער האָט ער געקוקט ווי אויף בלוטיקע קאַניבאַלן, וואָס ווען יפה האָט די מאַכט וואָלט ער זיי אַלעמען אויף אַן אכזריותדיקן אופן אויפגעהאַנגען אויף תליות אין סאַמע פּיעטרקאָווער גאַס. אויף אַלע יאַט־קעס האָט ער געקוקט ווי אויף דער שאַנד פון דער מענטשהייט און ער האָט אַמאָל צעממיתט אַ גוי, וואָס האָט פּונקט — צום אומגליק — אין יפהס אויגן אָפּגעדרייט דאָס קעפּל פון אַ הינדעלע. און בכלל האָט ער געוואָלט אַז מענטשן זאָלן אָנהייבן צו עסן מילכיקע קנישעס, שוואָמען, קניידלעך און אַנדערע וועגעטאַרישע גראָזן.

כדי צו פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל פון זיין לעבן און צוצוגעבן מענטשן חשק איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו באַקומען ווייכע הערצער, אויפהערן פּאַטשקען מיט זייערע הענט אין בלוט, און אָנהייבן צו עסן די מאכלים פון אַן אייביקן שלום אויף דער ערד — האָט יפה געגרינדעט זיין וועגעטאַרישן רעסטאָראַן „וועגעטאַ". ער האָט טאַקע געמיינט דערביי אויך פּרנסה, — דער עיקר אָבער איז ער אויסן געווען אידעאַליזם. כדי צו ווייזן דער וועלט ווי אַזוי עס וועט אויסקוקן אין דעם וועגעטאַרישן לעתיד־לבוא, האָט ער זיין קליינעם לאָקאַל אויף דזשיעלנע גאַס אויסגע־סטראָיעט ווי אַן אמתן גן־עדן פון שלום און ברידערלעכקייט. ער האָט די טישלעך אַרומגעצוימט מיט גרין־אָפּגעפאַרבטע שטאַכעטן ווי די שטאַכעטן פון אַ גאָרטן. די שטאַכעטן האָט ער אַרומגעוויקלט מיט אַלערליי פּאַפּירענע גרעזעלעך און געוויקסן. דער דאָזיקער פּאַפּירענער גאָרטן האָט באַדאַרפט סימבאַליזירן בעת מען עסט יפהס מילכיקס און אַנדערע וועגעטאַרישע עסענישן — וואָס קיינער האָט נישט געוואוסט פון וואָס זיי זייגען געמאַכט — ער האָט באַדאַרפט סימבאַליזירן אַקוראַט ווי מען וואָלט געגעסן אויף דער שויס פון דער פרידלעכער נאַטור און פאַרגעסן אַלע ביפשטעקס און קאָטלעטן און אַנדערע רציחהדיקע און בלוטדור־שטיקע מאכלים, רק גלייך געווען צו די שטילע לעמער אויפן פעלד, וואָס טרינקען זייער וואַסער און שטשיפּען זייער גראָז. כדי דעם דאָזיקן גן־

עדן נאָך מער צוצוגעבן פּאָעזיע און דערהויבנקייט האָט יפה פּאַרזייט דעם סופיט פון זיין לאָקאַל מיט אַ ים קליינע עלעקטרישע לעמפּלעך. צווישן זיי צוויי גרעסערע לאָמפּן. דערביי איז דער סופיט געווען אויס־געמאָלן אין אַ טיפן בלוי — און עס האָט געהייסן דער הימל, די קליינע לעמפּלעך זיינען געווען די שטערן און די צוויי גרעסערע לאָמפּן — די זון מיט דער לבנה. סיי בייטאָג און סיי אין טיפער נאַכט ווען די „וועגעטאַ״ איז נאָר געווען אָפן האָט איבער דעם דאָזיקן פרידלעכן גן־עדן פון גרינע שטאַכעטלעך און פּאַפּירענע געוויקסן, פון אויבן געפלאַקערט יפהס הימל אין דער פולער עשרות פון זיינע שטערן, זון און לבנה. אויף די טישלעך זיינען געשטאַנען די מילכיקע און וועגעטאַרישע מאכלים. יפהס געסט האָבן זיך געקוויקט סיי מיזיש און סיי גייסטיק — וואָרעם זיי האָבן באַשיימ־פּערלעך געזען וואָסער וואונדערלעכער אידילישער פּראַכט עס וועט הערשן אין דער צוקונפט פון דער וועלט ווען יפהס אידעאַלן וועלן גאָר אָנהייבן מקויים צו ווערן.

## קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

די „וועגעטאַ“ און די קינדער פון די מוזעס. די פלייש־עסער עסן אויף באַרג. ליכטיקע פאַנטאַזיעס ביי יפהס טישלעך. „קלוב־שכמטי“. עס פלאַקערן די שלאַכטן אויף די שאַך־ברעטלעך. ברוגז־שפּיל. שייקע פייפער פון באַלוט. קעגן אַלעמען איז ער אַ בריה נאָר נישט קעגן אייגענעם ווייב. זומער־פייגעלעך. קאַרי־קאַטורן. דאָס ווייב גיסט אים אָפּ מיט אַ פּאַמוניצע. די בינע־ברעטער — אַ וועלט פון אילוזיע און שפּיל. די לעמפּלעך פון דער ראַמפּע. מאַכט איר אַ פּאַרטיי? הערשל יעדוואַב אַלס שאַך־טשעמפּיאָן. וועלט־אונטערגאַנג.

הגם די לאָדזשער קינסטלערישע באַהעמע האָט ווייט נישט געשוואוי־
מען אין גאָלד און אַ פליישיקער מיטאָג האָט ביי זיי נישט געהערט צו די
טאָג־טעגלעכקייטן. פונדעסטוועגן איז קיינער פון זיי נישט געווען קיין וועגע־
טאַריער. פּאַרקערט ; טעאָרעטיש זיינען זיי גאָר געווען איבערצייגטע „פליי־ש
עסער". די „וועגעטאַ" אָבער איז — אַחוץ די לאָדזשער גאַסן — געווען די
צווייטע היים פון די פילע קינדער וואָס די מוזעס האָבן געבוירן אין די
לאָדזשער מויערן. ווי איך האָב שוין דערציילט האָבן זיך גראָד אין לאָדזש
די טראַכטן פון די מוזעס געעפנט אויף אַלע געביטן. יפה, הגם ער איז
געווען אַזאַ שטרענגער שווייגנדיקער ליטוואַק, און הגם ער האָט מיט דער
גרעסטער הקפדה אַכט געגעבן אַז ביי אים אין „וועגעטאַ" זאָל זיין אַלצדינג
וועגעטאַריש בתכלית הכשרות, האָט געהאַט פיל סענטימענטן און שוואַכ־
קייטן פאַר יידישע קינסטלער. פּראַקטיש זיינען דאָס געווען פאַר אים די
ערגסטע קונים. געגעסן האָבן זיי ווייניק, נישט חס־ושלום ווייל זיי האָבן
געהאַט עפּעס אויסצוזעצן אויף יפהס מילכיקס, נייערט פשוט ווייל עס האָט
זיי דערויף געפעלט די ממתקים. אָבער פאַרנומען האָבן זיי ביי יפהן אַ סך
טישלעך פון זיין גן־עדן, געזעסן שעהן־לאַנג, ווייניק באַשטעלט, און אויב זיי
האָבן באַשטעלט איז עס ס׳רוב געווען אויף „באָרג". און יפה האָט געבאָרגט,
הגם די אויסזיכטן אויף אָפּצובאַקומען דעם חוב זיינען געווען זייער
זייער קנאַפּע. איבער זייערע קעפּ האָבן מיט גרויס שפּע געפלאַקערט יפהס
שטערן און זיין זון און לבנה, און ביי די טישלעך זיינען אַנגעגאַנגען שעהן־
לאַנגע שמועסן און וויכוחים, דער עיקר וועגן קונסט. דיכטער האָבן פאַר־
געלייענט זייערע לידער, מאָלער האָבן הויך פאַר אַלעמען דערציילט זייי־

ערע פלענער. עס האָט געברענט מיט ליכטיקער פאַנטאַזיע. יפה האָט טייל־מאָל אַ טרוקענער און פינצטערער צוגעהערט. עס האָט זיך געקאָנט אויס־דוכטן אַז ער איז בייז וואָס די דאָזיקע געסט זיצן אים שעהן־לאַנג ביי „טרוקענע" טישלעך און שטערן דעם מסחר. ניין. יפה איז גאָר צופרידן געווען און שטאָלץ געווען דערויף צו זען ווי זיינע אידעאַלן ווערן פּאַמע־לעכל מקויים און זיין „וועגעטאַ" פאַרוואַנדלט זיך אין דעם גייסטיקן צענ־טער פון לאָדזש.

כדי צו מאַכן די „וועגעטאַ" נאָך גייסטיקער, האָט יפה אָפּגעצוימט עטלעכע טישלעך פון זיין גן־עדן און געמאַכט דאָרט, אַזוי צו זאָגן, אַ שאַך־קלוב. וויפל יפה זאָל נישט האָבן געהאַט גרויסע מיינונגען וועגן ליטעראַטור און מאָלעריי, האָט ער פונדעסטוועגן געהאַלטן אַז מוזיק און שאַך־שפּיל זיינען די העכסטע ספערעס פון מענטשלעכער גייסטיקייט. פאַר דער מוזיק האָט שוין יפה אויסגעזאָרגט אַ היים אין „הזמיר". פאַר דער היים פונעם שאַך־שפּיל האָט ער געוואָלט מאַכן זיין „וועגעטאַ". אויף איינעם פון די גרינע שטאָכעטלעך פון זיין „גאָרטן" האָט ער אויפגע־קלעפּט אַ צעטעלע מיט אַ לשון־קודשדיקע אויפשריפט „קלוב שכמטי", און עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אין „וועגעטאַ" נייע יידן. אַזעלכע יידן וואָס מען זעט גאָרנישט אויף די לאָדזשער גאַסן. יידן צעפּלאַשעטע, פאַרמוחטע און ווילדע. יידן וואָס דער קאָפּ איז זיי גאָרנישט אויף דעם דאָזיקן פּראַקטישן עולם, נייערט פּליט אָרום אין די געגנט פון שאַך־שפּיל. יידן וואָס הערן כמעט נישט וואָס מען רעדט צו זיי און זיינען כסדר פאַר־חושט ווי אין היגערפלעט. די דאָזיקע יידן האָבן עפּעס כמעט ווי נישט באַלאַנגט צו קיין שטאַנד און קיין עלטער. ס'זיינען געווען יידן מיט קאַפּאָטעס, מיט לאַנגע בערד און יידישע היטלעך, יידן באַלייבטע, ווי אויך דאַרע ליטוואַקעס אויסגעריבטע פון פּאַסטן און פון טראַכטן וועגן שאַך, ליטוואַקעס אין צעקנייטשטע קאַפּעלישלעך און אויסגעגאָלטע ווי די סריסים. יידן באַיאָרטע, און יידן גאָר יונגעטשקע מיט דער מאַמעס מילך אויף די ליפּן. הגם גאָט די אַלע יידן זיינען געווען צווישן זיך באַקאַנט און געווען אויסגעבונדן איעדער איינער אין דעם אַנדערנס שאַך־פעאיקייטן, — האָבן זיי זיך צווישן אַנאַנדער זייער קאַלט באַגריסט און ס'האָט אויס־געקוקט אַז זיי טראַכטן נאָר איינער דעם אַנדערן צו פאַרצוקן ווי ווילדע לעמפּערטן און צו מאַכן איינער פון דעם אַנדערן קאַשע, געמיינט ביים שאַך־

שפּיל. זיי זיינען אַריינגעקומען אין „וועגעטאַ״ פּינצטערע און אומגע־דולדיקע און אומגעקוקט זיך צי ס׳איז עמעצער פאַראַן פון זייערע „קעג־נער״. באַלד איז פול געוואָרן ביי די טישלעך אין „קלוב שכמטי״. אויף די טישלעך איז געווען „טרוקן״ ווי אין אַ וויסטעניש. אויף די שאַך־ברעטלעך האָבן זיך צעפּלאַקערט די גרויסע שלאַכטן. די שאַך־יידן זיינען געזעסן איינגעבויגענע, פאַרטיפטע. טייל האָבן פּינצטערע געשוויגן, און טייל האָבן גאָר צו זיך געבאַמקעט אַ זמרל. נייגעריקע יידן זיינען גע־שטאַנען און צוגעקוקט צו די גרויסע געראַנגלען צווישן די ווינציקע האָלץ־פיגורלעך. יפה, איז פאַרבייגעגאַנגען, געקוקט אַ בייזער מיט זיין קצבישן פּנים גלייך ווי עס וואָלט אים פאַרדראָסן. אים האָט אָבער נישט פאַרדראָסן. אדרבה, ער האָט געהאַט אַ ווילדע הנאה צוצוקוקן ווי זיין „וועגעטאַ״ ווערט דער גייסטיקער צענטער פון לאָדזש.

צווישן די קינסטלער און די שאַך־שפּילער אין דער „וועגעטאַ״ איז אָנגעגאַנגען, אויב מען קען אַזוי זאָגן, אַ שטילע פאַרביסענע שנאה. זיי האָבן זיך איינע די אַנדערע ביטער מבטל געווען. די שאַך־יידן האָבן אויף די קינסטלער געקוקט ווי אויף סתם איבעריקע נפשות וואָס פּלאָנטערן זיך גלאָט אין דער וועלט און קיינער ווייסט נישט צו וואָס מען באַדאַרף זיי, הוידען זיך אויף לבנה־שטראַלן, ריידן פון פּיפּערנאָטערס, און דער עיקר האָט דער רוב פון זיי נישט די מינדסטע השגה ווי מען מאַכט אַ צוג אויפן שאַך־ברעטל. נישט צו גאָט און נישט צו לייט. די קינסטלער האָבן אויף די שאַך־שפּילער געקוקט מיט נישט קיין קלענערן ביטול. דוכט זיך יידן וואָס לעבן אויך אין הינערפּלעט ווי קינסטלער, האָבן נישט אין זינען ווייב און קינד און שטייען מחוץ דעם הו־האַ פון לאָדזשער ווירקלעכקייט — דוכט זיך נאָענט בלוט, פונדעסטוועגן, וואָסער לעבן און וועבן איז עס צו זיצן גאַנצע אָוונטן ביי געקעסטלטע טעוועלעך, צו רוקן האָלץ־פיגורלעך און מיינען דערמיט צו האָבן אין דער האַנט די גרעסטע גליקן פון דער וועלט? עפּעס זיינען די שאַך־יידן אין די אויגן פון די קינסטלער געווען ווי נישט־אויסגעבאַקענע שאָטנס פון עולם־התוהו וואָס פּטרן די צייט אויף שהיה־פּיה אַנשטאָט צו זיצן ביי די וועגעטאַ־טישלעך צוזאַמען מיט די קינסטלער און צו הערן די גרויסע ווערטער און די גרויסע פּלענער.

נאָר איין מאָל, זינט די „וועגעטאַ״ האָט זיך געוויגט אין די וועלט־

אייביקייטן, איז געקומען צו אַ קאָנפליקט צווישן די שאָד־יידן און די קינסטלער און ער האָט אויפגעטרייסלט יפהס גן־עדן־גאָרטן ווי אַן ערד־ציטערניש.

צווישן די שטאָם־געסט פון דער „וועגעטאַ״ פלעגט אָפט אַריינקומען הערשל יעדוואָב. ער איז אויך געווען אַ לאָדזשער טיפּ. הערשל יעדוואָב האָט געשטאַמט פון באַלוט און איז געווען אַ וועבער. נישט געקוקט דערויף וואָס ער איז געווען אַן אָרעמאַן האָט ער געהאַט אַ קיילעכדיק בייכל, אַ גרויס פּנים, און גרויסע ליכטיקע אויגן וואָס אַמאָל האָבן זיי געפינקלט מיט שפּיציקער וויציקייט און אַמאָל האָבן זיי גאָר געקוקט תמ־עוואָטע און טעמפּ־אַרויסגעזעצטע ווי זיי וואָלטן נישט געוואוסט ווער עס האָט זיי געשליירט. אָבער דאָס אַלצדינגק איז נאָר געווען בכוונה. די אויגן זיינען אין הערשל יעדוואָבס הענט געווען זיין בעסטער אינסטרו־מענט אויף וועלכן ער האָט אויסגעשפּילט ווי אַ מייסטער דעם שניידיקן און ביטערן וויץ פון זיין געמיט. הערשל יעדוואָב איז געווען דער באַלוטער שייקע פייפער. דער פאָלקס־לץ וואָס האָט געלעבט אין אַ רויען געזונטן הומאָר און האָט נישט געשוינט נישט קיין גאָט און נישט קיין מענטש. צווישן חברה האַרעפּאַשניקעס איז ער געווען דער אייביקער פורים־שפּילער. נישט זיין שווער לעבן, נישט זיין ווייב די אָרורה וואָס האָט אים נישט איינמאָל אָפּגעגאָסן מיט אַ פאָמעניצע, האָט געקאָנט פאַר־טונקלען מיטן ווינציקסטן וואָלקנדל דאָס הייטערקייט פון זיין וויץ. ער האָט אַלעמען אויסגעלאַכט, אַלעמען נאָכגעשפּעט און מיט זיינע אויגן געשפּילט דאָ דעם איבערגעשפּיצטן חכם וואָס ווייזט דער גאַנצער וועלט אַ פייג, און דאָ דעם מכלומרשטן תם וואָס עס פעלט אים אין קאָפּ די ריכ־טיקע קלעפּקע און קוקט אויף דער וועלט מיט קעלבערנער נאַאיוּוקייט.

הגם יעדוואָב האָט נישט געהאַט די מינדסטע השגה אין די הויכע ספערעס פון די קינסטלערישע געשפּרעכן, פונדעסטוועגן האָט אים געצויגן צו די קינסטלער ווי צו אייגענע ברידער. אויך לייכטע פריילעכע יאַטן פון דעם עולם־התוהו וועלכע שוועבן תמיד אין דער לופטן און האָבן אויך ליב דאָס לעבן ווי גרינגע פייגעלעך. אַקוראַט ווי ער, הערשל יעדוואָב, דער האַרעפּאַשניק פון באַלוט, — דער שייקע פייפער וואָס קעגן אַלעמען איז ער דער חכם נאָר נישט קעגן דעם אייגענעם ווייב. די קינסטלער האָבן זיך צו אים צוגעבונדן, אים ליב באַקומען און געהערט

זיינע מעשיות וואָס זיינען געווען דערציילט מיט אַ וואונדערלעכן פאָלקס־טימלעכן און אַוואַנטוריסטישן הומאָר. אַלע פּאַפּיראָסן־שאַכטעלעך און אַלע פּאַפּירענע סערוועטלעך אין דער „וועגעטאַ“ האָט איטשל ברוינער באַצייכנט מיט הערשל יעדוואַבס קעפּ, מיט זיינע אויגן און מיט זיין קיילעכדיק בייכל. הערשל יעדוואַב, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געזען זיינע קאַריקאַטורן, האָט עס אים אַ קאַפּעטשקע פאַרדראָסן, און ער האָט געגלויבט אַז חברה קינסטלער מאַכט פון אים ליצנות. שפּעטער ווען ער איז געוואויר געוואָרן אַז פון אַלע גרויסע פּאָעטן האָט מען געמאַכט קאַריקאַטורן און עס געהער גאָר צו די שקאַציקייטן פון דער מוזע, איז ער גאָר געווען גליקלעך און זיך געפרייט מיט די קאַריקאַטורן ווי אַ קינד. ער האָט זיי צונויפגעקליבן און אָנגעפילט מיט זיי זיינע טאַשן. ער האָט אָבער אַמאָל געטאָן אַ נאַרישקייט און געוויזן אין דער היים זיין ווייב וואָסער נאָענטער שמעלקע ער איז געוואָרן מיט דער קונסט. די בייזע יידענע האָט אָנגעקוקט די צעקרומטע געשטאַלטן פון איר שמעיה בעל־פרנסה און זי האָט אים אויפן אָרט אָפּגעגאָסן מיט זלזולים און געכאַפּט אויף אים אַ בעזעם און געשריגן אַז ער פאַרשוואַרצט איר דאָס פּנים פאַר מענטשן. הערשל יעדוואַב איז קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן און געקומען אַ צעיאָכמעטער אין דער „וועגעטאַ“.

הערשל יעדוואַבס עליה האָט זיך ערשט אָנגעהויבן ווען אין לאָדזש האָט זיך געגרינדעט אַ ליבהאָבער־טרופּע א. נ. „דראַמאַטישע קונסט“ און הערשל יעדוואַבס פּיס האָבן דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן טועם געווען דעם זיסן כישוף פון בינע־ברעטער.

הערשל יעדוואַב האָט ערשט געזען וואָס עס הייסט אַזוינס די וועלט פון אילוזיע און שפּיל וואָס איז אַזוי קליין און ווינציק אין איר שטח און אַזוי גרויס און אומענדלעך אין די דימענסיעס פון איר געמיט. די לעמפּעלעך פון דער ראַמפּע האָבן אים געלויכטן אין פּנים אַריין ווי אַלע טויזנט זונען פון גן־עדן. הערשל יעדוואַב האָט אַלצדינק פאַרגעסן און געשפּילט זיינע קאָמישע ראָלן גלייך טויזנט געשטאַלטן וואָלטן זיך אַרויסגעריסן פון זיין נשמה און ער אַליין וואָלט געווען טויזנט געשטאַלטן. ער האָט געשפּילט מיט זיין קיילעכדיק בייכל, מיט זיינע אויגן און מאָדעלירט זיין קול ווי ער אַליין וואָלט פול געמאַכט די וועלט אויף די בינע־ברעטער מיט אַלערליי קאָמישע און פריילעכע יידן.

דאָס שפּילן טעאַטער האָט הערשל יעדוואָבן גאָר דערנענטערט צו די קינסטלערישע „פּיגל" אין דער „וועגעטאַ". איין חברה הוליע־קבצן, וואָס שלאָגט מיט איין האַנט מיט דער וועלט כּפּרות און מיט דער אַנדערער ציען זיי פון איר גאָלדענע סטענגעס ווי אמתע פריילעכע מכשפים. ס'איז אים אויסגעקומען, אַז צווישן אָט־אָ־די יונגעלייט — וואָס לעבן אין די הוריות פון נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע וועלטן — איז אים אויך אַזוי זיס און היימיש ווי אויף די ברעטער פון דער בינע און פאַר די לעמפּלעך פון איר ראַמפּע. עס איז אויך אַ וועלט פון טעאַטער־שפּיל און נעכטיקע טעג. יעדוואָב האָט אויך אָנגעהויבן צו קוקן מיט ביטערן ביטול אויף די שאָך־יידן וואָס זיינען געזעסן פאַרטיפטע און שווייגנדיקע נישט ווייט פון אים ביי די טישלעך פון „קלוב שכמטי" און געקעמפט צווישן זיך מיט קליינע הילצערנע פיגורלעך. איז עס, דאָס שאָך־שפּיל, אויך אַזוינס ווי דער האָקוס־פּאָקוס פון טעאַטער? ניין. עס איז עפּעס צו קלוג פאַר אַ פּשוטן יאַט, און עס איז אַן אייביק שפּיל אין שטומעניש. זעלטן הערט מען דאָרט אַ וואָרט. הערשל יעדוואָב האָט עס נישט גורס געווען. נאָר איך וועל זיך אומקערן צום קאָנפליקט צווישן די קינסטלער און די שאָך־שפּילער.

איין מאָל — ביי די „טרוקענע" קינסטלערישע טישלעך אין יפהס „לעתיד לבוא" זיינען געזעסן חברה לבנה־שפּינער. מען האָט דערציילט, געלייענט און גערעדט פון נעכטיקע טעג. צווישן זיי איז אויך געזעסן הערשל יעדוואָב, געשפּילט מיט זיינע אויגן און דערציילט לוסטיקע מעשיות. אין „וועגעטאַ" האָט זיך פּלוצים אַריינגעפּאַרבלאָנדזשעט אַ פרעמ־דער צעהושטער פּאַרשוין, אַ צעטראָגענער, מיט אַ צעקנוידערט קאַפּעל־יושל אויפן גרויסן קיילעכדיקן קאָפּ. מען האָט באַלד דערקענט אַז דאָס איז פון יענע פינצטערע יידן פון „קלוב שכמטי". ער האָט זיך אַ צעטראָ־גענער און אַ בייזער אַרומגעקוקט ווי ער וואָלט געזוכט עמעצן צו פאַר־צוקן. ער איז געווען אַ נייער ייִד אַ שאָך־שפּילער.

— וועמען זוכט איר? האָט איטשע ברוינער אים אַ פרעג געטאָן.

— כ'וויל שפּילן אַ שאָך, האָט דער פרעמדער אַן אָנגעכמורעטער געענטפערט.

— אָט האָט איר אַ שאָך־מייסטער, האָט איטשל ברוינער געזאָגט און געוויזן אויף יעדוואָבן.

דער פרעמדער ייד האָט יעדוואָבן אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס ווי ער וואָלט אים געוואָלט אויסשמעקן מיט זיינע אויגן.

יעדוואָב האָט באַלד אויפגענומען דאָס שקאָצישע שפּיל. ער האָט אויפן פרעמדן אויסגעשטעלט אַ פּאָר בייזע חוצפּהדיקע אויגן ווי אויך ער וואָלט זיך פאַרנומען צו פאַרצ׳קן זיין קעגנער.

די דאָזיקע אַרויספאָדערנדיקע האָפערדיקע בליקן האָבן דעם ייד מיט אַמאָל איבערצייגט אַז ער האָט דאָ געטראָפן דעם אמתן העכט אין די וואַסערן פון שאָך.

— מאַכט איר אַ פּאַרטי? האָט דער פרעמדער טרוקן געפרעגט.

— פּאָר ווייניקער ווי צען רובל אַ פּאַרטי ריר איך זיך נישט מיט קיין פינגער, האָט הערשל יעדוואָב געענטפערט מיטן גרויסן ירגזון.

ווי עס זעט זיך אויס האָט אין דעם פרעמדן ייד געפלאַקערט דער שאָך־יצר־הרע און ער איז באַשטאַנען.

הערשל יעדוואָב האָט אַ באַהאַלטענעם קוק געטאָן אויף די קינסט־לער און אַ ממזרישן פינטל געטאָן מיט די אויגן ווי איינער זאָגט: איר האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ שיינער בלאָטע. איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין שאָך־פיגור אין דער האַנט און קוק אויפן שאָך־ברעט ווי אַ האָן אויפן בני־אָדם. נאָר ניש־קשה, איך וועל שוין דעם צעיאַכמערטן שאָך־ייד אָנטאָן דעם ריכטיקן ספּאָדיק. זאָגט מיר נאָר וואָס כ׳האָב צו טאָן.

מען האָט אים אין דער שטיל אונטערגעשעפּטשעט אַז ער זאָל גאָר־נישט טאָן סיידן ביי די ערשטע צוויי גענג נאָכקאָפּירן אַלצדינג וואָס דער שאָך־שפּילער טוט.

אַלע קינסטלער׳ האָבן זיך איבערגעזעצט צו די טישלעך אין „קלוב־שבמטי״. יעדוואָב און דער שאָך־ייד האָבן זיך אַוועקגעזעצט איינער קעגן אַנדערן ווי אָנגעבלאָזענע הענער. איבערהויפּט האָט יעדוואָב זיך אָנגע־בלאָזן מיט גרויסער האָפערדיקער רוגזה און געקוקט אויף זיין פּאַרטנער מיט אַ פּאָר בייזע פאַרצוקנדיקע אויגן ווי ער וואָלט אים שוין געוואָלט אויפעסן אַ לעבעדיקן און ער האָט די צען רובל שוין ביי זיך אין טאַש.

יעדוואָבס זעלבסטזיכערער ירגזון האָט נאָך מער דעם שאָך־ייד איבערגעצייגט אַז ער האָט דאָ פאַר זיך דעם אמתן טשעמפּיאָן און מען מוז זיך ניש־קשה היפּש אונטערגאַרטלען.

חברה האָט אויסגעשטעלט די שאָך־פיגורן כדי נישט צו פאַרראַטן

אַז יעדוואָב ווייסט דאָ נישט פון זיין הענט און פיס. דער ייד איז געגאַנגען דעם ערשטן צוג.

יעדוואָב האָט געקוקט אויפן שאָך־ברעט מיט אַ פּאַרטיפּטקייט ווי ער וואָלט שוין געהאַט אַריינגעדרונגען אין אַלע עמקותן פונעם שפּיל. ער האָט געקוקט זעם פרעמדן ייד אויף די פינגער און אויך געדרוקט דאָס ערשטע פּענדל.

ביים צווייטן פּענדל האָט ער נאָך נישט פאַרלוירן דעם פאָדעם. ווען דער שאָך־שפּילער האָט געמאַכט דעם דריטן צוג האָט יעדוואָבן אויסגעפּעלט אָטעם און אין קאָפּ איז אים געוואָרן מטושטש. ער האָט זיך נישט געכאַפּט אויף קיין ענלעכע פיגור מיט וועלכער ער זאָל אויך פּונקט אַזוי באַוועגן. ער האָט אַנגעקוקט זיין פּאַרטנער מיט נאָך אַ גרעסערן ירגזון. יענער האָט געוואַרט אַז יעדוואָב זאָל מאַכן אַ צוג און מיט אַ פּאַרעקשנטער רואיקייט געקוקט אויפן שאָך־ברעט. אויך יעדוואָב האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויפן שאָך־ברעט. די פיגורלעך אין זייז זייט זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט ווי קליינע לעבעדיקע לצים וואָס האָבן שקאָצישע און זאָטע צו אים געשמייכלט און זיך גערייצט מיט אים: אָנו כאַפּ אונדז.

יעדוואָב האָט זיך געקראַצט אין קאָפּ. ער האָט געפילט ווי דער פּאַרטנער קעגנאיבער אים וואַרט אַ פינצטערער. ער האָט נאָך אַמאָל איבערגעקוקט די פיגורלעך. ער האָט געזען דאָס סאַמע גרעסטע פיגורל, דעם מלך־שאָך (יעדוואָב האָט נישט געוואוסט ווער איז) שטייט אַ חוצפּה־דיקער און ווי אַן אָנגעפּרעסענער מיט אַ קיילעכדיק קריינדל אויפן קאָפּ הינטער דער שורה פון זיינע קליינע הילצערנע משרתימלעך. יעדוואָבן האָט מיטאַמאָל אָנגעכאַפּט אַ כעס אויף דעם קליינעם באַקרוינטן לצל. ער האָט אים אַ נעם אָנגעטאָן פאַר דער קרוין און אים האַסטיק אוועק־געשטעלט אינמיטן זעם שפּיל־פעלד.

וואָס עס איז ווייטער געשען איז ממש שווער צו דערציילן. יעדוואָבס פּאַרטנער, דער שאָך־ייד, האָט געמיינט, אַז דער גאַנצער קאָסמאָס איז פּלוצעם אַראָפּ פון זינען און צערייסט די פּענטעס פון די אייביקסטע געזעצן. צום ערשט איז ער בלייך געוואָרן ווי דער טויט און אַ קוק געטאָן אויפן שפּיל־פעלד מיט אַ פּאַנישער שרעק. דאַן האָט ער אַ ריס־אויף

געטאָן דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן אויף יעדוואַבן. יעדוואַב איז געזעסן אַקעגנאיבער אים און אים אָנגעגלאָצט מיט די אויגן פון אַ בלוטיקן גזלן.

חברה קינסטלער האָט אויסגעבראָכן מיט אַ שאַליק געלעכטער און צוריק געגאַנגען מיטן טריאומפירנדיקן הערשל יעדוואַבן צו די קינסטלע־רישע טישלעך. דער שאָך־ייִד איז נאָך אַ ווײַלע געזעסן און אַ צעטומלטער געקוקט אויפן שפּיל־פּעלד וואו דער מלך איז נאָך אַלץ געשטאַנען אינ־מיטן ווי אַן אָפּשפּעט אויף אַלע סדרים אין דער וועלט. יפה איז אַ פאַר־כמורעטער צוגעקומען און בייז געקוקט אויף דעם גייסטיקן חורבן אויפן שאָך־ברעט. ענדלעך האָט זיך דער ייִד אויפגעהויבן און אַ צעיאַכמעטער ארויס פון דער „וועגעטאַ״.

די באַציאונגען צווישן די לאָדזשער קינסטלער און די שאָך־שפּילער פונעם „קלוב שכמטי״ זײַנען פון דעמאָלט אָן געוואָרן נאָך אָנגעצויגענער.

# קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

פּרץ אין לאָדזש. לאָדזשער מאָלער פּלאַטערן אַרום פּרצן. שמעון קראַטקע מאַכט אַן אַנטדעקונג. אין בלעכער־קעלער ביי משה מענדזשיצקי. פראַנצויזישע שול. איי, משה, משה, וואָס טויגן דיר די נאַקעטע שיקסעס?

פרץ פלעגט אָפט קומען קיין לאָדזש צו האַלטן עפנטלעכע פאָרלעזונגען אויף ליטעראַרישע טעמעס. זיינע פאָרלעזונגען האָבן אין לאָדזש געהאַט גרויס דערפאָלג און מען איז מאַסנווייז געקומען אים הערן. דער רום פון פרצן און די ערפורכטיקע באַציאונג צו אים, דער אימפּראָוויזירנדיקער אופן פון פרצעס לעקציעס, דער שוואונג און די שיינקייט פון די זאַצן און געדאַנקען, ווי אויך דער כישוף פון זיין קול האָט אויפגעציטערט אַלעמענס הערצער. יעדעס מאָל ווען פרץ איז געקומען קיין לאָדזש איז עס געווען אַ יום־טוב. מען האָט אים אויפגענומען ווי אַ ליכטיקן אוצר. ווען ער האָט זיך באַוויזן אין גאַס זיינען אַ סך יונגע מענטשן אים נאָכגעגאַנגען און געוויזן אויף אים, געוואָלט הערן פון אים אַ וואָרט.

ס׳רוב האָט פרצעס פאָרלעזונגען אין לאָדזש אָראַנזשירט די קולטור־געזעלשאַפט „הארפע". ס׳איז געווען אַ לעגאַליזירטע געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן יידישע קולטור און מוזיק פונקט ווי דער ציוניסטישער „הזמיר". נאָר די „האַרפע" איז געווען אַ פּראָלעטאַרישע און דורכאויס אַ קעמפעריש־יידישיסטישע. הינטער דעם דאָזיקן לעגאַלן קולטור־פאַראיין איז אומלעגאַל געשטאַנען דער „בונד". אין די אויגן פון דער צאַרישער פּאָליציי איז די „האַרפע" געווען ווי אַ דאָרן, און ס׳זיינען דאָרט אָפט פאָרגעקומען אַבלאַוועס און רעוויזיעס. אָבער דער „בונד" האָט געוואוסט אָפּצוהיטן פון אַ „בייז אויג" דעם דאָזיקן קולטור־רעוואָלוציאָנערן פאַרפאַסטן. די „האַרפע" האָט טאַקע געפירט אַ גרויסע קולטור־אַרבעט צווישן די יידישע מאַסן אין לאָדזש, און זי פלעגט דאָס אָראָפּברענגען פרצן און אָראַנזשירן זיינע לעקציעס.

אין לאָדזש האָט פּרץ געוואוינט אין איינעם פון די בעסטע האָטעלן, אין האָטעל „מאַנטייפל״. אַ גאַנצן טאָג האָט די טיר ביי אים נישט גערוט. פּרץ האָט געהאַט שוואַכקייטן פאַר לאָדזשער יוגנט און לאָדזשער שטייגער און ער איז צו אַלעמען געווען אַ סך מער צוגעלאָזענער ווי אין וואַרשע. אַזוי ווי איך האָב שוין דערציילט, האָבן אויך די מוזעס ליב געהאַט די שטאָט לאָדזש און עס האָט דאָרט געווימלט מיט יונגע טאַלאַנטן, אומעטום זיינען שרייבער און דיכטער געוואַקסן ווי די שוואָמען און מען איז געקומען צו פּרצן מיט שאַפונגען. אין וואַרשע איז פּרץ געווען שטרענגער און טיילמאָל געהאַט גאָר ביטערע ווערטער פאַר דער ליטעראַרישער קראַ־פּיווע, די אַזוי גערופענע גראַפאָמאַנען, וואָס וואַקסן ווי אומגליקלעכע נפשות אויפן פעלד פון יעדער ליטעראַטור און באַלאַנגען אויך צו איר אינווענטאַר און צו איר קולטור. עס באַווייזט נאָר די איינפלוסן פון דער ליטעראַטור אויפן לעבן, ווען דאָס לעבן רעאַגירט מיט גראַפאָמאַנען. די לאָדזשער גראַפאָמאַנען האָבן צו פּרצן געהאַט אַ באַזונדערע הצלחה. ער האָט זיי כמעט אַלעמען אויפגענומען זייער וואַרעם און געדולדיק געלייענט זייערע כתבים. טאָמער האָט ער געזען אַ פונק טאַלאַנט האָט ער געמונטערט. אַזוי ווי פּרץ האָט דעמאָלט רעדאַגירט זאַמלביכער, האָט ער אויסגעטיילט האָנאָראַר אויף אַלע זייטן ביד רְחבה. ער האָט עס געטיילט פון דער איי־גענער קעשענע, און וויפל מ׳זאָל פּרצן נישט האָבן באַצאָלט פאַר אַ פאַרלעזונג איז ער שטענדיק פון לאָדזש אַוועקגעפאָרן אָן אַ גראָשן. ער האָט די לאָדזשער שאַפונגען כמעט קיינמאָל נישט געדרוקט.

נאָר דער עיקר האָט זיך פּרץ אָפּגעגעבן מיט לאָדזשער מאָלער.

וואַרשע האָט געקאַרגט מיט יידישער מאָלעריי. לאָדזש האָט אויך אין דעם זאַזיקן פּרט געשיט מיט אויסטערלישער שפע. וואַרשע האָט אַחוץ קראַטקאָן, געהאַט ווייניק יידישע מאָלער וואָס האָבן זיך געזאַמלט אַרום פּרצן און אים געוואָלט מיטהעלפן אין דעם ווערק פון יידישער רענעסאַנס. לאָדזשער מאָלער האָבן געפלאַטערט אַרום פּרצן מיט דעם אימפּעט פון אָדלערס. פּרץ גופא האָט געהאַט ווייניק פאַרשטענ־דעניש פאַר דעם אייגנטלעכן וועזן פון מאָלעריי. אים האָבן גערייצט אירע ליטעראַרישע מאָטיוון און אירע נאַראַטיווע און דעקאָראַטאַרישע שיינ־קייטן. אין דעם דאָזיקן פּרט ד״ה אין די צען מאָסן פון ליטעראַרישער

עלאַקוועניָ, זיינען די לאָדזשער מאַלער ווייט נישט געבליבן הינטערשטע־ליק. ווען איטשל ברזינער האָט אָנגעהויבן פאַנאַנדערצוּוויקלען פאַר פרצן די געוואַלדיקע לייוונטן פון זיינע מאַלערישע פּלענער און אים געוויזן צענדליקער פאַפּירלעך אויף וועלכע די דאָזיקע פּלענער זיינען געווען סקיצירט מיט בלייפעדער, האָט זיך פרץ צוגעהערט און ערנסט באַקוקט די פאַפּירלעך. די דיכטערישע פאַנטאַזיע האָט זיך דאָ פאַרנומען אַנצוטאָן אין גאָלד און אין זילבער.

פרץ פלעגט אַמאָל מיטצוברענגען שמעון קראַטקאָן קיין לאָדזש. אין דער אמתן געזאָגט, האָבן די לאָדזשער מאַלער נישט גערן געזען אָט־אָ־דעם וואַרשעווער גאַסט. שמעון קראַטקאָ האָט געהאַט די טיפסטע פאַר־שטענדעניש פאַר דער פּלאַסטישער קונסט. ער האָט שוין געהאַט אַ סך געזען און אים האָבן וויניק אימפּאָנירט די אַלע פליען אין די הימלען וואָס באַוויזן נישט אָנצונעמען פאָרם און געשטאַלט. איינמאָל ווען קראַטקאָ איז געקומען מיט פרצן קיין לאָדזש, האָט ער אינמיטן טאָג אויפגעפּראַלט די טיר פון פרצעס האָטעל־צימער. ער איז אַריינגעקומען מיט אַ הויכן דאַרן יונגנמאַן. דער יונגערמאַן האָט געהאַט אַ שאַרף ביינערדיק פּנים מיט פרישטשעס, און אָפענע גרויסע העל־בלויע אויגן וועלכע זיינען כמעט ווי נישט געווען באַברעמט.

— פרץ! האָט קראַטקאָ אויסגעשריען מיט התפעלות, איך האָב דאָ געפונען אין לאָדזש אַ גרויסן מאָלער, ער איז אָקערשט געקומען פון פּאַריז. זיין טאַטע איז אַ בלעכער און זיי וואוינען אין אַ קעלער אויף צעגלאַנע. איר מוזט גיין אָנקוקן די בילדער. ביי משה מענדעזשיצקין וועט איר זען וואָס עס הייסט מאַלעריי.

משה מענדעזשיצקי האָט שאַרף אָנגעקוקט פרצן. ער האָט אים ס׳ערשטע מאָל געזען, הגם ער איז געווען באַרוישט פון פרצעס רום, פונ־דעסטוועגן איז יעדעס געפיל ביי אים אַרויסגעקומען קאַנטיק און ביטער. ער האָט נישט געקאָנט אַרויסווייזן קיין סענטימענטן, כאָטש אין תוך איז ער געווען סענטימענטאַל. ער האָט געשטאַמט פון אַ קעלער און פון אַ משפחה פון שווערע האָרעפּאַשניקעס, יידן וואָס האָבן געשניטן בלעך, און פלעגן אין די לאַנגע זומער־טעג ס׳רוב פאַרברענגען אויף די דעכער איבער לאָדזש. זייער אַרבעט איז געווען אָדער אין קעלער אונטער לאָדזש אָדער אין די הויכעניש איבער לאָדזש.

עס איז געבליבן אַז נאָכמיטאָג וועט קראָטקאָ פּרצן אַהין פירן אין קעלער פון מענדעזשיצקיס עלטערן, כדי צו זען די בילדער. פּרץ האָט מיך מיטגענומען, און מיר זיינען אַלע דריי אַוועק אויף צעגלאַנע.

שמעון קראָטקאָ האָט אונדז צוגעפירט צו אַ הויז. פון קעלער־פענצ־טערלעך, וואָס האָבן פון אונטן אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס ווי אַ שורה אויפגעהויבענע אויגן, האָט מען געהערט אַ כסדריקן געקלאַפּ מיט האַמערס. פון טויער האָבן אין דעם דאָזיקן קעלער אַריין אַראָפּגעפירט קליינע שמאָלע טרעפּ. מיר זיינען אַראָפּגעגאַנגען. קראָטקאָ האָט געעפנט די טיר און מיר זיינען אַריינגעקומען אינמיטן אַ בלעכער־וואַרשטאַט.

עטלעכע אַרבעטער האָבן געשניטן בלעכן און געהאַקט מיט האַמערס. אַן עלטערע יידענע אין אַ שלאָף־קופּקע האָט זיך אַרומגעדרייט אין קעלער. זי האָט געהאַלטן אַ טאָפּ אין דער האַנט. די לופט איז געווען אַ דעמפּיקע פון בלעך און שטויב. דערזעענדיק פרעמדע מענטשן איז די יידענע גע־בליבן שטיין מיטן טאָפּ אין דער האַנט און אַריינגעשריגן אין אַן אַפּע־נער טיר אַריין:

— משה! מען איז געקומען צו דיר.

— כ׳גיי שוין מאַמע, האָט מען געהערט מענדעזשיצקיס קול פון אינע־ווייניק. ער איז אַרויסגעקומען מיט אַ פּאַק לייוונטן. די אַרבעטער האָבן געהאַקט איבער די אויסגעשפּרייטע בלעכן. עס האָט מיך געוואונדערט וואָס זיי האַקן מיט האַמערס ווען פּרץ איז דאָ ביי זיי אין קעלער. זיי האָבן אים מן־הסתם נישט געקאַנט.

משה מענדעזשיצקי האָט אונדז צוגעפירט צו אַ פענצטער וואו עס איז ליכטיקער. פון אויבן האָט מען געזען אַ ראַשיקע באַוועגונג פון אַלערליי באַשוכטע פיס, וואָס זיינען געגאַנגען אַהין און צוריק פאַרן פענצטער, און עס האָט אויסגעקוקט ווי אַ געגיי פון אויסטערלישע ברואים. אין קעלער האָבן געקלאַפּט די האַמערס. אין דער ליכטיקייט פונעם פענ־צטער האָט משה מענדעזשיצקי פאַר אונדז אויסגעשפּרייט זיינע לייוונטן.

זיי האָבן אין זיך גאַרנישט געהאַט פון דעם פּרימיטיוון מנחם־מענדלשן פלי און פון די „מאָנומענטאַליטעטן" פון די היימישע לאָדזשער מאָלער. ס׳איז געווען די פּראָנצויזישע שול פון מאָלן, וואָס דאָס לאָדזשער פּראָלעטאַרישע קינד משה מענדעזשיצקי האָט אין זיך איינגעזאַפּט אין

פאַריז. אַ מענגע מאַלערישע קולטור און אַ שאַרף אויג פאַר פאַרב און צייכענונג. משה מענדעזשיצקי האָט פאַרביסן געשוויגן ווען ער האָט אונדז געוויזן זיינע לייוונטן. גערעדט האָט שמעון קראַטקאַ, גערעדט מיט גרויס קענטשאַפט און באַוואונדערונג און אונז דערקלערט די מאַלערישע וואַלאָרן און די ראַפינירטע פראַנצויזישע קולטור פון די בילדער. נישט ווייט פון אונדז איז געשטאַנען משהס מאַמע מיטן טאָפּ אין דער האַנט. אויך זי האָט געכאַפּט אַ קוק אין די בילדער. ווען משה מענדעזשיצקי האָט אונדז געוויזן אַ סעריע צייכענונגען פון מענלעכע און ווייבערישע אַקטן, אַלע געצייכנט מיט ראַפינימענט און לייכטקייט, האָט די יידענע געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— איי משה, משה, וואָס טויגן דיר די נאַקעטע שיקסעס? בעסער וואָלסטו געוועזן אַ בלעכער ווי דער טאַטע און געאַרבעט אויף די דעכער. אַ שיינער תכלית ווערט פון די היינטיקע קינדער.

# קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

מיט פּרצן אין זיידן ברוכס קאַטש אויף די דלוטאַ־ווער וועגן. האַלט איין פעדערו מיר פאָרן אַריין אין דלוטאַוועד סאַד. שפּאַצירן אין די וועלדער. ביינאַכט רייסן מיר אוגערקעס. פּרץ ווייזט זיינע קולינאַרישע קענטענישן. פּרץ שרייבט ביים זיידן ברוכס טיש.

באַלד ווי די ביימער האָבן זיך נאָר פאַנאַנדערגעבליט אין פרילינג־צייט בין איך אַרויסגעפאָרן קיין דלוטאָוו. מיינע עלטערן זיינען פאַר־בליבן אין לאָדזש און איך מיט חנהן זיינען געווען די איינציקע באַלע־באַטים איבער דעם גאַנצן פריצישן „הויף“. אויף שבועות האָבן מיר באַשטימט צו פאַרבעטן פרצן מיט זיין פרוי צו גאַסט צו אונדז אין דאָרף.

פרץ האָט באַדאַרפט אָנקומען אויף דער באַן־סטאַנציע פּאַביאַניץ. איך בין אַקעגן געפאָרן צו דער סטאַנציע אויף איינע פון אונדזערע שענסטע קאַטשן. ווען דער וואַרשעווער צוג איז אָנגעפאָרן, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אַחוץ פרצן מיט זיין פרוי איז אויך שמעון קראַטקאָ מיטגעקומען צו־פאָרן צו גאַסט.

איך האָב מיך אויסערגעוויינטלעך דערפרייט פון דער דאָזיקער אָנ־גענעמער איבערראַשונג.

פרץ מיט זיין פרוי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויבנאָן אין דער אַלטער פריצישער קאַטש. אין זיין ברייטער פעלערינע און מיט די געדיכטע גרויע וואָנצעס האָט פרץ אויסגעקוקט אין דער קאַטש ווי אַ פאַרצייטישער פוילישער שליאַכטשיץ. דער דלוטאָווער גוי האָט פאַר אים ערפורכטיק אַראָפּגענומען דאָס היטל. ער האָט געגלייבט אַז ער פאָרט דאָ מיט אַ גרויסן שליאַכטישן מאַגנאַט. איך מיט קראַטקאָן האָבן זיך געזעצט אַקעגנאיבער. דער גוי האָט ספּעציעל געטאָן אַ הויכן קנאַל מיט דער בייטש ווי מען טוט עס ווען מען פאָרט מיט זייער אַ חשובן פּאַן. די צוויי פריצישע קאַרע דלוטאָווער פערד האָבן זיך געטאָן אַ נעם פון אָרט.

מיר זיינען געפאָרן איבער די באַקאַנטע פוילישע לאַנדשאַפטן וועלכע

זיינען מיר געווען אַזוי טיף איינגעבאַקן אין האַרצן און וועלכע זיינען גע־לעגן אין מיין בלוט פון מיין פריסטער יוגנט. אויף דעם דאָזיקן וואונ־ז׳ערלעך־אידילישן וועג פון פּאַביאַניץ קיין דלוטאַוו בין איך דאָס ערשטע מאָל געפאָרן אין אַ פרילינג־נאַכט ווען די סעדער האָבן געשמעקט און אין די וויטקייטן האָבן געפינקלט ליכטלעך אין די פּויערישע הייזלעך. איך בין אויף אים געפאָרן מיט מיין פאָטער צום רבין קיין אַלעקסאַנדער, און אַ סך מאָל מיטן זיידן ברוך. יעדער בוים איז מיר געווען באַקאַנט, און יעדעס וואָסערל אויפן וועג. דאָס אַלטע יידישע לעבן אין פּוילן, וועל־כעס איך האָב איינגעזויגן מיט מיין מאַמעס מילך, האָט זיך פאַר מיר געביטן צוזאַמען מיט מיינע געדאַנקען און מיט אַלע מיינע האָפענונגען אויף אַ נייער יידישער צוקונפט. אויף דער זעלביקער פּריצישער קאַטש, וואָס האָט נאָך באַלאַנגט צו די קאַמאַצקיס און אויף וועלכער ס׳איז גע־פאָרן דער זיידע ברוך און אַ סך פון זיידן ברוכס אַלטע פּוילישע יידן, זיצט איצטער י. ל. פּרץ דער טרוימער און בויער פון דער נייער מאָדער־נער קאָנסטרוקציע פון יידיש לעבן און יידיש שעפערישקייט. די גאָלדענע קייט פון פּוילישע יידן פאַרוונגט זיך. זי ווערט ליכטיקער און רייכער און פאַרנעמט זיך צו ציען מיט דער פולסטער שפע ווייטער און ווייטער אין דער יידישער צוקונפט אריין.

די דלוטאַוווער קאַטש אויף די פּוילישע וועגן פון מיין יוגנט טראָגט איצט דעם נייעם יידישן דור — נאָר אַך — ווער האָט געזאָלט וויסן און ווער האָט צומאָל געקאָנט אָנען אַז נישט מער ווי מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר שפּעטער וועט אַ בלוטיקער שטורעם־ווינט פון מענטשלעכער רשעות אוועקקערן אָט די אַלע וואונדערלעכע יידישע דורות אויף דער פּוילי־שער ערד, און פון אַלע האָפענונגען איבערלאָזן אַ באַרג אַש און וויסטע חורבות. האַלט איין פערדער, האַלט איין דעם טרויער. טו אויף אַ ווייל אָפּ דעם פינצטערן וואָלקן פון דעם געמיט פון אַן איינזאַמען ייד אין די פרעמדקייטן פון די נייע וועלט־קאָנטינענטן. דעמאָלט האָבן נאָך געבליט אַלע פרילינגען אין פּוילן. יידיש לעבן האָט נאָך פול געמאַכט מיט טיפער שפע אַלע פּוילישע לאַנדשאַפטן.

מיר האָבן זיך געטראָגן איבער די וועגן קיין דלוטאַוו. פּרץ האָט געשוויגן. בלויז שמעון קראַטקאַ האָט נישט אויפגעהערט אויסצודריקן

זיין אַנטציקונג. ער האָט זיך שוין געהאַט אָנגעזען אַ וועלט. ער האָט גוט געקאַנט פראַנקרייך, איטאַליע, מצרים און איבערהויפּט ארץ־ישראל, — און ער האָט נישט אויפגעהערט צו זאָגן אַז די שענסטע לאַנדשאַפטן וואָס ער האָט געזען זיינען די לאַנדשאַפטן פון פוילן. די סאָסנע און די פיכטע זיינען סודותדיקער אין זייער וואוקס, אין זייער רוישן און אין זייער טונקלקייט ווי די העכסטע פּאַלמע פון מזרח. אין דער ווייסער בעריאָזע האָט ער געזען מער שטילקייט און צניעות ווי אין דעם שלאַנקן ציפּרעס־בוים. בכלל האָט ער גערעדט וועגן די קאָלירן פון די פּוילישע לאַנד־שאַפטן מיט טערמינען פון גרויסער מאָלערישער קענטשאַפט.

ווען מיר זיינען אַריינגעפאָרן אין אַלטן דלוטאָווער סאָד איז ער גע־שטאַנען איינגאַנצן אַ צעלויכטענער אין דער זון. אַ סך פון די ביימער האָבן נאָך נישט געהאַט אָראָפּגעוואָרפן דאָס בליעכץ. אַלצדינק האָט גע־שמעקט. די פייגל האָבן געזונגען. די פערד זיינען גאָר האַפערדיק געלאָפן אויפן היימישן וועג. באַלד האָט זיך געוויזן דער רחבותדיקער בנין פון פריצישן „הויף". ווען מיר זיינען פאָרפאָרן פאַרן גאַניק איז שוין חנה דאָרט געשטאַנען אַ צעשמייכלטע און געוואָרט אויפצונעמען די טייערע און זעלטענע געסט.

---

פרצן מיט זיין פרוי האָבן מיר איינקוואַרטירט אין דער שלאָף־שטוב פון זיידע ברוך. די פענצטער זיינען דאָרט אַרויסגעגאַנגען אויף בארנע־בי׳מער. אין דער פריצישער עס־שטוב פון די אַלטע קאָמאַצקיס איז געווען געגרייט צום טיש מיט אַ שפע פון דלוטאָווער מעדנים, מילעכדיקס און גרינוואַרג. קראַטקאָ האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן אין שטוב און ער איז אַרויסגעלאָפן אין דאָרפישן אינדרויסן. דאָס געקוואָקעריי פון די הינער און דאָס געכאָלדער פון די אינדיקעס אינדרויסן האָבן אים נישט געלאָזט איינזיצן אין שטוב. מען האָט אים קוים אַריינבאַקומען צום עסן. נאָכן עסן איז פאָרפאָרן אַ בריטשקע פאַרן גאַניק ווי אויך צוויי אָנגע־זאָטלטע פערד. מען האָט געזאָלט פאָרן שפּאַצירן און וויזן די געסט די דלוטאָווער וועלדער. פּרץ מיט זיין פרוי און מיט חנהן האָבן זיך אַריינ־גזעצט אין דער בריטשקע. איך מיט קראַטקען האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויף די פערד, — און אַזוי זיינען מיר אַוועקגעפאָרן אויף אַ גאַנצן טאָג.

מיר זיינען ערשט אהיים געקומען ווען עס האט אנגעהויבן צוצופאלן די לינדע פרילינג־נאכט. די טויען האבן זיך אנגעהויבן צו לייגן אויף די גרעזער. די פרעש האבן געקוואקעט אין די ווייטקייטן. אינעם „הויף" האבן שוין געברענט די לאמפן. מיר אלע זיינען געווען גוט הונגעריק. פרץ, וואס האט געהאט א שוואכקייט צו ווייזן זיינע קולינארע קענטענישן, האט געזאגט אז ער וויל אונדז אלעמען מאכן אן איבער־ראשונג, און דעריבער לייגט ער פאר אז מיר זאלן אלע בייזאמען, טאקע אינעם אויפדערנאכט, גיין אין סאד אריין רייסן די טויאיקע אוגערקעס.

מען האט אנגעצונדן א גרויסע לאמטער און מיר זיינען ארויסגעגאנגען אינעם ביינאכטיקן סאד. קראטקא האט געטראגן די לאמטער. דער סאד האט שטיל גערוישט. דיביימער און די ערד האבן געשמעקט מיט פייכקייט און מיט ריחות. די גרינצייגן זייגען געוואקסן ווייט ערגעץ אין סאד. ווען מיר זיינען אהין געקומען האבן זיי אונדז אקעגן געשמעקט פון די טונקלקייטן מיט א יונגער שארפער פרישקייט. זיי זיינען געווען פייכט פון די טויען און זיי האבן אויסגעקוקט, ווי ערשט אין דער טונקלקייט פון דער נאכט זייגן זיי מיט א באזונדערער גיריקייט די זאפטן פון דער ערד און זיי וואקסן אין די גערוישן פון דער נאכט ווי טונקעלע באשע־פענישן. די בלעטער אונטער וועלכע די אוגערקעס זיינען געווען באהאלטן האבן געשארכט אונטער אונדזערע הענט. קראטקא האט צוגעלויכטן מיט דער לאמטער, און מיר האבן אנגעריסן א פולן קויש מיט אוגערקעס.

אינדערהיים האט פרץ זיך געהייסן דערלאנגען סמעטענע, פעפער און נאך אלערליי צוגאבן. ער האט אליין מיט א מעסער געשניטן די אוגערקעס, זיי באגאסן מיט סמעטענע און באשיט מיט פעפער. ער האט געזאגט, אז עס איז פון די פיקאנטסטע דעליקאטעסן. צי עס איז טאקע אזוי געווען געדענק איך נישט.

שפעטער האבן מיר זיך אלע אוועקגעזעצט אויפן גאניק, און געהערט דאס שטילע רוישן פון סאד אין דער נאכט. פרץ איז פארבליבן אין שטוב. ער האט זיך אוועקגעזעצט ביים זיידע ברוכס טיש און גענומען נאך אמאל איבערארבעטן זיין „ביינאכט אויפן אלטן מארק".

## קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

כ׳גרייט מיך אַרויסצוגעבן מיין טרשט ביכל נאָ־
וועלן און כ׳גרייט מיך קיין ארץ־ישראל. האָפֿענונגען,
בעל־מחשבות רייסט מיך אַרונטער. מעדיטאַציעס פֿון
אַ שריפֿטשטעלער.

כ׳האָב מיך געגומען אַרויסצוגעבן מיין ערשט ביכל נאָוועלן. פּרץ האָט זיך צו דעם פּלאַן אַרויסצוגעבן מיינס אַ ביכל נאָוועלן, באַצויגן מיט סימפּאַטיע. ער האָט אַפילו קראַטקאָן פאָרגעשלאָגן צו צייכענען די הילע און אים געגעבן פּאָר אַ מאָטיוו עפּעס אַזוינס ווי פליגלען פון אַן אָדלער וואָס האַלטן זיך ביים פאַרשפּרייטן. פון דער הילע איז גאָרנישט געוואָרן. מיין ביכל נאָוועלן „פון דער נאַטור״ האָט זיך אָנגעהויבן צו דרוקן. טעכניש פאַרנומען דערמיט האָט זיך ש. ל. קאָווע. עס איז אַרויס פון דרוק — לויט יענע צייטן — ווי אַ לוקסוס-אויסגאַבע.

צוגליך מיט דעם וואַרטן אויף דעם דערשיינען פון מיין ערשט ביכל, האָב איך מיך אָנגעהויבן גרייטן אויף אַ נסיעה קיין ארץ-ישראל. ס׳זיינען געווען אַ סך טעמים וואָס האָבן מיך געצייגט צו דער דאָזיקער נסיעה. איך בין שוין דעמאָלט אַ סך מאָל געהאַט געווען אין אויסלאַנד און אַ ביסל זיך אָנגעזען מיט דער וועלט. כ׳האָב אויך געוואָלט זען דעם אָריענט און דער עיקר אַ קוק טאָן אויף ארץ-ישראל. דער קולט פאַר ארץ-ישראל איז געלעגן אין בלוט פון מיין פאָטערס משפחה. ער האָט באַלאַנגט צו די רעקוויזיטן פון דער גמרא און צו דער גאַנצער אַלטער אַטמאָספערע פון יידישע לעבנס-פאַרשטעלונגען אין וועלכע מיר האָבן געלעבט. די באָבע בלימעלע אַליין איז געווען געגוג אויף פול צו מאַכן אונדזער משפחה מיט דער יידיש-עקזאָטישער און לעגענדאַרישער לופט פון ארץ-ישראל.

אין די דאָזיקע צוויי דערוואַרטונגען, צו זען די לאַנדשאַפטן פון

תנ״ך און צו זען מיין ערשט ביכל, האָב איך אין אָט־אָ־דער צייט געלעבט. פון זיי האָב איך געהאַפּט אַ געוואַלדיקע פּרוכטבאַרע שינוי אין מיין לעבן. נייע קוואַלן צו שעפּן מוט און פּערספּעקטיוון. אַז מיין ביכל וועט האָבן דערפאָלג בין איך געווען זיכער. פּרצעס סימפּאַטיע איז פאַר מיר געווען די בעסטע גאַראַנטיע אַז קיינער אין דער יידישער קריטיק וועט זיך נישט אונטערשטיין צו האָבן אַן אַנדערע מיינונג וועגן מיין ערשט ביכל. אַז מען וועט עס גאָר אַרונטעררייסן איז מיר ממש נישט געקומען אויפן זינען.

איך האָב מיך געגרייט צו דער נסיעה קיין ארץ־ישראל און דער־ווייל יעדן טאָג געקוקט אין דער פּרעסע צו זען די ערשטע שוואַלבן פון לויב און רום. די שוואַלבן האָבן זיך נישט געאיילט צו ברענגען אין זייערע שנאָבלען די לאָרבער־בלעטער. איך האָב שוין געהאַט די שיף־קאַרטן און בין אַריינגעפאָרן קיין וואַרשע זיך צו געזעגענען מיט פּרצן. עס איז געווען דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב אים געזען. פּרץ איז דאַן געווען צו מיר באַזונדערס האַרציק. ער האָט מיך באַגלייט ביז צו דער טיר און זיך מיט מיר צעקושט. הגם פּרץ האָט זיך זייער זעלטן צעקושט מיט עמעצן פון זיינע מקורבים.

דער טאָג פון דעם אָוועקפאָרן אויף דער גרויסער נסיעה האָט זיך דערנענטערט און די פייגל זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען אויף די דעכער און מיר נישט געבראַכט קיין רעצענזיעס. איך האָב געלעבט צווישן צוויי אומרואיקייטן, צווישן ארץ־ישראל און די ענדגילטיקע ליטעראַרישע אַנערקענונג פון דער אָפּיציעלער קריטיק. יעדן אינדערפרי בין איך צו־געפאַלן צו די בלעטער פון דער יידישער פּרעסע און געזוכט. דערווייל נישטאָ. כ׳האָב מיך געטרייסט מיטן געדאַנק, אַז מן־הסתם שאַרפן די קריטיקער די פּען און זיינען כסדר פאַרנומען מיטן געדאַנק ווי אַזוי מיר אויסצוטיילן די אַנערקענונג מיטן פולן שעפל.

איינמאָל אין אַ פרייטיק שוין גאָר האַרט פאַר דעם טאָג פון מיין אָוועקפאָרן, — איך גיב מיך אַ וואָרף אויפן פעקל פּרעסע צו זוכן די רעצענזיעס, איך טו אַ מיש אויף דעם „פריינד“, די חשובסטע און ליטע־ראַרישסטע צייטונג. עס טוט מיר אַ פינקל פאַר די אויגן.

בעל־מחשבות האָט דאַן יעדע וואָך געשריבן דעם ליטעראַרישן

„סאַלאָן" אין „פריינד". זיינע וועכנטלעכע אַרטיקלען האָבן געהייסן „ליטע־ראַרישע געשפּרעכן". עס איז געווען אַ פּיאָנערישע אַרבעט פון דער יידישער קריטיק אַריינצוברענגען אין דער יידישער פּרעסע דעם מאָדער־נעם ליטעראַרישן שמועס. בעל־מחשבות איז דאַן געוואָרן דער שופט איבער טויט און אויף לעבן פאַר יידישע שרייבער. ער האָט געגלעט און געשמיסן. מחברים האָבן אים געקוקט אין די הענט אַריין מיט שרעק און מיט האָפענונג און געוואַרט וואָס ער וועט זיי אויסטיילן. בעל־מחשבותעס נאָמען האָט אָנגעהויבן צו ווערן דעצידירנדיק דורך זיינע אַרטיקלען אין „פריינד".

איך האָב מיך אַ כאַפּ געטאָן לייענען. שוין די ערשטע שורות האָבן מיר נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס. דער אַרטיקל — און איך מוז זאָגן אַז ער איז געווען אויסערגעוויינטלעך גוט אויפגעשריבן — האָט זיך אָנגע־הויבן מיט אַ בייסיקן וויץ און איראָניע. איך האָב געזען ווי ער הייבט אָן צו מאַכן פון מיר קאַשע. וואָס ווייטער איך האָב געלייענט אַלץ פינ־צטערער איז מיר געוואָרן אין די אויגן. מיין ערשט ביכל, פון וועלכן איך האָב געהאָפט אָנערקענונג, איז אַרונטערגעריסן געוואָרן פון בעל־מחשבותעס פעדער מיטן גרויסן קריטישן קנאַק. איך קאָן נישט זאָגן אַז מיר איז דעמאָלט געווען זיס אויפן האַרצן. איך האָב געמיינט אַז אין בעל־מחשבותעס „ליטעראַרישע געשפּרעכן" זיינען מיינע אַלע וועלטן אונ־טערגעצונדן געוואָרן אויף אַש און איך בין שוין אַ פאַרלוירענער אויף אייביק.

איז בעל־מחשבות געווען גערעכט? איצטער אויף מיינע עלטערע יאָרן ווען די טעג פון לעבן נייגן זיך צו זייער ענד און אַלצדינק באַלאַנגט צו דער פאַרגאַנגענהייט און אַזוי וויניק צו דער צוקונפט קאָן מען אָביעק־טיוועך און מיט וויניקער ליידנשאַפט און אַמביציע אַ קוק טאָן צוריק אויף דעם גאַנצן בילד פון אַ מענטשלעך לעבן, וואָס צייכנט זיך ווי אַ שוישפּיל און אַ חלום אין די נעפּלען, — און איך זאָג: בעל־מחשבות איז געווען אויף אַכציק פּראָצענט גערעכט. איך וואָלט געווען געזאָגט אויף מער פּראָצענט, נאָר איך וויל נישט אַז עס זאָל אין די אויגן פון דעם ליי־ענער אויסקוקן ווי איבערגעטריבענע באַשיידנקייט. איך האָב דעמאָלט געמיינט אַז בעל־מחשבות האָט מיר אונטערגעהאַקט דעם שיינעם בוים

אונטער וועלכן איך האָב געוואָלט אויסבויען דאָס געצעלט פון מיין לעבן. אָבער פונקט פאַרקערט: די אַלע חסרונות אויף וועלכע ער האָט אַזוי בייסיק אָנגעוויזן, חסרונות הן וואָס שייך מיין שפּראַך, מיין זאַץ־בוי, הן וואָס שייך מיין טעמאַטיק און דעם גאַנצן אופן פון מיין דערציילן, האָבן — נאָכדעם ווי די געקרענקטע ביטערקייט האָט זיך אָפּגעטאָן פון מיין האַרץ, — פּאַמעלעכל, פּאַמעלעכל מיר געעפנט די אויגן און אָנגעוויזן אויף דעם וועג וואָס איך באַדאַרף גיין. אַ סך זאַכן וואָס האָבן זיך מיר פריער געהאַט אויסגעוויזן ווי די עיקרדיקע עלעמענטן פון מיינע קינסט־לערישע מעגלעכקייטן, האָב איך איצט דערזען אַז זיי זיינען נישט מער ווי די נעבן־טענער און די באַגלייט־רעקוויזיטן. איך מוז פונדאַסניי מאַכן דעם חשבון־הנפש און פּרוּוון מיך אויסצוגעפינען אין די לאַבירינטן פון מיינע מעגלעכקייטן. אין יעדן קינסטלער שטעקט אַ כאַאָס. אויב ער וויל עפּעס דערגרייכן מוז ער מיט זיך אַליין מאַכן אַ שטרענגן און אומברחמנות־דיקן אָפּקליינב און זיך נאָר קאָנצענטרירן אויף דעם וואָס עס געהער צום וועזנטלעכן ביי אים. דאָס האָב איך דורכאויס צו פאַרדאַנקען דער שאַר־פער בייטש פון בעל־מחשבותן וואָס האָט מיך אויפגעוועקט פון אַלע קינסטלערישע הינערפּלעט אין מיך אַליין געשטעלט פאַר אַ נסיון און פאַר אַ תהום וועלכן איך מוז דורכאויס אַריבערשפּרינגען אויב איך וויל וואָס עס איז דערגרייכן. דער וועג פון אַ קינסטלער איז גאַר אַ שווערער און אַ ביטערער. דער וואָס וויל זיך מאַכן אַ לייכט לעבן און וויל נאָר רייסן די רויזן פון דער שאַפונג און נישט צעבלוטיקן זיינע הענט ביי אירע דערנער, דער טוט זיך אַליין אָן אַ סך שאָדן. קונסט איז נאָר אַ וועג צו דער דערקענטעניש. דערקענטעניש הייסט — אויסקלייב, דערקענטעניש הייסט — סטיל און פאָרם. סטיל און פאָרם הייסט — אויסקלייב. נאָר אין זיין אויסגעזוכטן וועג אינעם כאַאָס פון זיך אַליין דערקענט מען דעם שעפער. און דער עיקר הייסט דערקענטעניש: קענען זיך אַליין און דער־שאַצן זיך אַליין סיי אין ליכט און סיי אין שאָטן.

במשך מיין שריפטשטעלערישן וועג האָט מען מיך שוין געלויבט און מען האָט מיך אַרונטערגעריסן. און איך מוז זאָגן: די לויבן זיינען אָפּטמאָל נישט געווען קיין פאַרדינטע און זיי האָבן אויך גאָר אָפט נישט אַריינגעטראָפן אין תוך. וועזנטלעכן נוצן פאַר מיין שאַפן האָב איך געהאַט פון זיי ווייניק. עס איז בייערט געווען האַניק אויף דער אַמביציע. ווען

איך האָב מיך אויסגעניכטערט פון דעם זיסן רויש איז אין מיין האַרצן שטענדיק איבערגעבליבן דער פחד צי ווען מיך די לויבן נישט איינוויגן אין דער איינרעדעניש אַז איך האָב שוין אַלצדינק דערגרייכט און קאָן אַ זיכערער גיין אויפן אויסגעטראָטענעם וועג. אָבער — איך האָב זעלטן געלייענט אַ נעגאַטיווע רעצענזיע וועגן מיר וואָס ביי אַלע אירע בייזווי־ליקייטן, זאָל זי נישט האָבן אָנגעוויזן אויף חסרונות און העמונגען וואָס איך באַדאַרף דורכאויס מנצח צו זיין אויב איך וויל עטוואָס דערגרייכן. נעגאַטיווע רעצענזיעס האָבן מיר אָפטמאָל ביטער וויי געטאָן. עס שאַדט נישט. איך האָב אַ סך ביי זיי געלערנט.

און איך מוז זאָגן: כ׳האָב שוין געזען שריפטשטעלער וואָס דער־פאַלג און לויבענישן האָבן פון זיי געמאַכט אַ תל און זיי אָפּגעשטעלט אינמיטן וואַקסן. זיי האָבן אָנגעהויבן מיט זיך איבערגעטריבן זיכער צו זיין און די איבערגעטריבענע זיכערקייט האָט אָפּגעשניטן פאַר זיי אַלע וויטערע וועגן. זיי האָבן געגלייבט שוין צו האָבן אַלצדינק אין דער האַנט. אַ שעפערישער קינסטלער טאָר זיך אַליין צום ווינציקסטן געטרויען. די מוזעס זיינען זייער קאַפּריזנע און זייער פאַרפירעריש. איך האָב זעלטן געזען אַן אמתן קינסטלער וואָס נעגאַטיווע קריטיק האָבן אים פאַרשאַדט. זיי האָבן אים נאָר האַרטנעקיקער און פאַרביסענער געשטאַלט און גע־שטאַרקט. אין דעם ביטערן קאַמף מיט די ווידערשפּרוכן און מיט די דערנער פונעם שאַפן האָבן זיך זיינע מעגלעכקייטן געלייטערט, און זיין וועג אין דעם אָפּקלייב האָט זיך געצייכנט וואָס העלער אינעם ריכטיקן ליכט.

## קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

דער מיטללענדישער ים. איך זע דעם ערשטן פּאַלמע־בוים. געקלימפּער פון מאַנדאָלינעס. דער ים נעמט אונז אויף אין זיינע פינצטערע פייכטקייטן.

ערשט ווען די שיף האָט זיך מיט מיר געטראָגן איבער די וואַסערן פון מיטללענדישן ים האָב איך מיך אינערלעך אָנגעהויבן צו באַרואיקן. די ביטערקייט איז מיר אַרויס פון האַרץ. איך האָב מיך פונדאַסניי געוויגט אין האָפענונגען. דער ים האָט אויף מיר שטענדיק געווירקט ווי אַ גרויסע באַרואיקונג. מען זעט דאָ באַשיימפּערלעך ווי אַלצדינג אַרום איז אַזוי אומענדלעך און אין אייביקער באַוועגונג. מען דאַרף נישט דווקא צו זיין קיין פילאָזאָף כדי צו זען אַז דער מענטש איז נישט מער ווי אַ שפּענדעלע אין דעם שפּיל פון די עלעמענטן.

מיר זיינען געפאָרן, ד״ה איך מיט חנהן, אין אַ שיף וואָס איז געשוואומען פון טריעסט קיין מצרים. מיר האָבן זיך דאָ, אינמיטן פון די וואַסערן, באַקאַנט מיט נייע מענטשן, מענטשן פון אַלע עקן וועלט און מענטשן פון אַלערליי פעלקער. יעדע שיף אויף די ימים איז אַ קליינער פּלאַנעט. די בלאָע אין גאָלד און אין ליכט צעוויגטע וואַסערן פון מיטללענדישן ים האָבן פאַרגאָסן די אומענדלעכקייטן פון שטח. אויפן דריטן טאָג האָבן זיך פונדערווייטנס אָנגעהויבן צו באַווייזן די ברעגן פון דרום־דיקן מיטל־איטאַליע.

הגם עס איז געווען פּורים־צייט און מיר האָבן פאַרלאָזן פּוילן אין טיפע קאַלטע שנייען, האָבן שוין דאָ געבלאָזן די ווינטן פון אַ וואַרעמען פרילינג. עס האָט געשמעקט מיט מזרח. ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צו די ברעגן פון ברינדיזי האָב איך אין מיין לעבן געזען דעם ערשטן פאַלמע־בוים. ער איז געוואַקסן ביים ים־ברעג צו וועלכן מיר האָבן

זיך דערנענטערט. דעם דאַזיקן שלאַנקן קיניגלעכן בוים האָב איך געקאַנט בלויז פון תנ״ך.

אין ברינדיזי האָבן מיר פאַרבראַכט אַ האַלבן טאָג.

שפּעטער האָבן אָנגעהויבן צוצופאַלן די טונקלקייטן. דער פּאַלמע־בוים אויפן ברעג און דער ים האָבן זיך פּאַמעלעך אָנגעהויבן צו פאַרהילן אין טונקלקייט. אין די הייזער פון דער איטאַליענישער שטאָט האָבן זיך אָנגעצונדן ליכטער. דאָ און דאָרט אויפן ברעג האָט מען געהערט אויפ־ציטערן דאָס געקלימפּטער פון מאַנדאָלינעס, און מען האָט געהערט די זיסע אומעטיקע בענקשאַפטלעכקייט פון איטאַליעניש געזאַנג. אונדזער שיף האָט אויפגעהויבן דעם אַנקער און אַוועקגעשוואומען. דער ים האָט אונדז אויפגענומען מיט זיינע פינצטערע פייכטקייטן.

גאַר שפּעט אין דער נאַכט האָט אויפגעשיינט די לבנה. די פייכט־אַטעמדיקע וואַסערן האָבן זיך באַגאָסן מיט געשפּענצטערהאַפטיקע ווייסקייט.

# קאַפּיטל דרייסיק

די ברעגעס פון מצרים טויכן אויף אין די האָרי־
זאָנטן. אָריענטאַלישע מענטשן. דער מענטשן־הישעריק
אויף דער שיף. טויזנט און איין נאַכט.

די קאָנטינענטן, וואָס זיינען צווישן זיך פאַנאַנדערגעשיידט מיט ווייטע ימים, דערשיינען פאַר דעם רייזנדן וואָס קומט פון איין קאָנטי־נענט צו דעם צווייטן, ווי אַקטן פון אַ שוישפּיל. אַקטן, וואָס איעדער שפּילט זיך אָפּ הינטער אַ ניי אויפגעצויגענער פאָרהאַנג. הגם זיי באַ־לאַנגען צו איין דראַמע, פונדעסטוועגן איז יעדער אַקט אַ נייער אומגע־ריכטער אַפּשנים, מיט אַנדערע דעקאָראַציעס, מיט אַנדערע געשעעניש, און מיט אַנדערע שוישפּילער. פאָרנדיק אויף דער באַן וויקלען זיך אָפּ די מרחקים און דאָס מענטשלעכע לעבן אויף זיי ווי רינגעלעך אויף אַ פאָדעם. די איבערגאַנגען געשעען בהדרגה. איין לאַנדשאַפט פליסט כמעט אַרויס פון דער צווייטער, און די לעבנס־אופנים פון די פעלקער, נישט געקוקט אויף זייער פאַרשידנאַרטיקייט, וויקלען זיי זיך פאַנאַנדער ווי אויף איין הינטערגרונט.

אַנדערש זיינען די לענדער, וועלכע מיר דערגרייכן ערשט מיט די ימים, איבערהויפּט ווען די פעלקער דאָרט זיינען נאָך די אַלטע און נישט די איינגעוואָנדערטע פון אייראָפּע. מיר קומען אין זיי אַריין אין אַנדערע וועלטן פון לאַנדשאַפטן און לעבן.

די ברעגן פון מצרים וואָס האָבן אויפגעטויכט פון די האָריזאָנטן און אונדזער שיף האָט זיך צו זיי פאַמעלעך דערנענטערט, זיינען מיר געווען אַ גאָר פרעמד, אַ גאָר נאָענט. איך האָב דאָך מצרים אַזוי גוט געקענט פון חומש. ווי וואָרעם און היימישלעך האָט מצרים אַרויסגעשיינט פון די צעריסענע חומשים אין חדר און פון דעם אומעטיקן זינג־זאָנג פון מיין

ערשטן דרדקי־מלמד ר׳ אהרן. דער אָריענט האָט פּאַמעלעך זיך אַרויס־געשיילט פון די צוקומענדיקע ווייטקייטן ווי אַ ווייסע טרוימהאַפטיקע פּאַנאָראַמע. די הימלען איבערן קאָפּ זיינען געווען ווי הייס און שוואַרץ פון דער שפע פון ליכטיקייט, וואָס האָט פון זיי אַראָפּגעשטראָמט. אונטער דעם דאָזיקן הייסן הימל־קופאָל פון טונקלקייט און ליכט, האָט זיך אַלעק־סאַנדריע פּאַמעלעכל פּאַנאַנדערגעוויקלט ווי אַ ווייס שוים־בילד פון אַר־כיטעקטור און געמויער. די קופּאָלן און מינאַרעטן פון די מעטשעטן האָבן אויסגעקוקט צו שוועבן איבער דעם ווייסן געמעל אין די האָריזאָנטן ווי אויסטערלישע און וואונדערפולע אָדלערס.

ערשט ווען מיר זיינען צוגעשוואומען נעענטער האָט זיך די אַרכי־טעקטאָנישע פאַנטאַזיע אָנגעהויבן ווי אויפצולייזן אין אַ געווימל גלייך אַן אויפגערעגטער מוראַשניק. פּאַמעלעך האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן די פאַרביקע געוועגדער פון די אָריענטאַלישע מענטשן. עס האָבן זיך באַוויזן געסלעך און גאַסן, פּאַלמען־ביימער און גמלים.

---

אין האַפן פון אַלעקסאַנדריע האָב איך דאָס ערשטע מאָל געזען דאָס פאָלק פון אָריענט. אונדזער שיף איז באַפאַלן געוואָרן ווי פון אַ היישעריק. אַ געטומל און געשריי פון מענטשן. איך האָב אַזעלכע געשטאַלטן און מלבושים געזען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן. ס׳זיינען געווען די טונקעלע הויך־געוויקסיקע מצרישע אַראַבער אין ווייסע לאַנגע געוועגדער און אין אַלערליי קאָלירטע טאַרבושן אויף די קעפּ. מיט די גרויסע בלוי־טאַטאַוירטע הענט זייערע האָבן זיי געמאַכט אין דער לופטן און זיך גענומען רייסן איבערן געפּעק פון די שיף־פּאַסאַזשירן. די שפּראַך־קלאַנ־גען זיינען מיר אויסגעקומען ווי וויכע הייזעריקע צאַפּלעניש אין די העלדזער פון די ריידער און שרייער. איך האָב אַזעלכע שפּראַך־קלאַנגען נאָך קיינמאָל נישט געהערט. אויך אַלערליי שוואַרצע מענטשן פון טיפן אַפריקע, נעגערס און האַלב־נעגערס אין אַלערליי מלבושים, טיכער און מיצן, האָבן געשריגן און געטומלט. מיר זיינען אַריינגעפאַלן צווישן זיי עפּעס ווי צווישן די לעגענדאַרישע גזלנים פון „טויזנט און איין נאַכט״.

## קאַפּיטל איין און דרייסיק

די טונקעלע גרינע לאַנדשאַפטן פון חומש. גאָטס גאָרטן — דאָס לאַנד מצרים. פונקט ווי די פרויען אין חומש. מזרחישע פּאַלאַצן און מעטשעטן. אין די באַזאַרן פון קאַירא. טונקלקייטן אין זון־ליכטיקייטן. טעפּיכער און געפעסן. קאָווע אין פאַרצעלייענע שאָלעכלעך. גמלים וויגן זיך מאַיעסטעטיש צווישן די מענטשן.

אויף דער באַן פון אַלעקסאַנדריע קיין קאַהירע האָב איך מיך גע־פונען אינמיטן דעם לאַנד מצרים. פונקט ווי ארץ־ישראל איז מיר מצרים גוט באַקאַנט געווען פון מיינע קינדהייטס־דעראינערונגען. מיר איז אויס־געקומען, אַז איך פאַר איצט אינמיטן די לאַנדשאַפטן פון מיין אינער־לעכסטן געמיט און איך האָב זיך כסדר באַמיט צונויפצופאַרן דעם חומש און דעם תנ״ך מיט די טונקעלע גרינע לאַנדשאַפטן, וואָס האָבן זיך פאַ־נאַנדערגעוויקלט פאַר אונדזערע וואַגאָן־פענצטער. כ׳האָב מיר דערמאָנט אין דעם פסוק פון תנ״ך, אַז מצרים איז גאָטס גאָרטן און גאָט טרינקט אָן די בייטן פון דעם דאָזיקן גאָרטן מיט די פעטע וואַסערן פון נילוס. עס איז מיר ווירקלעך אויסגעקומען אַז איך פאַר אין אַן אויפגעמישטן לעבעדיקן חומש. פון די פעלדער האָט מיט דער פולסטער שפע געשריגן די זאַטקייט פון די זיבן גוטע יאָר. די וועלדלעך הויכע שלאַנקע פאַלמע־ביימער האָבן ביי מיר אויך אויסגעקוקט ווי די געבענטשטע ביימער פון תנ״ך און פון די צייטן פון די אָבות. פעטע שאָף האָבן זיך געפאַשעט אינמיטן פון דער שפע. לאַנגע קאַראַוואַנען פון גמלים האָבן דאָ און דאָרט געצויגן איבער דער לאַנדשאַפט. פעלאַכן האָבן געריטן אויף אייזע־לעך. פרויען האָבן שטאָלצע און שלאַנקע געטראָטן אין שאָטן פון די פאַלמע־ביימער, צווישן די שאָף אויף די פעלדער, אָדער אויף אַ וועג. זיי האָבן געטראָגן מיט קרוגן וואַסער אויף די קעפּ פונקט ווי די פרויען אין חומש.

ערשט אין קאַהירע זיינען מיר צוריק אַריינגעקומען אינעם פאַרביקן געווימל פון אַן אָריענטאַלישער שטאָט. קאַהירע איז פון די שטעט, וואָס

ווערן אָפּט דערמאָנט אין די מעשיות פון „טויזנט און איין נאַכט". גראָד אין דער שטאָט קאַהיר, גופא פאַרגעסט מען אין דעם אַלטן מצרים. אונטער דעם טונקעלן אָנגעגליטן הימל שיינט קאַהיר ווי אַ ווייסער ליכטיקער טאָג, אַ טאָג, וואָס געשטאַלטיקט זיך אין די פאָרמען פון די ווייסע מזרחישע פּאַלאַצן און מעטשעטן. די פּאַלמע־ביימער אויף די גאַסן האָבן צוגעגעבן דער ווייסער ליכט־שטאָט דאָס געשטאַלט פון טונקעלע באַלויכטענע שאָטנס אינמיטן דער פינקלדיקער זוניקייט. אויך די פרויען מיט די שוואַרצע שלייערן איבער די פנימער האָבן דערמאָנט ווי איידעלע טונקלקייטן אין מיטן פון דעם ליכט.

קאַהיר האָט מיך פאַרבלענדט מיט דער אָריענטאַלישער פּראַכט פון אירע בנינים, און דער עיקר מיט אירע באַזאַרן. מען זעט אין די גרויסע קראָמען פון פּאַריז און לאָנדאָן אומפאַרגלייכלעך גרעסערע רייכ־טימער ווי אין די באַזאַרן פון קאַהיר. אָבער דאָרט קוקן זיי אויס ווי קאָמערן און ווי דער מענטש וואָלט זיי, די וועלט־רייכטימער, בגוואַלט אַרויסגעריסן און די וועלט שווייגט אַ פאַרשטומטע אין אירע רייכטימער און וויל נישט אויסזאָגן אירע געהיימנישן און אירע גלוסטיקייטן. אַנדערש איז עס אין די באַזאַרן אין קאַהיר. עס קוקט אויס ווי אַלע מרחקים און אַלע גאָלדיקע און דופּטיקע טונקלענישן פון דער וועלט וואָלטן דאָ אַהער דערגרייכט אויף די רוקנס פון גמלים און זיך אויסגעלייגט פאַרן אויג מיט דער פולער און עשרותדיקער שפע פון זייערע מאַטעריעס, פאַרבן און ריחות. אין די טונקלקייטן פון די קליינע קרעמלעך — (קרעמ־לעך, וואָס האָבן כמעט ווי געקלעפּט איינס ביי ס'אַנדערע גלייך די קע־מערלעך אין האָניק־וואַקס) — טונקלקייטן, וואָס זיינען אַרויסגעקומען סיי פון פאַרשטעלטע זון־ליכטיקייטן און סיי פון דעם טיפן וואַרעמען שווייגן פון צעהאַנגענע און איינהילנדיקע שווערע אַראַבישע טעפּיכער. אין די דאָזיקע באַהעלטענישן פון וואַרעמען שאָטן אין ווייכער און פאַרביקער שטילקייט אין די קאַהירישע באַזאַרן, האָבן די מרחקים פון דער וועלט אויסגעלייגט זייערע גלוסטעניש ן און די טייערע געהיימנישפולקייטן פון זייערע עקזיסטענצן. אויפן סופיט, איבער די פאַרביקע סחורות זיינען געהאַנגען בראָנזענע און קופּערנע אַראַבישע לעמפּלעך און הענג־לייכטער ווי פאַנטאַסטישע פרוכטן אין זייער רייפקייט. זיי האָבן אויסגעקוקט צו לויכטן אין זייער קופּער און בראָנז מיט דער פרומקייט פון מעטשעטן

און געבעטן. איבער די סחורות זיינען געווען אויסגעלייגט כלים פון אלט זילבער און פון געטריבענעם מעש, טעפּיכער און געוועבן פון זיידנס און בראָקאַט, לעמפּעלעך און לייכטער, בעקענס, טעלער און טאַצן אויסגראַ־ווירטע מיט פּסוקים פון קאָראַן. זילבערנע נאַרגילעס און ליולקעס, שניר־לעך מיט האַניקפּולן בורשטין, פּערלען, קאָראַלן און גרינע און טונקעלע איידלשטיינער געפּאַסט אין גאָלד. אַלערליי בשמים־פלעשלעך פון אַלט פּאַרפּערלט גלאָז. אין טייל קרעמלעך זיינען אין די טונקלענישן געווען אַנגעשיט הויפנס מיט בשמים, ווירדך און געווירצן, וואָס האָבן הייס און סודותפול פאַרשפּרייט זייערע ריחות. די באַלעבאַטים פון די קרעמלעך, הויכע אָפּגעברענטע אַראַבער אין ווייסן געהילט, מיט טאַרבושן אויף די קעפּ און מיט שיינע חומשדיקע בערד, זיינען שוויגנדיקע געזעסן צווישן זייערע סחורות, געדויכערט פון קאַסטבאַרע נאַרגילעס, אָדער געטרונקען שוואַרצע פעטע קאַווע פון קליינע פּאָרצעלייענע שאַלעכלעך.

אין די שמאָלע געסלעך פון די באַזאַרן, געסלעך, וואָס זיינען ס׳רוב פון אויבן געווען פאַרהאָנגען מיט טיכער און ראָגאָזשעס כדי צו מילדערן דאָס שאַרפע ליכט פון דער מצרישער זון, האָט עס געדרישט און געווימלט ווי אין אַ בינשטאָק. געלאָדענע גמלים האָבן זיך מאַיעסטעטיש געוויגט צווישן די מענטשן און געמעלה־גירהט.

## קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

דאָס אַלטע מצרים אין שלאָף פון דער פאַרגאַנ־
גענהייט. עס רעדן די טויזנטער יאָרן, די געטער פון
מצרים, די פּרעהס, די קיניגלעכע ווייבער און די קי־
ניגלעכע טעכטער, די אַמאָליקע רייכטימער. ווען עס
פאַלט צו די נאַכט און עס ווערט פינצטער.

אין די גרויסע ליכטיקע זאַלן פון קאַאירער מוזיי ליגט דאָס אַלטע מצרים אין טיפן שלאָף פון דער געהיימנישפולער פאַרגאַנגענהייט. עס ליגט ווי אין שטילע באַלויכטענע קברים אין אַ זייט פונעם פלוס פון די צייטן. עס ליגט אַ שווייגנדיקס און אַ טויטס, — נאָר אין דעם גרויסן שווייגן פון טויט רעדן די טויזנטער יאָרן פון אַן אַלטן פאַרצייטנס ווי זיי וואָלטן דאָ פונדאַסגיי אויפגעוואַכט פון דער פאַרגענגלעכקייט.

עס שטייען דאָ די גרויסע געטער פון לאַנד מצרים. די געטער פון טויט און לעבן. די געטער פון דער זון און פון די שטערן. די געטער פון דער חכמה און פון דער נאַרישקייט. די געטער פון גוטס און שלעכטס. געטער אויס שוואַרצן און גרויען גראַניט־שטיין. געטער אין געשטאַלט פון מאָנומענטאַלע קיניגן אין שטיף־היט און מיט בערד. געטער אין געשטאַלט פון חיות און פייגל. מיט די דאָזיקע געטער פון מצרים האָט יאַהווע דער גאָט פון ישראל אַמאָל געפירט אַ פאַרביי־טערטן קאַמף. „באלוהי מצרים אעשה שפטים". אין די חדרים פון פוילן האָבן מלמדים אין די דאַנערשטיקדיקע ווינטער־אָוונטן פאַר יידישע קינ־דער אין זינג־זאַנג דערציילט פון מצרים און אירע געטער גלייך ווי זיי וואָלטן נאָך געלעבט אין די צעריסענע בלעטער פונעם פאַרצייטישן חומש, און יאַהווע דער גאָט פון ישראל שטרעקט נאָך אויס זיין שטאַרקע האַנט איבער זייערע קעפּ און קעמפט מיט זיי וועגן זיין הערשאַפט. וואונדערלעך יידיש חומש! יאַהווע דער גאָט פון ישראל לעבט נאָך מיט זיינע יידן איבער גאָר דער וועלט, און די שטומע פירכטערלעך־געהיימנישפולע געטער פון מצרים שטייען דאָ שורותווייז ווי אַ געשטאָרבענער אַנמעכ־טיקער געטער־אַלימפּ אין די באַלויכטענע זאַלן פון קאַאיראָער מוזיי.

אין די ווייטערדיקע זאַלן פון מוזיי זיינען געלעגן די פּרעהס. די גאַנצע דינאַסטיעס פון מצרישער אייביקייט. פּרעהס פון אַ סך טויזנטער יאָרן פריער איידער דער ערשטער ייד האָט נאָך געהאַט אַרויסגעשטעקט זיין קאָפּ אונטער דעם אָפּשיין פון דער זון. ווי אויך די שפּעטערע פּרעהס וועלכע האָבן זיך גערימט איף די ווענט פון זייערע טעמפּלען, אַז עס איז זיי געראָטן צו פאַרטיליקן דעם זאָמען פון ישראל. ווי אויך די פּרעהס פון חומש און פון תנ"ך. זיי זיינען געלעגן שוואַרצע פאַרטריקנטע מומיעס אין טייערע אין בלוי און גאָלד באַמאָלטע סאַרקאָפאַגן. זיי זיינען געלעגן איינגעוויקלטע אין זייערע טויטנטיכער. די איינגעטריקנטע הענט פאַר־לייגט אויף דער ברוסט. די לעכער אין די אויגן זייערע האָבן נאָך אויס־דריקט דעם ערשטן ציטער פון טויט, וואָס איז נאָך אויסגעמישט מיטן לעצטן שמייכל פון לעבן. וויפיל שווידער פון פאַרגענגלעכקייט האָבן די שלאָפנדיקע פּרעהס אין די סאַרקאָפאַגן! אַרום זיי אין סאַרקאָפאַגן ליגן די מומיעס פון זייערע קיניגלעכע ווייבער און קיניגלעכע טעכטער. די שטאָלצסטע פרויען פון דעם פריען אַלטערטום. עס ליגן די מומיעס פון די גרויסע פון מצרים, די הויף־שרייבער, די מיניסטאָרן, די חרטומים, און די כהנים פון די געטער. עס ליגט דאָס הויז־געריעט פון די פּרעהס, די גאָלדענע קרוינען, די גאָלדענע האַלדז־קייטן און תכשיטים, די גאָלדענע בעכער און די גאָלדענע פוסנבענקעלעך. די מומיעס פון אַן אַלטער רייכער און מעכטיקער וועלט ליגן אין דער פולער פּראַכט פון זייער אַמאָליקער עשרות און אין דער פאַרטריקנטער געשטאָרבנקייט פון דער פאַרגענגלעכקייט.

שפּאַצירנדיק אין די גרויסע מיט מצרישער זון באַלויכטענע זאַלן פון קאַיראָער מוזיי, אין דער דאָזיקער אומהיימלעכער רייכער און שטור־מער פאַרגענגלעכקייט האָב איך געהאַט דאָס געפיל: אין שפּעטן נאָכמי־טאָג ווען עס שליסן זיך די גרויסאַרטיקע טירן פון די זאַלן מיט דעם טויטן מצרים, יעדעס לעבעדיקע וועזן פאַרלאָזט די זאַלן, עס פאַלט צו די נאַכט און עס ווערט פינצטער, — דעמאָלט שטייט אויף דאָס אַלטע מצרים, שטייען אויף די פּרעהס פון זייערע סאַרקאָפאַגן, שטייען אויף די פאַרטריקנטע מלכהס און פּרינצעסינס. די פאַרטריקנטע קיניגלעכע מומיעס טוען זיך אָן זייערע קרוינען, און די פּרינצעסינס זייער גאָלדן געשמייד. עס וועקן זיך אין זייערע טויטנטיכער די כוהנים און די חרטומים און די

חכמים פון מצרים. עס ווערן לעבעדיק די מעכטיקע שטיינערנע געטער, די געטער מיט די צוגעקלעפּטע בערד און מיט די שטיק־היט אויף די קעפּ. די געטער מיט די קעפּ פון הינט, קעץ, פייגל און קראָקאָדילן.

עס דרייט זיך די צייט איף צוריק אין תהום פון דער פינצטערניש.

צי קערט זיך טאַקע דאָס פאַרגעגנלעכע צוריק צו אונדז אין די אַנג־סטיקע וויזיעס פון אַ ביינאַכטיקן חלום?

## קאַפּיטל דריי און דרייסיק

אין די פּינצטערע מצרישע נעכט. תועבת מצרים. בואה שכבי עמי. אויפֿן פּיש־מאַרק. נאָגנדיקע השתפכותן און ווייטיקלעכע געבעטן. די טיר פֿון דער אשה זונה. פֿרויען פֿון אַלע וועלט־קאָנטינענטן. געשיכעס אין איי־זערנע שטייגן. עס קלינגען די תכשיטים ווי די גלעקלעך אין די טעמפּלען.

ווען עס שיינט די לבנה אין דער מצרישער נאַכט, קוקט דאַן די נאַכט אויס ווי אַ הייסער געעטאַרבענער טאָג. ווען עס שיינט נישט אין איר די לבנה דערמאַנט איר פעטע און שוואַרצע פינצטערניש אין יענע נעכט פון מצרים ווי זיי ווערן געשילדערט אין חומש. די נאַכט וואָס מען קאָן איר פינצטערניש ממש אָנטאָפּן מיט די הענט. וימש חושך. באַלד ווי עס פאַרשווינדט די טאָג־ליכטיקייט פון די הימלען, פון די פּאַלמע־ביימער, פון די מעטשעטן און פון די גאַסן, דאַן שפּאַרט זי, די נאַכט, אַרויס פון אומעטום און צעגיסט זיך ווי אַ הייס שוואַרץ געטראַנק איבער מצרים און קאַהירע. אין דער סאַהאַרע הינטער קאַהירע קילן זיך אָפּ די מדברישע זאַמדן אונטער דער שוואַרצער פינצטערניש און אונטער די קאַלטע שוואַרץ־שטאָלענע הימלען וואָס פלאַקערן מיט זייערע שטערן איבער מצרים ווי מיט די פייערדיקע בייזע אויגן פון פירכטערלעכע געטער. אין קאַהירע אָבער איז די נאַכט־פינצטערניש אַ הייסע און אַ געדיכטע. עס גלויבט זיך: מען קאָן זי אָנשעפּן מיט בעכער און זי טרינ־קען ווי פעטן טונקעלן ווייַן. דאָס אַלטע שפּעדיקע און זינדיקע מצרים, ווי עס לעבט נאָך אין די בלעטער פון חומש, קוקט אויס אַרויפצונידערן אויף קאַהירע, אויף דעם תהום פון פינצטערניש און צוצוגעבן דער אַראַ־בישער שטאָט דאָס הומשדיקע מצרישע לעבעדיקייט. אין אָט דער פינ־צטערניש — וואָס די שטאָט־לאָמפּן, די באַלויכטענע פענצטער און באַ־לויכטענע קאַפעען פאַרטרייבן זי נישט, רק מאַכן זי נאָך הייסער און טיפער — באַקומט קאַהירע אין זיך אַ סך פון דעם אַלטן „תועבת מצרים“. די ביימער און די עקזאָטישע געוויקסן מיט וועלכע קאַהירע איז פול

הויבן אויך אַן זיך אַנצוטרינקען אין דער נאַכט מיט אַלטער מצרישער גלוסטיקייט, און הייבן אַן אַריינצוגיסן אין די פינצטערנישן שמעקנדיקע און פאַרשיכורנדיקע ריחות און געשמאַקן ווי זיי וואָלטן זיי געוואָלט אָנפילן מיט אַלערליי שמעק־זאַלבן און בשמים פון תועבת־מצרים. די מצרישע נאַכט־חשכות ווערט אַ שמעקנדיקע און פאַרריסנדיקע פון אַ טיפער ערד־טישער לײַדנשאַפט. פון די קאָפּעען הערן זיך געזאַנגען. דער רויך פון די נאַרגילעס שלאָגט אַרויס פון צווישן די טישלעך וואו ס'זיצן די אַראַבער. די אויגן פון מצריש'ע פרויען ברענען נאָך הייסער פון די שלייערן אַרויס אין דער שוואַרצער שמעקנדיקער געדיכטקייט פון דער נאַכט.

נאָר דער עיקר דערמאָנען דעם תועבת־מצרים די גאַסן פון זינד און זנות מיט וועלכע קאַהיראַ איז פול און איבערפולט ביינאַכט. די דאָזיקע גאַסן האָבן נישט אין זיך פון דער סודותדיקער באַהאַלטנקייט פון אַזעלכע זנות־געסלעך אין אייראָפּע. זיי ליגן נישט באַהאַלטן אינעם שאָטן פון קאַרגע לאַמטערנעס. פאַרקערט: זיי עפענען זיך אויף אין די מצרישע נעכט ווי די אַלטע טעמפּלען פון די געטיכעס פון חטא און פרוכטבאַרקייט. די מצרישע נאַכט וויל אויפדעקן אַלע גלוסטיקייטן פונעם פרויען־לייב, פונקט ווי זי האָט עס געטאָן מיט טויזנטער, טויזנטער יאָרן צוריק. די מעשה פון פּוטיפרס ווייב מיט יוסף חזרט זיך דאָ איבער אין טויזנטער אופנים. „בואה שכבה עמי״, קום ליג מיט מיר, שרייט עס אַראָפּ פון אַלע ווינקלען אין דער קאַהיראָער נאַכט. עס זיינען פאַראַן גאַסן וואו אַלע באַלקאָנען זיינען פול מיט זונות, נאַקעטע, אָדער אָנגעטוענע אין די שרייענדיקסטע און פאַרביקסטע געווענדער. זיי מאַכן מיט די הענט, זינגען, רופן און ווינקען צו די מאַנסבילן וואָס גייען מחנותווייז אַרום איבער דער דעמפּי־קער גאַס כדי צו פאַרנעמען די לאָק־רופן פונעם געשלעכט און צו זעטיקן זייער אויג אין די בוקעטן פון לייבער אויף די באַלקאָנען פון די באַלויכ־טענע הייזער.

נאָר די העכסטע עקסטאַזע פון מצרישער עראָטיק דערגרייכט די נאַכט אויפן אַזוי גערופענעם קאַהיראָער „פיש מאַרק״.

עס איז אַ לאַבירינט פון פלעצער און קליינע געמאַרקן אינמיטן דעם האַרץ פון קאַהיראַ. אַהין ווערט מען געלאָקט דורך מאָדנע אומעטיק־בענקשאַפטלעכע געשפּילן אויף בלאָז־זעק. זיי קומען אַרויס פון דער שוואַרצער הייסער נאַכט ווי פאַרחלומטע און נאַגנדיקע השתפכותן און

ווייטקלעכע געבעטן. מען קאָן טאַקע אין פלוג אַזוי גלויבן. דאָ און דאָרט אין אַ ווינקל פון אַ ראָג שטייט אַן אַלטער אַראַבער אין ווייסן געהילט, און מיט אַ גראָע לאַנגע באָרד, און שפּילט־אויס אויף זיין בלאָז־זאַק אָט־אָ־די ווייַנענדיקע געבעטן. אָבער עס זיינען נאָר זנות־לידער, וואָס די דאָזיקע זקנים גיסן אַרויס פון זייערע הערצער. די פרומע השתפכותן זיינען די זיסע לאָקן־רופן צו די טירן פון דער „אשה זונה" און זיי באַדאַרפן זיך אַריינגיסן אינעם בלוט פון די דורכגייער ווי שאַרפע געווירציקע געטראַנקען און רייצן זייערע תאוות. די געמאַרקן אין דעם „פיש־מאַרק" זיינען טאַקע געווען די העכסטע עקסטאַזע פון דעם פרויען־לייב וואָס האָט זיך אויסגעלייגט אין דער הייסער מצרישער נאַכט ווי אין שוואַרצע רויט־באַלויכטענע וואַסערן פון דער זינד, און גערופן צו זיך. אינמיטן די געמאַרקן אין אייזערנע שטייגן זיינען אויף בונטע געלעגערס געלעגן נאַקעטע פרויען, געלעגן גלייך הייליקע חיה־געטיכעס. פרויען פון אַלע לענדער פון אַפריקאַנישן קאָנטינענט. ס'זיינען געלעגן פרויען פון ווייטן אַראַביע, פרויען פון די אַאַזיסן אין דער מדבר סאַהאַרע און פון בעדוי־אינישע געצעלטן, פרויען פון סודאַן און עטיאָפּיע. אויך די שוואַרץ־גלאַנ־ציקע נעגער־פרויען פון טיפן אַפריקע. אַלע האָט מען זיי אַהער געבּרענגט אין דער מצרישער נאַכט אַריין און זיי אויסגעלייגט פאַר דער גלוסטיקייט פון די געבלוטן. די נאַקעטע גופים פון די טונקעלע ווייבער זיינען מיט אַ שטרענגער און מידער רואיקייט געלעגן צווישן קישנס, דעקן און טיכער, זיינען געלעגן מיט צעפּלאַכטענע צעפּ אַדורכגענומענע מיט רינגען און בראָנסעלעטן. אויף די לייבער פון די אַראַבישע פרויען זיינען געווען אויסטאַטואירט אַלערליי בלימעלעך און הערשעלעך, פייגל און אינזעקטן, אָדער גאָר צירלעכע אותיות מיט די גאָטספּאַרכטיקע שפּרוכן פון קאָראַן. די נעגל פון זייערע פיס און הענט זיינען געווען רויט באַשמירט מיט הענאַ. די קנעכלען און געלענקן פון זייערע הענט און פיס — באַהאַנגען מיט רינגען און בראַנסאַלעטן, מיט קייטעלעך און אַלערליי מעטאַלענע תכשיטים. ווען ס'רירן זיך די פרויען אין זייערע טיכער קלינגען אָפּט מאָל די תכשיטים ווי די גלעקלעך אין אַן אַלטן טעמפּל. טייל פרויען קוקן מיט גרויסע און הייסע אויגן ווי די אינדן פון דער מדבר. טייל האַלטן צו די אויגן ווי בראַנ־זענע שלאָפנדיקע סטאַטועס. טייל רויכערן פון די גרויסע נאַרגילעס וואָס שטייען נעבן זייערע געלעגערס, — און דער רויך פון די בראַנזענע וואַ־

סער־ליולקעס שמעקט אַראָפּ פון די גערעגעס ווי ווײַרויך. גלוסטנדיקע מאַנסבילן שטייען מאַסנווייז נעבן די זנות־שטייגן און קוקן אויף די מאָנו־מענטאַלע נאַקעטע ווייבער, — און פון אומעטום פון די ביינאַכטיקע גאַסן־ווינקלען דערגרייכט דאָס אומעטיקע השתפכותדיקע שפּילן פון די אַלטע שייכן אויף זייערע בלאָז־זעק.

## קאַפּיטל פיר און דרייסיק

אויף לבנהדיקע איינזאַמקייטן צווישן וואַסער און הימל. ארץ־ישראל שמעקט זיך פאַנאַנדער אין דעם צווייט פון פּאָמעראַנצן־גערטנער. דער ים פון יונה הנביא.

די שיף פון פארט־סאאיד קיין ארץ־ישראל איז מיט אונדז אוועק־געשוואומען ווען עס איז צוגעפאלן דער אוונט. באלד איז געווארן נאכט אויפן ים. א ווייסע לבנה־נאכט. די הימלען איבערן ים — קלארע, אפענע און מילד־טונקעלע. איבער זייערע שטיל־ציטערדיקע שטחים האט זיך די לבנה געטראגן ווי א זילבערנע טויטנשיף. די הימלען האבן געציטערט אין בלאסע לבנה־ליכטיקייטן. די וויטע באנעפלטע פייכטקייטן פון ים האבן בלאסע זיך געצויגן איבער די ביינאכטיקע מרחקים. עס איז געווען גלייך א שטילער טויטער טאג וואלט געדרימלט איבער די וואסערן.

אונדזער שיף א באלויכטענע האט זיך געטראגן איבער די לבנהדיקע איינזאמקייטן צווישן וואסער און הימל. די שיף איז געגאנגען א שטילע ווי זי וואלט זיך קוים באוועגט. בלויז דער שוים־וועג וואס זי האט איבערגעלאזט הינטער זיך אויפן ים, האט לייכט ווי פליסטערנדיק אויפ־געוועקט די שטילקייטן.

איך האב מיך לאנג נישט געקאנט אפרייסן פון קוקן אויף די ימישע וואסער־לאנדשאפטן אין לבנה־ליכט, און בין גאר שפעט געגאנגען שלאפן. די שיף פון מצרים קיין ארץ־ישראל שווימט נישט מער ווי איבער דער נאכט. גאר אינדערפרי האב איך געהערט א סך טריט אויפן דעק. די שיף האט זיך געוויגט, נאר זי איז געשטאנען. צוזאמען מיט דער זאלציקער ים־לופט, וואס האט זיך אריינגעריסן דורכן קאבינע־פענצטערל האב איך אויך געשפירט דעם זיסן אראמאטישן ריח פון בליעכץ. עס איז מיר אויסגעקומען ווי דער ים האט זיך פאנאנדערגעבליט אין א זיסן פארדרייסנ־דיקן צוויט. איך האב געוואוסט, אז דאס איז שוין דער ארץ־ישראל־ים

און מיר געפינגען זיך אין יפו.

איך האָב מיך שנעל אָנגעטאָן און אַרויפגעלאָפן אויפן דעק. איך האָב געוואָלט אָנקוקן ארץ־ישראל. דאָס וואונדערלעכע מעשיותפולע לאַנד וואָס האָט פול געמאַכט די דערא־ינערונגען פון מיין יוגנט. דאָס לאַנד וואָס אַלע יידן אין פוילן האָבן נישט אויפגעהערט עס צו דערמאָנען טאָג ווי נאַכט, און עס איז געווען די פרומע לאַנדשאַפט פון זייערע סידורים, חומשים און גמרות. אַלע אָוונטן אין די חדרים, ביי קאַרגע נאָפט־לעמפּלעך און אין די זינג־זאַנגען פון די מלמדים האָט דאָס לאַנד ארץ־ישראל אַרויסגעשמעקט ווי די געווירצן פון די בשמים־ביקסן אין מוצאי־שבת. ארץ־ישראל! פון דערווייטנס אין די האָריזאָנטן האָבן זיך געבלויט די הרי־יהודה, די בערג פון תנ״ך און פון דוד המלך. אויף די ברעגן פון יפו האָבן זיך געוויזן ווייס־צעבליטע פּאָמעראַנצן־גערטנער, פון וואַנען די ווינטן האָבן אַהערגעטראָגן די זיסע און בלומיקע אַראָמאַטן. דער ים וואָס האָט זיך איצטער אַ צעכוואַליעטער געוויגט אַרום אונדזער שיף איז מיר אויך נישט געווען קיין פרעמדער. דער דאָזיקער ים האָט געשטורעמט אויף די בלעטער פון בוך „יונה״.

אויך דאָ ביים ברעג פון יפו האָבן זיך אַראָבער געוואָרפן אויף אונדזער געפּעק און זיך איבער אונדז געריסן. מען האָט אונדז כמעט געכאַפּט אויף די הענט און אַריינגעוואָרפן אין די שיפלעך וועלכע האָבן זיך ווי אַ סטאַדע געהוידעט און געהויבן אַרום דער שיף. ווען די שיפלעך זיינען פול געוואָרן מיט פּאַסאַזשירן האָבן זיי זיך אָוועקגעלאָזט איבער די צעשוימטע רוקנס פון די כוואַליעס פון „ים יפו״ צו דער ערד פון ארץ־ישראל.

## קאַפּיטל פֿינף און דרייסיק

דאָס לאַנד כנען, תנאים און אמוראים, שלום־עליכמס ליידיקגייער אין ארץ־ישראל, יידן און ישמעאלים ביי דער קאַסע, געלט אויף מערקיש, דאָס לאַנד פֿון די פּלשתּים, וויסטע שטיינערנע אלמנות, צווישן צרעה און אשתּאל פֿאַרלירט אַ ירושלימער ייד זיין יאַרמלקע, דער ליידיקגייער איז ברוך השם נישט טויב, די ארץ־ישראל ווינטן האָבן נישט קיין רוצחישע הערצער.

אין יענער צייט — ס'איז געווען אַ יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה — איז ארץ־ישראל שוין פון הונדערטער יאָרן געווען אונטער טערקישער הערשאַפט. דאָס פּאַדאַלע אָפּגעלאָזענע סיסטעם פון די טערקן האָט אָפּגעווישט פון לאַנד יעדן שפּור פון ניי־צייטלעכער קולטור. ארץ־ישראל איז ווייט צוריקגעפאַלן פון דעם מצב ווי עס איז געשטאַנען אונטער די השפּעות פון גריכיש־רוימישער קולטור. עס איז געוואָרן זייער אַ פּרימיטיוו לאַנד און איר ביבלישע אַלטערטימלעכקייט האָט זיך ממש אויסגעלייגט אויף זײַערע אויבערפלאַכן. מיר אין חדר האָבן נישט געהאַט קיין השגה פון די כנענישע און ישראלישע קולטורן פון וועלכע עס דערציילן די אַרכעאָלאָגן און גראָבן זיי אויס פון אונטער די זאַמדן פון ארץ־ישראל. ארץ־ישראל איז פאַר יידן אין פוילן געווען אַ פרומע בענקשאַפט־לעכע אַבסטראַקציע וואָס האָט געהאַט אין זיך אי פון די היימישקייטן פון פויליש־יידישן שטעטל אי פון חומש. עס איז געווען דאָס לאַנד פון די פאַרצייטישע אָבות און פון זייערע געצעלטן, פון זייערע שאָף, פון די אייזעלעך אויף וועלכע זיי האָבן געריטן און פון די קעמלען אויף וועלכע עס האָבן געריטן די פאַרשלייערטע אמהות.

דאָס לעבן אין ארץ־ישראל אונטער דער טערקישער הערשאַפט האָט טאַקע אין דער אמתן אין זיך געהאַט פון יענע פאַרצייטישע חומש־בילדער ווי מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט אין חדר. די אַראַבישע געסלעך פון דער שטאָט יפו האָבן מיר דערמאָנט אָן אַן אַמאַליקער תנכישער שטאָט צי גאָר אין אַ שטאָט פון דער גמרא. דאָס אָריענטאַלישע פון די יפוער געסלעך האָט גאָרנישט געהאַט פון דער עשרותדיקער שפע פון קאַאיראָ

און אַלעקסאַנדריע. עס איז געווען גאַר פּאַרצייטיש יידישלעך אַרעם ווי די יידן פון דער גמרא וואָס האָבן באַפּעלקערט אונדזער פאַנטאַזיע. די קרעמלעך האָבן דערמאָנט דאָס אָרעמסטע שטעטעלע אין פּוילן. רק די סוחרים און די סחורות האָבן געהאַט אין זיך פון ארץ־ישראלדיקער פאַר־צייטישקייט. די אַראַבער מיט לאַנגע צעפּלאָנטערטע בערד, אין פאַרביקע כאַלאַטן און מיט טיכער אויף די קעפּ האָבן אויסגעקוקט ווי תנאים און אַמוראים. די סחורות זיינען מיר אויך באַקאַנט געווען פון דער גמרא. בשמים און ווייִרויך און ארץ־ישראל־פּירות וועלכע מיר האָבן געגעסן חמשה־עשר־בשבט. די געבראָטענע ציגעלעך און שעפּעלעך וואָס האָבן זיך געסמאַליעט אויף פייערן, ווי אויך די אייזעלעך און קעמלען אין די דאָזיקע געסלעך זיינען מיר נאָענט געווען פון די ספרימדיקע פּאַרצייטנס.

תל־אָביב איז נאָך דעמאָלט געווען עטלעכע ווינציקע געסלעך אין דער זייט פון יפו. דער איינציקער אייראָפּעאישער ווינקל מן־הצד פון דעם אַלטן ארץ־ישראל.

---

פון יפו קיין ירושלים איז געגאַנגען אַ טערקישע באַן. איך ווייס נישט פון וואַנען דער פעטער ישמעאל האָט געוואוסט אַרויסצונעמען דעם „ליידיקגייער" פון שלום־עליכמס יידישע שטעטל־מעשיות און דאָס דאָ־זיקע באַשעפעניש צו לאָזן גיין גראָד אין ארץ־ישראל. ס'איז געווען אַן אמתע קאַסרילעווקער באַן וואָס האָט זיך נישט געאיילט און מען האָט זי קיינמאָל נישט פאַרשפּעטיקט, הגם זי האָט געהאַט אַ פאַרפּלאַן. מן־הסתם האָט די טערקישע „בריגאַדע" געהערט דעם פאַרפּלאַן ווי המן דעם גראַ־גער און געהאַט עפּעס בילכערס צו טאָן ווי צו לאָזן די מאַשין. ביי דער „קאַסע" האָט מען געקאָנט מיינען אַז די האָר ברענען די פּאַסאַזשירן אויף די קעפּ מחמת גרויס איילעניש. כאָטש די עטלעכע ווינציקע וואַגאָנדלעך זיינען געשטאַנען און געוואַרט אינדרויסן אויף די שינעס און ס'איז זיי גאָרנישט איינגעפאַלן צו רירן זיך פון אָרט, — פונדעסטוועגן זיינען די געשרייען און געשטופעניש ביי דער „קאַסע" געגאַנגען עד־לב־השמים. ס'האָבן זיך דאָרט געשטופּט סיי אַראַבער און סיי ירושלימער יידן, יידן אין ווייסע און אין פאַרביקע שלאַף־רעק, אין גאַליציאַנער קאַפּעלאַטשן און מיט שיינע געקרייזלטע קירהשע פּיאות. יידן וואָס זיינען מיר באַקאַנט געווען אי פון גאַליציע אי פון די כותל־מערבי־בילדער וואָס כ'האָב גע־

טראָפן אין ידישע שטובן. ידן און ישמעאלים צוזאַמען אין גרויסן געשריי בײַ דער „קאַסע״ האָבן גאָרגישט אויסגעקוקט ווי ידן און גויים, בײערט טאַקע ווי די לייבלעכע געשוועסטער־קינדער פון חומש. ידן און גויים טראָגן לאַנגע כאַלאַטן און צעשויבערטע בערדלעך. אַלע שרײַען זיי און מאַכן מיט די הענט אויף אַ ידישלעכן אופן.

וואָס עס איז געווען די צעיאַכמערטע מהומה בײַ דער „קאַסע״, ווען דער „לײדיקגײער״ אינדרויסן האָט אַפילו גאָרנישט געטראַכט אָוועקצוגיין, ווייס איך נישט. איך גלויב אויך נישט אַז בײַ די ישמעאלים און בײַ די כותל־מערבי־ידן האָבן די געשעפטן אַזוי געברענט אין די קעשענעס. ס'איז סתם געווען אַן אײלעניש פון הוילן טעמפּעראַמענט. דער עיקר האָט עס גענומען צײַט ביז דער קאַסיר הינטערן פענצטערל (ער האָט געשריגן און געמאַכט מיט די הענט באַגלײַך מיט די פּאַסאַזשירן) און די פּאַסאַ־זשירן גופא האָבן זיך היפּש געמוזט פאָרען בײַם צײלן די אַלערלײ טער־קישע געלטער, היינו: בלעכלעך געלעכערטע און נישט־געלעכערטע און גרויסע בראָנזענע מטבעות וואָס האָבן גיכער אויסגעקוקט ווי אָפּגעשפּראָ־כענע קמיעות אײדער זינדיק געלט. דער קאַסיר האָט כסדר חושד געווען אַז די פּאַסאַזשירן ווילן אים אונטערדרוקן פאַלש געלט. דאָס נעמלעכע האָבן די פּאַסאַזשירן חושד געווען דעם קאַסיר. דאָס האָט נאָך מער גע־געשטאַרקט די בהלה און דאָס געשטופּעניש.

---

ענדלעך האָבן זיך אַלע פּאַסאַזשירן אויסגעזעצט אינעם טערקישן באַנדל. טײל אַראַבער האָבן אָנגעהויבן צו עסן אַלערלײ זיסקייטן און זיסע שטיקער קוכנס, וואָס זיי האָבן פון ערגעץ־וואו אַרויסגעשלעפּט. זיי האָבן עס געהאַלטן צווישן זייערע טונקעלע באַשמירטע פינגער. די זיסקייטן האָבן געקלעפּט און די אַראַבער האָבן זיי זיך אַרײַנגעשטופּט אין די מײַלער. טײל האָבן געגעסן סעמעטשקעס און אויסגעשפּיגן די שאָלן וואו־הין עס האָט זיך נאָר געלאָזט. די ירושלימער ידן האָבן זיך אויך געמאַכט באַקוועם ווי בײַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן, זיך אויסגעטאָן די קירהשע קאַפּע־לאַטשן און געבליבן זיצן אין ווײַסע יאַרמלקעס. ס'ערשטע מאָל האָב איך דאָ געהערט דאָס ווייכע און זינגענדיקע ירושלימער ידיש.

נאָך לאַנגע הארטעניש האָט זיך דער טערקישער „לײדיקגײער״ מיישב געווען און גענומען פאָרן. ער האָט זיך געטאָן אַ טרײסל ווי עמע־

צער וואַלט אים אויפגעוועקט פון אַ זיסן בנעימותדיקן שבתדיקן שלאָף און האָט אָנגעהויבן זיך צו ריין. צום ערשט האָט ער גאַר גענומען סאָפּען און לויפן ווי מען ;װאָלט אים פון הינטן געיאָגט. דאַן האָט ער זיך מיישב געווען, אַז די וועלט ברענט נישט און ס'איז נישטאָ וואָס זיך צו איילן. ער האָט אָנגעהויבן גיין פּאַמעלעכל און אַפילו עטלעכע מאָל זיך אָפּגעשטעלט. קיינער האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס. באַלד האָט ער זיך גאַר סטאַטעטשנע פאַנאַנדערגעפאָרן. די לעצטע יפוער הייזלעך און דאָס קליינע תל־אָביב זיינען באַלד פאַרשוואונדן פון אונדזערע אויגן. דער „ליידיקגייער" איז געלאָפן איבערן ארץ־פּלישתים. איך האָב געזוכט אין די לאַנדשאַפטן עפּעס אַזוינס וואָס זאָל מיך דערמאָנען אין די פּירכטערלעכע פּלישתים וואָס האָבן כסדר מלחמה געהאַלטן מיט יידן. איך האָב געזוכט די דאָזיקע וואָס שמשון האָט פאַרברענט זייערע פעלדער און שאול המלך איז געפאַלן פון זייערע פיילן אויף די בערג פון גלבוע. ווער זיינען זיי און וואו זיינען זיי? אפשר זיינען זיי די אַראַבער וואָס רייטן ווען נישט ווען פאַרביי אויף אַ סטעזשקעלע, אָדער די בעדואינער וואָס רוען אין זייערע ברוין־טונקעלע געצעלטן אויף די פעלדער און צווישן די איינצלנע פּאַלמע־ביימער? אפשר איז עס אַן איינזאַמער קעמל־טרייבער, אָדער דער פּאַסטעך וואָס זיצט מיט זיין לאַנגן שטעקן צווישן אַ סטאַדע שאָף און זינגט אַ מאָנאָטאָנע בענקשאַפטלעך געזאַנג אינמיטן די איינזאַמקייטן פון ארץ־פּלישתים?

באַלד ווייזן זיך בערג. דאָס אמתע תנכישע לאַנד. די הרי־יהודה. ווען מען געדענקט זייער שפע פון תנ"ך און פון יאָסעפוס פלאַוויוס, קוקט עס טאַקע אויס ווי די דאָזיקע ייד־ישע בערג האָבן, — נאָכדעם ווי יידן זיינען אַוועק אין גלות — אויסגעטאָן פון זיך זייער עשרות און זיך אָנגעטאָן מיט אָרעמקייט ווי וויסטע שט־ינערנע אלמנות. די בערג וואָס טראָגן אויף זיך דעם רום פון די שופטים־דורות און דעם רום פון שאול און דוד המלך ציען זיך פאַרביי פאַר אונדזערע בליקן. רויטלעך־ברוינע בערג, פאַרברענטע פון דער זון און גאַקעטע ווי די פרוכטבאַרע ערד וואָלט אַנטלאָפן פון זייערע רוקנס, — ווייל קיין יידן זיינען מער נישטאָ אין זייערע טאָלן און הויכענישן, כדי די ארץ־ישראל ערד זאָל זיי שפייזן. וואו נישט וואו הויבט זיך אַרויס פון זייערע איינזאַמקייטן אַן איינצלנער פּאַלמע־בוים. אַ בעדואיניש געצעלט. אין אַט די בערג פון יהודה זיינען אָנגע־

גאַנגען די גרויסע מלחמות אויף שפּיזן און פּיילנבויגס צווישן די בני־ישראל און די פּלישתים. דוד המלך האָט זיך דאָ באַהאַלטן פאַר שאולן, און דער מלאך איז דאָ געקומען צו מנוחס ווייב איר אָנזאָגן די בשורה וועגן דער געבורט פון העלד שמשון.

דאָס אָרעמע באַנדעלע האָט זיך פאַמעלעכל געדרייט צווישן אַם־אַ־די שטיינערנע אויסגעטריקנטע בלעטער פון תנ״ך. אינעווייניק אין די קליינע וואַגאָנען האָבן די אַראַבער מיט זייערע ברוינלעכע פינגער אַדורכ־געלאָזט די קייקעלעך בערנשטיין אויף זייערע שנירלעך, גערויכערט, גע־געסן זיסקייטן און אויסגעשפּיגן שאָלן פון סעמעטשקעס. די ירושלימער יידן אין די קירהשע קאַפּאָטעשן און אין די ווייסע יאַרמלקעס האָבן צווישן זיך זינגענדיק געשמועסט אויף דעם זיסן ירושלימער יידיש.

פּלוצעם — דזכט זיך אין די בערג צווישן צרעה און אשתעל, אויף יענעם אָלטן תנכישן אָרט וואו שמשון האָט אָנגעהויבן זיין ערשטן קאַמף מיט די פּלישתים — איז צווישן די ירושלימער יידן געוואָרן אַ מהומה. זיי האָבן אָנגעהויבן הויך צו שרייען און צו מאַכן מיט די הענט. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז אַ ירושלמי האָט זיך צו טיף אַרויסגעבויגן פונעם וואַגאָן־פענצטער און די ווינטן צווישן צרעה און אשתעל האָבן אים אַראָפּ־געכאַפּט די ווייסע יאַרמלקע פון קאָפּ. דער ייד איז געבליבן שטיין בגילוי־ראש. ער האָט זיך טאַקע באַלד דעם נאַקעטן קאָפּ פאַרשטעלט מיט די הענט און די געקרייזלטע קירהשע פּיאות האָבן אים אָפּערגעקוקט פון צווישן די פינגער. דער „לײדיקגייער״ איז דערווייל געגאַנגען זיין וועג. אָבער דער רעש אין וואַגאָן דורך דער אַרויסגעפלויגענער ירושלימער יאַרמלקע האָט זיך געשטאַרקט. אַפילו די אַראַבער האָבן באַנומען די גרייס פון דער קאַטאַסטראָפע און אַז מען קאָן נישט איבערלאָזן אַ ייד בגילוי־ראש. עס איז געוואָרן אַ געשריי ביי אַלע וואַגאָן־פענצטער. סע האָבן גע־שריגן סיי יידן און סיי אַראַבער. דער „לײדיקגייער״ איז ברוך־השם נישט געווען טויב, און ער איז תמיד געווען אַ בעלן זיך אָפּצושטעלן.

ווען די באַן איז שטיין געבליבן אינמיטן די הרי־יהודה צווישן צרעה און אשתעל האָבן זיך אַלע פּאַסאַזשירן אַרויסגעלאָזט זוכן די פאַרלוירענע יאַרמלקע. בלויז דער אומגליקלעכער ייד איז געבליבן אין וואַגאָן מיט די הענט איבערן קאָפּ. ער וועט זיך דאָך נישט ווייזן אונטער די הימלען פון ארץ־ישראל בגילוי־ראש. די הרי־יהודה און זייערע ווינטן האָבן

נישט געהאַט אַזעלכע גזלנישע הערצער צו פאַרטראָגן אַ ווייסע ירושלימער יאַרמלקע ערגעץ־וואו קיין בויבעריק. צו דער גרויסער שמחה פון יידן און ישמעאלים און צו דער פרייד פון „ליידיקגייער" האָט זיך די יאַרמלקע באַלד געפונען. די הרי־יהודה האָבן זי געהאַלטן ווי געטרייע מאַמעס אין איינעם פון זייערע רויטע אויסגעברענטע שפּאַלטן. דער ייד האָט זיך צוריק אָנגעטאָן די יאַרמלקע אויפן קאָפּ און דער „ליידיקגייער" האָט אויפ־גענומען זיין וועג קיין ירושלים.

## קאַפּיטל זעקס און דרייסיק

געזאַנג צו דער שטאָט ירושלים.. תהילים־לאַנד־
שאַפטן אַרום ירושלים. דער גאַנג אַרום די מויערן.
די כותל־מערבי אין דער טונקלקייט פונעם קיניגלעכן
ירושלים. יידישע אָרעמקייט. די מאַמע רחל קומט ביי־
נאַכט צו דער שטילקייט פון כותל־מערבי און זאָגט
דאָרט אין זינג־זאַנג די תחינות פון שרה בת־טובים.

ירושלים, הייליקע שטאָט, דורות יידן, יידן אויפן גאַנצן פּלאַנעט פון דער ערד, האָבן דיך תמיד דערמאָנט מיט אַ הייליקן ציטער. דו האָסט פול געמאַכט זייער געמיט און דאָס געבעט פון זייערע הערצער. דו ביסט געווען די וואונדערלעכע שטאָט פון תהילים. — יידן — פונעם גרעסטן למדן ביי דער גמרא ביז צו דעם פּראָסטעסטן ייד אויף דער קעלניע פון אַ באַלאַגאַלישער בויד — איז אַזוי היימיש געווען דיין געשטאַלט. דיין געשטאַלט איז דערהויבן געוואָרן צו דער גאָלדענער בלויקייט פון די הימלען וואו מויערן פון פייער רינגלען דיך אַרום און מלאכים בלאָזן אַרום דיר מיט גאָלדענע שופרות. יידן האָבן אויסגעבויט דיין איידל הער־לעכקייט אויף די פליינען פין דער צוקונפט ווען משיח וועט אויף אַן אָרעם יידיש אייזעלע אַריינקומען צו רייטן אין דיינע מויערן. די צדיקים וועלן אין זייערע פּאַלעס ברענגען צו דיר דאָס פאָלק ישראל ווי די יידישע מאַמעס האָבן זייערע קינדערלעך געברענגט אין חדר אַריין. די אָבות וועלן צוריק קומען אויף דיין ערד. די מאַמע רחל וועט אויסשפּרייטן אירע ווייסע איידעלע הענט און בענטשן אין דיר אירע שבת־ליכט. ירושלים! מיין מאַמע האָט מיר געזונגען וועגן דיר ווען זי האָט מיך איינגעוויגט צום שלאָף. מיין רבי האָט מיר דערציילט וועגן דיר ווען ס'איז אים געווען גוט אויפן האַרצן. ירושלים, הייליקע שטאָט, דו קוקסט אויס אַקוראַט פונקט אַזוי ווי יידן האָבן וועגן דיר דערציילט.

---

איך קאָן נאָך היינט נישט פאַרגעסן דעם שטאַרקן איינדרוק וואָס כ'האָב געהאַט ווען איך בין אַראָפּגעגאַנגען פון דער טערקישער באַן און

מיינע פיס האָבן געשטעלט די ערשטע טריט אויף דער ערד פון ירושלים. איך בין שפּעטער געווען אין אַ סך באַרימטע שטעט, שטעט וואָס זיינען געווען די שויפּלעצער פון די גרעסטע געשעענישן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, ווי אַטען, רוים און קאַרטאַגע. אויף אַזעלכע היסטאָרישע פּלעצער האָבן מיר תמיד דאָס געפיל אַז מיר וועקן אַרויס מיט אונדזערע טריט די גרויסע אילוזיע פון דורות, מעשים און געשיכטעס, וואָס דרימלען אין דער דאָזיקער ערד. מיר האָבן דעם איינדרוק, אַז מיר טרעטן אַרויס פון דעם קורצן שפּאַן וואָס עס באַטייט אונדזער לעבן, און מיר קומען אַריין אין דעם קרייז וואו עס גייט דאָס אייביקע שוישפּיל פון דער מענטשהייט. מיר טרעטן אַרויף אויף דער וועלט-בינע אין אַ קליינער פּויזע צווישן געשעעניש און געשעעניש.

דאָס געפיל וואָס איך האָב געהאַט אין ירושלים קאָן איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אין רוים און אין אַטען לעבן נאָך די חורבות פון דער גרויסער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט, די קאָלאָסאַלקייט פון דער אַלטער רוימישער מאַכט און די קלאַסישע שיינקייט פון גריכישער אַרכיטעקטור. פון אַלטן ירושלים איז כמעט מער נישט פאַרבליבן ווי דאָס געשטאַלט פון איר טאָפּאָגראַפיע, דאָס בלויזע בילד פון איר ערטלעכקייט. „ציון שדה תחרש", זעלטן-וואו האָט זיך אַן ערד אויסגעטאָן פון איר ערדישקייט ווי ירושלים. מעגלעך, אַז דאָס געפיל איז ביי מיר געווען ווייל איך בין אַ ייד און ירושלים האָט זיך ביי מיר געבונדן מיט טויזנט ביבלישע פאָרשטעלונגען. אָבער ניין, איך האָב שפּעטער אין מיין לעבן געזען אַ סך וואונדערלעכע ערטער. ווען מען זעט ירושלים קאָן מען גוט פאַרשטיין די עקסטאַטישע געזאַנגען צו איר, ווי די ציון-געזאַנגען פון יהודה הלוי. די ירושלימדיקע ערד איז פולשטענדיק געבליבן ביי איר תהילימדיקער לאַנדשאַפט. זי איז אַ תהילים-לאַנדשאַפט. זי האָט אין זיך די אידעלע קיניגלעכקייט סיי פון תנ"ך, סיי פונעם מדרש, סיי פון די מעשיות פון יידישן פאָלק און סיי ווי יידישע מייסטערס האָבן זי אויסגראַווירט אויף זילבערנע קידוש-בעכער און בשמים-ביקסן. די בערג אַרום ירושלים גיבן אָפּ דעם כאַראַקטער ווי זיי זיינען געשילדערט אין די „שיר-המעלותן", „ירושלים הרים סביב לה". דער טאָל קדרון, דער וועג קיין בית-לחם וואָס הייבט זיך אָן באַלד היגטערן באַרג ציון.

נאָר דאָס שענסטע און דאָס הייליקסטע, וואָס האָט נישט אויפגע־הערט צו ברענען אין מיין נשמה במשך די עטלעכע וואָכן וואָס איך בין געווען אין ירושלים, איז דער גאַנג אַרום אירע מויערן. די ירושלימער מויערן רינגלען אַרום ווי אַ פרומער אָרנאַמענט פון אַלטן עלעפאַנט־ביין די אַלטע שטאָט און די אידעלע הויכענישן אויף וועלכע ירושלים איז געבויט. זיי רינגלען זיי אַרום ווי אַן אָרנאַמענט און ווי די זיידענע גאַרט־לען, וואָס וויקלען אַרום די הייליקע פאַרמעטן פון אַ ספר־תורה. דער גאַנג אַרום די מויערן פון ירושלים האָט טאַקע אין זיך, ווי מען וואָלט פאַר די בליקן פאַנאַנדערגעוויקלט די יריעות פון חומש און תנ״ך און אָנגע־הויבן צו לייענען אין זיי מיטן זינג־זאַנג פון אַלטן יידישן תורה לערנען. די לאַנדשאַפטן פון ירושלים וויקלען זיך אויף פאַר דיינע בליקן, טריט ביי טריט זעסטו אַן אַנדער בילד פון תנ״ך און פון אַלטער יידישער גע־שיכטע. אַט קומסטו צו די געשלענגלטע וועגן וואָס פירן אַרויף צום הר־הזיתים. דעם מעלה־הזיתים. אויף דעם דאָזיקן מעלה־הזיתים איז דוד המלך אַנטלאָפן פאַר זיין זון אַבשלום. עס קומט דיר אויס, אַז אויב דו וועסט אַ קאַפּעטשקע נעמען אויף אַרויפצו וועסטו נאָך אָנטרעפן דעם אַנטלויפנדיקן דוד המלך מיט זיין סוויטע. דו וועסט נאָך הערן דאָס ביטערע געוויין פון די אַנטלויפנדיקע. דוד המלך מיט דער גאָלדענער קרוין אויפן קאָפּ און מיטן וואַנדער־שטעקן אין דער האַנט זאָגט דאָס באַקאַנטע קאַפּיטל תהילים פון דודן וואָס אַנטלויפט פאַר זיין זון אַבשלום. דו זעסט דעם הר־הצופים אויף וועלכן טיטוסעס חילות זיינען געשטאַנען און מלחמה געהאַלטן מיט ירושלים. דעם הר־הזיתים וואו די פיס פון יאַהווע דעם יידישן גאָט וועלן שטיין און ער וועט אויסקוקן די וועלט און זי משפטן אין איר לעצטן טאָג. דעם הר־המוריה פון וועלכן עס שיינען נאָך אַראָפּ צו פלאַקערן די גאָלדענע דעכער פון בית־המקדש און עס שוועבט צווישן זיינע טונקעלע ציפּרעסן־ביימער דאָס געזאַנג פון די לוויים, אַ געזאַנג וואָס קאָן זיך עפּעס ווי קיינמאָל נישט אויסלעשן אויף יענער שטילער הויכעניש, וואָס קוקט אַראָפּ פון ירושלים ווי אַ קיניג־לעכע קרוין. דער פאַרמויערטער „שער הרחמים״ וואָס באַווייזט זיך פון די ירושלימער מויערן ווען זיי נעמען אַרום דעם באַרג־מוריה. דאָס דאָזיקע פאַרמויערטע טויער קוקט אויס ווי אַ פאַרשלאָסן האַרץ מיט אַ

גרויסע גאָלדענע און שטומע ליבשאַפט וואָס וואַרט נאָר דערויף זיך צו עפענען און צוריק אַריינצולאָזן קיין ירושלים דאָס פאָלק פון די יידן, אין יענעם טאָג ווען די פיס פון יאַהווע וועלן זיך שטעלן אויפן אָקעגנ־איבערדיקן הר־הזיתים און ס'וועט זיך פאַנאַנדערשאַלן דער גאָלדענער שופר פון משיחן.

נאָר איין טונקל טירל עפנט זיך אינמיטן דער קיניגלעכער גאָל־דיקייט פון די ירושלימער מויערן. עס איז אַ טירל פון אָרעמקייט און פון אָרעמעלייט אינמיטן דעם געמויערטן תהילים־געזאַנג אַרום ירושלים. עס איז דאָס קליינע שטילע טירל, וואָס פירט צו דער כותל מערבי. אין אירע טונקלקייטן האָט ירושלים באַהאַלטן די טיפע יידישע וועלט־אָרעמ־קייט פון גלות, — און דאָס נעמלעך, די כותל־מערבי.

זי ליגט באַהאַלטן אין די מויערן פון ירושלים ווי דאָס הייליקע און טייערע אין די הערצער פון יידן אין גאָר דער וועלט, ווי דער טרויער און אומעט פון יידישן געמיט, און ווי אַ פרומע תחינה מיט וועלכער דאָס יידישע געבעט פּרוּאווט צו עפענען די הימלען פון ירושלים און פון דער וועלט. די אָרעמקייט פון דער דאָזיקער יידישער וואַנט אינמיטן די זוניקע און איידעלע שיינקייטן פון ירושלים איז ממש סימבאָליש, און אויך אין דער טונקלקייט פון איר געסל לייכט די וואַנט ווי די צניעותדיקע שמייכ־לען פון די יידישע באָבעס אין די שטעטלעך פון פוילן, די באָבעס, וואָס האָבן שבת געלויכטן אין זייערע טערקישע טיכער. זי לייכט אין איר שטילער באַשיידנקייט און אין איר יידישן טרויער ווי עס לייכט אינגערלעך און טיף דאָס אָרעמע און אוממעכטיקע יידישע לעבן אויף די פלאַכן פון דעם פלאַנעט פון דער ערד.

די שטיינער — צו וועלכע יידן קוקן אַהין פון אַלע ווינקלען פון דער וועלט און ביי וועלכע יידן וויינען שוין פון דורות — זיינען שוואַרץ און פייכט פון יידישע טרערן און קושן וואָס דורות יידישע ליפן האָבן זיי געקושט ווי מען קושט אַ סידור און די מענטעלעך פון ספרי־תורות. פון צווישן די שטיינער־שפּאַלטן קוקן אַרויס אומהיימלעכע גראָזן, גראָזן, וואָס וואַקסן פון יידישע טרערן. די שטיינער זיינען באַשריבן מיט נעמען פון יידן און יידענעס, וואָס בעטן דאָ רחמים און גיסן אויס פאַר דער דאָזיקער וואַנט דאָס ביטערקייט פון זייערע פערזענלעכע נויטן און די

נויטן פון כלל ישראל. דורות־לאַנג דויערט עס שוין. דורות־לאַנג שפּאַרן ייִדן אַן זייערע קעפּ ביי דער דאָזיקער וואַנט, און אַרום איר אויף די נאַקעטע שטיינער זיצן אָרעמע ייִדן, אָרעמע ירושלימער ייִדן, ייִדן בעט־לערס און ייִדן קאַליקעס. די נאַקעטסטע ייִדישע אָרעמקייט וואָס איז אַהער געקומען פון אַלע עקן וועלט. קופּקעלעכווייז זיצן זיי אַרום דער כותל־מערבי אין זייערע שמאַטעס און מיט אויסגעשטרעקטע נאַקעטע פאַר־וואָרלאָזטע הענט, גלייך ווי זיי וואָלטן געוועזן דער כּאַרוס פון דעם ייִדישן טרויער און געבעט וואָס טראָגט זיך נעבן די פייכטע באַשריבענע שטיי־נער פון דער כותל־מערבי.

ביינאַכט ווען די מויערן פון ירושלים פאַרזינקען אין פינצטערניש, — צי אין די נעכט ווען די לבנה שיינט־אויף איבער די הויכענישן פון ירושלים ווי אַ טויטע געשטאָרבענע זון און די מויערן פון ירושלים באַגיסן זיך מיטן ווייסן לבנה־ליכט, דאַן שטייט אויף די מאַמע רחל פון איר קבר צווישן ירושלים און בית־לחם. זי גייט אין אירע תכריכים פאַר־ביי דעם באַרג ציון און זי גייט אַריין אין דער מויער־עפענונג וואָס פירט צו דער כותל־מערבי. די וואַנט איז איצט פאַרלאָזן פון ייִדן. די מאַמע רחל קומט צו איר צו. זי צינדט אָן ביי דער כותל־מערבי צוויי גראָשנדיקע ליכטעלעך און זעצט זיך אַוועק אויף די שטיינער וואו עס זיינען געזעסן די אָרעמסטע ייִדן. אין דער ביינאַכטיקער שטילקייט אינמיטן די מויערן פון ירושלים זאָגט די מאַמע רחל אין זיסן זינג־זאַנג די ליב־האַרציקע תחינות פון שרה בת טובים.

## קאַפּיטל זיבן און דרייסיק

די ערד איז אַן ערפּורכטיקער שטערן, צור ישראל. באַטרעט ניעשט דעם באַרג מוריה! אין מיינע סאַשן — זער תנ״ך און דער יידישער קריג פון יאָזעפוס פלאַוויוס. זטאונגען אויפן הייליקן באַרג, אוועק פון דאַנען, ייד!

אין נעאַפּאַל נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. די גאָטישע קירך. גאָטישע טונקלקייטן. יעזוס הענגט אויף אַ בוים אין גאָטישן וואַלד. אַ לומדישער חסידי־שער יונגערמאַן פון די שטעטלעך אין פּוילן. יעזוס דאַוונט שמונה־עשרה אינעם גוישן הייליקטום. אַ רוימישע מאַטראָנע. דער חשבון. ערגעץ־וואו הענגען וואָג־שאָלן אויף וועלכע עס ווערט אויסגעמאָסטן דער לעצטער חשבון.

דאָס איין פּלוג — אומהיימלעכע יידישע געזעץ אַז נאָכן חורבן טאָר דער פוס פון אַ ייד נישט באַטרעטן דעם הייליקן באַרג פון בית־המקדש, האָט אויף מיר פון תמיד געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. מיר מענטשן האָבן זיך צוגעוואוינט צו דעם פּלאַנעט פון דער ערד ווי צו דער וואָכע־דיקסטער זאַך. ער האָט איין אונדזערע אויגן פאַרלוירן פון דער קאָסמי־שער ערפּורכטיקייט פון אַ שטערן. וואָרעם אויך אונדזער ערד איז נאָר איינער פון די שטערן אין די אומענדלעכע הימלען. כאָטש אויף איין פּונקט איז דער שטערן ערד צוריק אויפגעהויבן געוואָרן צום מיסטעריום פון זיין קאָסמישער מדריגה. ער איז צוריק געוואָרן דאָס ערפּוכטיקע געהיימ־ניש פאַר וועלכן דער מענטש מוז זיך אָפּשטעלן און עס נישט באַרירן מיט זיין פוס.

אַז יידן האָבן פאַר דעם דאָזיקן פּונקט אויסגעקליבן דעם באַרג מוריה, איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. די געשיכטע פון יידישער גייסטיקייט, פון יידישער גאָט־באַציאונג און יידישער האָפענונג איז פאַרבונדן מיט דעם דאָזיקן פעלז. יאַהווע דער גאָט פון יידן האָט זיך גערופן „צור ישראל", דער פעלז פון יידן, און ער האָט זיין הערלעכקייט פאַרבונדן מיט אָט דעם באַרג, ווי אויך זיין טרויער וועגן יידן און זיינע צוזאָגן וועגן זיי און וועגן זייער ראָל אין דעם שוישפּיל פון דער וועלט.

איך בין שוין דעמאָלט נישט געווען פרום. פונדעסטוועגן האָב איך נישט געוואָלט באַטרעטן דעם באַרג מוריה. די בענקשאַפט אָבער צו זען זיינע פלאַכן, האָט אין מיר געברענט. נישט ווייט פון דער חורבה פון

ר׳ יהודה החסיד אין ירושלים איז פאַראַן אַ קליינע עפּענונג פון וואַנען מען קאָן אַריינקוקן אויפן באַרג. איך בין אַהין געגאַנגען זיך אַוועקשטעלן און זען. איך קאָן מיך נישט דערמאָנען צי איך האָב עס געטאָן בכוונה, צי עס איז געווען צופעליק, — איןביידע מיינע טאַשן האָב איך געהאַט דעם תנ״ך און דעם „יידישן קריג״ פון יאָזעפוס פלאַוויוס.

דער באַרג מוריה איז געלעגן פאַר מיינע בליקן אַ באַגאָסענער מיט זון, אָבער אין אַ מאָדנער טיפער שטילקייט. ס׳האָט זיך געדוכט אַז מען הערט די פליגן וואָס זשומען אין זיינע שטילקייטן. איינצלנע ציפּרעסן־ביי־מער זיינען אומבאַוועגלעך געשטאַנען אינמיטן די זוניקייטן פונעם באַרג ווי אומעטיקע און שוואַרצע טרויער־פלאַמען וואָס אין טיפער צניעות האַלטן זיי אין זייער פלאַקער און היטן זיך איין אין אים ווי אין אַבל־געוועגדער. אונטער די מויערן פונעם מאַרמאַרנעם אָמאַר־מעטשעט איז געזעסן אַן אַראַבער מיטן פנים צווישן די קניען און געשלאָפן אין דער זון־וואַרעמ־קייט. דער הר־הבית האָט אויסגעקוקט ווי אַ שוי־בינע אין דער פויזע פון אַ גרויסן שוישפּיל ווען די שוישפּילער זיינען דערוויילן אַראָפּ פון דער סצענע — יענע פויזעס אין די גרויסע טראַגעדיעס וואָס פאַרטיפערן דאָס שפּיל און דאָס האַנדלענדיקע שיקזאַל קוקט אויס נאָר איינצוהאַלטן זיין אָטעם כדי צו קענען נאָך שטאַרקער אויפטרעטן. איך האָב געקוקט אויף דער דאָזיקער ליידיקער בינע פון די גרעסטע און דערהויבנסטע וועלט־געשעעענישן און מיר איז באַשיימפּערלעך אויסגעקומען ווי אַלע יידישע וויזיעס וואָס שלומערן אין מיר אין שייכות מיט דעם דאָזיקן אָרט, שיינען אַרויסצוטרעטן אויפן הר־הבית ווי לופטיקע געשפּענצטער, רייך אין דער שפע פון זייער ליכטיקייט. די דורות יידן וואָס האָבן דאָ געהאָפט און געקעמפט שטייען אויף פון דער שטילקייט פון הר־הבית און מאַר־שירן פאַרביי שאָאַרנווייז. עס שוועבן נאָך אין די דאָזיקע ערפורכטיקע לופטן די שאַלונגען פון די גאָלדענע שופרות פון די לווים, די געבעטן פון פאָלק ישראל און דאָס געקלינג פון בבלישן און רוימישן וואָפן, די פייערן פון יידישער הייליקייט, און די פייערן פון חורבן.

איך האָב געקוקט און אין מיר אינעווייניק און אינדרויסן אויף די שטילע באַרג־פלאַכן איז מיר אויסגעקומען ה׳ איך וואָלט געזען דעם אייביקן גאַנג פון יידישע דורות.

פלוצעם האָב איך געהערט נעבן מיר אַ הייזעריק געקוויטש, ווי אַ צעיזשעטע קראָ וואָלט מיר אַריינגעשריגן אין די אויערן:

— אַוועק פון דאַנען דו קרעציקער, דו פאַרשאָלטענער ייד.

אַלע וויזיעס האָבן זיך מיט אַמאָל פאַרלאָשן. פאַר מיר איז געשטאַנען אַן איינגעבויגענע אַלטע אַראַבקע. זי איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין צעפויל־טע שמאַטעס פון וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעזען שטיקער פון ברודיק איינגעטריקנט לייב. זי האָט געהאַט רויטע דערצונדענע אויגן פון טראַ־כאָמע. דער קראַנקהאַפטיקער טראַכאָמע־אייטער האָט איר געקלעפּט אַרום די קליינע אויגן ווי געל־ווייסע עקלהאַפטיקע טרערן. די דערצונדענע אויגן האָבן געקוקט אויף מיר מיט דער גאַליקער בייזקייט פון אַ קראַנקע פאַרוואונדעטע חיה. דאָס ציינלאָזע מויל האָט זיך געשאָקלט איבער דער שפּיציקער זקנישער גאָמבע.

— אַוועק פון דאַנען, דו קרעציקער ייד, האָט זי נישט אויפגעהערט צו קוויטשען. זי האָט אויפגעהויבן צו מיר אַ פּאָר קליינע פאַרדאַרטע פויסטן און מיך געדראָט. דאַן האָט זי געטאָן אַ כראַקע און אויסגעשפּיגן פאַר מיר.

איך האָב אָנגעקוקט דאָס דאָזיקע עקלהאַפטיקע אַלטע ווייבערישע נפש. זי האָט נישט אויפגעהערט מיך צו זידלען און צו דראָען מיט די פויסטן. אין מיר טיף האָט געברענט אַ באַליידיקנדיקע חרפּה. גאַנצע דורות האָבן געברענט אינעווייניק אין מיין ביטער חרפּה־געפיל. דער הר־הבית איז געלעגן אין זיין זוניקער שטילקייט. די עטלעכע שלאַנקע ציפּ־רעסן־ביימער אויף זיינע פלאַכן האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געברענט אין זייערע שוואַרצע שווייגנדיקע פלאַמען. די אַלטע אַראַבקע האָט נישט אויפגעהערט צו פלוכן.

איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און בין אַוועקגעגאַנגען. דער תנ״ך און דער „יידישער קריג״ וואָס זיינען געלעגן אין מיינע טאַשן, זיינען מיר שווער געווען ווי שטיינער.

---

דער סוף פון דעם דאָזיקן געשעעניש האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט צען יאָר שפּעטער אין די ציטן וואָס באַלאַנגען צו דעם שטח פון די ווייטערע בענדער. אָבער איך וועל עס איצט דערציילן.

ס׳איז געווען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין די מלחמה־יאָרן איז די וועלט פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט. מיליאָנען און מיליאָנען מענטשן זיינען אומגעקומען אויף די שלאַכט־פעלדער, אומגעקומען פון הונגער און מגפות. שוין דעמאָלט האָט מען געזען וואָסערע מערדערישע און זעלבסט־מערדערישע חיה עס איז דער מענטש.

דאָס בלוט האָט אויסגעטריקנט. די טויטע אונטער דער ערד האָט מען גיך פאַרגעסן. די גרענעצן האָבן זיך געעפנט. די וועלט האָט זיך מכלומרשט צוריק אָנגעטאָן דעם מאַנטל פון שלום. מיין ערשטע רייזע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען קיין איטאַליע.

נעאַפּאָל איז ווידער פאַרפלייצט געווען מיט טוריסטן, ווייבער, געזאַנג און וויין. עס האָט געבליט דער פרילינג, די מאַנדלען און די פּאָמע־ראַנצן. פונדערווייטנס אויף דעם בלוי־גאָלדענעם ים ליגט די אינדזל קאַפּרי ווי אַ שווערער אייביקער נעפּל. איבער נעאַפּאָל האָט זיך געקרויכערט דער פייער־שפּייענדיקער באַרג וועזוואוו. צופוסנס דעם וואולקאַן — דאָס אַנטיקע חרובע פּאָמפּעע.

אין אַ געוויסן טאָג בין איך מיך פאַרגאַנגען אין די זייטיקע הינטער־געסלעך פון דער דאָזיקער שטאָט. אין אַ לאַבירינט פון גרויסע טונקעלע און אָפּגעריסענע הייזער וואו עס וואוינט די איטאַליענישע אָרעמקייט. פּלוצעם בין איך ערגעץ אין אַ טונקל געסל צוגעקומען צו אַ גרויסע און אַלטע גאָטישע קירכע.

די ברייטע פאָדער־וואַנט פון דער קירכע האָט זיך אָפּערגעהויבן פון אינמיטן די אָפּגעריסענע הייזער ווי אַ שער־בלאַט פון אַ מיטלאַלטער־לעך ספר. זי האָט פאַרנומען דעם בליק מיט איר פרומער און טונקעלער רחבות, — און ווי זי וואָלט נישט געלאָזט ווייטער גיין. פון אירע פלאַכן האָבן מיט פאַרגלייזטע אויגן אַראָפּגעקוקט פיגורן פון קאַטוילישע הייליקע, גלחים און נזירים אין שטיינערנע קירכן־געוואַנדער און אין שפּיציקע היט, — אַ שטיינערנע פּראָצעסיע פון פרומע פּילגרימען מיטן געקריי־ציקטן יעזוס אינדערמיט האָט שווער און ווייגענדיק געשלייכט איבער דער טונקעלער וואַנט.

די פּאָרטאַלן פון דער גאָטישער קירכע זיינען געווען פאַנאַנדער־געפּראַלט אין דעם אָרעמען געסל אַריין. די אומהיימלעכע גאָטישע טונקל־

קייטן האָבן פון אינעווייניק פון דער קירכע אַרויסגעהויכט דורך די פּאַר־טאַלן ווי די מיסטעריעזע געבייען פון אַ שטרענגער און פאַנטאַסטישער וועלט. גאָר ווייט אינעווייניק אין די טונקעלע טיפקייטן פון דער קירכע האָט מען געזען ווי עס ברענט אַ שורה פון גרויסע ווייסע ליכט.

איך בין אַרויפגעגאַנגען די עטלעכע טרעפּ צו די געעפנטע פּאָרטאַלן און בין אַריינגעקומען אין דעם פעדער־הויז פון דער קירכע.

מיך האָט אַרומגענומען אַ פרעמדאַרטיקע קילקייט. זי האָט אויסגע־קוקט אַרויסצוהויכן פון די נאַקעטע שטיינערנע זיילן וואָס זיינען געשטאַ־נען און זיך געצויגן אין דער הויך אונטער טיף־פאַרשאָטנטע דאַך־גע־וועלבן. גאָטישע זיילן ווי ביימער־שטאַמען פון אַ געטער־וואַלד. עס האָט זיך אַרומגעטראָגן דער באַקאַנטער פאַרדומפּעצט־פרומער ריח פון קאַ־טוילישע תּפלהעס.

אונטער איינעם פון די זיילן איז געווען צוגעקלאַפּט אַ שוואַרצער סאַרקאָפאַגאַרטיקער בעקן מיט הייליק וויי־וואַסער. איבער דעם שוואַרצן בעקן איז געהאַנגען דאָס געשטאַלט פון יעזוס.

דער ערשטער בליק אויף דעם דאָזיקן גויאישן געטער־בילד וואָס האָט צו מיר אַראָפּגעקוקט פון מיטן די געוועלבן פון דעם קאַטוילישן גאָטיק האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן און מערקווירדיקן איינדרוק. עפּעס אַזוי ווי אַ נאַקעטער און אָרעמער פּוילישער ייד וואָלט אויף מיר געקוקט. דאָס יעזוס־בילד אויפן צלם איז געווען געשניצט אויס אייל־בירטן־האָלץ, און ז׳עם קינסטלער איז אויף אַן אויסטערלישן אופן גע־ראָטן צו געבן אַ לומדישן און חסידישן יונגנמאַן. אַ יונגנמאַן ווי מען טרעפט אים אין די חסידים־שטיבלעך אין די שטעטלעך פון פוילן. דער נאַקעטער אויסגעדאַרטער יעזוס מיט דער דערנער־קרוין אויפן קאָפּ, אַ דערנער־קרוין, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ קידהש שטריימל, מיטן האַנ־טעך אויף די לענדן — גלייך ווי ער וואָלט אָקערשט געווען אין אַ מקווה און מיטן שפּיציקן אויסגעקראַכענעם חסידישן בערדל, האָט געהאַנגען דאָ אַקעגנאיבער מיר א׳ין די פאַנאַנדערגעבויטע טונקלקייטן פונעם מיטלאַל־טערלעכן גאָטיק. עפּעס ווי אַ פרעמדער אָרעמער ייד וואָס איז זיך פאַרגאַנ־גען אין אַ וואַלד און איז זיך פאַרקראָכן אויף אַ באַהעלטעניש און קוקט צו מיר אַראָפּ, הגם ער האָט אויסגעקוקט מיך נישט צו זען. מיט זיין אין דער זייט פאַרבויגענעם קאָפּ און מיט זיינע חסידישע פאַרגלייזטע אויגן

האָט ער אינמיטן די גויאישע גאָטישע טונקלקייטן אויסגעקוקט צו דאָ־ווענען שמונה־עשרה. בלויז די נאַקעטע פיס זיינע האָבן אַראָפּגעהאַנגען איבערן שוואַרץ־מאַרמאָרנעם בעקן מיט וויי־וואַסער, — אָרעמע אויסגע־דאַרטע און בלאַסע יידישע פיס מיט אויסגעקרימטע פינגער.

איך האָב צו אים אַרויפגעקוקט ווי איך וואָלט נאָר געוואַרט דערויף אַז ער זאָל ענדלעך אָפּדאַוונען שמונה־עשרה, און מיר, צוויי יידן אינ־מיטן טונקל־אומהיימלעכע און שווייגנדיקע גאָטישע געבייען זאָלן זיך געבן שלום־עליכם און פרעגן איינער דעם אַנדערן: פון וואַנען קומט אַהער אַ ייד? אָבער איך האָב כסדר געשוויגן און געקוקט. יעזוס האָט אַלץ פאַרגלייזט די אויגן און געהאַלטן דאָס חסידישע קעפּל פאַרבויגן אין אַ זייט, דאָס אָרעמע האַנטעך אויף די אויסגעדאַרטע לענדן, די אויס־געקרימטע אָרעמאַנסקע פינגער איבערן שוואַרצן וויי־בעקן.

פּלוצעם הער איך הינטער מיר טריט. אַ שלאַנקע מאַיעסטעטישע פרויען־געשטאַלט אין טונקעלן געקליידט קומט שטיל אַריין דורך די צע־עפנטע קירכע־פאַרטאַלן. זי קוקט זיך אַרום. איך קוק זי אָן. איר געשטאַלט און איר פּנים דערמאָנען אָן די אַנטיקע שטאָלצע און מוטערלעכע רוי־מישע מאַטראָנעס, וועלכע מען זעט אין די מאַרמאָרנע פיגורן אין אַלע מוזייס פון רוימישן אַלטערטום. זי האָט געטראָטן שטאָלץ און קיניגלעך איבער די שטיינערנע דילן פון דער קירכע און זי האָט אויסגעקוקט קיינעם נישט צו זען. זי איז צוגעגאַנגען צום שוואַרצן בעקן מיט וויי־וואַסער, לייכט איינגעטונקט דאָרט אירע פינגער. דאַן האָט זי מיט איר פולער קיניג־לעכער געשטאַלט אַנידערגעקניט פאַרן יעזוס־בילד, פאַר דעם דאָזיקן אָרעמען אויסגעדאַרטן פּויליש־חסידישן ייד וואָס האָט כסדר ווי געדאַוונט שמונה־עשרה, — מיט אירע ליפּן פרום אָנגערירט די אָרעמע אויסגע־קרימטע פינגער פון זיינע פיס.

איך האָב אַ ציטער געטאָן. איך האָב מיך דערמאָנט יענע סצענע מיט מיר פאַר די פליינען פון הר־הבית, און איך האָב געפילט ווי די טיפע באַליידיקונג וואָס האָט נאָך געברענט אין מיר האָט באַקומען איר פולע באַצאָלונג. איבער דעם אומענדלעכן כאַאָס וואָס הייסט קאָסמאָס מוזן פאַרט ערגעץ־וואו הענגען וואָג־שאָלן אין וועלכע עס ווערט אויס־געמאָסטן דער לעצטער חשבון. יענע וואָג־שאָלן וויגן זיך און וויגן זיך איבער אַלע מענטשלעכע דורות.

## קאַפּיטל אַכט און דרייסיק

צפת — ירושלים של מעלה. מלאכים און צדיקים וואַנדערן צוזאַמען אַרום אין גרויס היימישקייט. שבירת הכלים. די צעבראָכענע יידן און דאָס צעבראָכענע לאַנד. דער האר״י הקדוש אין צפת. עס עפענען זיך אַלע קוואַלן פון סוד. די עופות און די קעלבלעך אין צפת. שבת מלכתא. אין די הייליקע בין־השמשותן פון צפתער שבת. מלאכים שטופן זיך אין די הימלען איבער צפת, כדי צו האָרכן די יידישע געזאַנגען אין די טונקלקייטן פון שבת.

נעבן די קיניגלעכע קרוין, וואָס לייכט ווי אַ זון איבער די הויכע־ נישן פון ארץ־ישראל און זי הייסט ירושלים, האָט דאָס ידישע געמיט נאָך אַ וואונדערלעכע קרוין פון דעם מלכות פון ידישער פאַנטאַזיע. מען האָט זי אוועקגעשטעלט אינמיטן די בערג פון גליל. דאָס איז צפת. ידן האָבן געוואוסט, אַז דער רבונו־של־עולם האָט נישט פאַרגעסן די שטאָט ירושלים. אויבן אין דעם זיבעטן הימל, נאָענט צום כסא־הכבוד האָט ער אויפגעבוים איר געשטאַלט פון שענסטן הימלישן פייער. אַ פראַגמענט פון דעם דאָזיקן הימלישן געביי פון ירושלים של מעלה האָבן די גרויסע יידישע מיסטיקער, די מקובלים, מיטן כוח פון זייערע השבעות און געבעטן אַרונטערגעבערענגט אינמיטן די העכסטע און שענסטע בערג פון גליל און אַוועקגעשטעלט אַ הימלישע יידישע שטאָט אין צפון פון ארץ־ישראל. אויב די לאַנדשאַפטן אַרום ירושלים זיינען קאַפּיטלעך תהילים, זיינען די לאַנדשאַפטן אַרום צפת פרשות פון „זוהר". ערד און הימל, „די וועלט" און „יענע וועלט", אַנטפּלעקונג און סוד ליגט דאָרט בייזאַמען אין דעם בילד פון צפתער אַרומקייט. אַרום און אַרום די נאַקעטע גלילער בערג, און אויף די פעלדער מיט איילבירטן־ביימער און פייגן־ביימער, ליגן פאַנאַנדערגעשפּרייט געהיימנישפולע טונקעלע היילן, קברים פון תנאים און אַמוראים, חורבות פון אַמאָליקע שולן און אַנדערע אויסטערלישע און הייליקע חורבות, וואָס מען ווייסט שוין צומאָל נישט זייער באַטייט, נאָר זיי זיינען אַרומגעוועבט און אַרומגעשוועבט מיט מיסטישע מעשיות און לעגענדעס פון אַלע אומבאַקאַנטע ספערעס פון דער ערד און פון די אויבער־שטע ספערעס פון יידישער מיסטיק. מלאכים פון די הימלען און צדיקים פון

יידישן פאָלק האָבן דאָרט אַרומגעוואַנדערט אין צפת און אין איר סביבה און פאַרקערט צווישן זיך מיט אינטימסטער היימישקייט. זיי האָבן אַראָפּגעני־דערט פון די עולמות־עליונים און געקומען אין די קילע נעכט קיין צפת כדי צו לערנען מיט גרויסע יידן די סודות פון דער תורה און פון דער וועלט. עס איז נישט קיין וואונדער וואָס די ערד פון צפת האָט במשך פון הונדערטער יאָרן אויף זיך אויפגעהאַלטן גאַנצע דורות מיט די פרומ־סטע יידן, סיי ספרדים, סיי אַשכנזים, סיי יידן וואָס זיינען געשוואומען אין ים־התלמוד און סיי יידן וואָס האָבן געלעבט אין די ליכטיקע טונ־קלענישן פון דער קבלה.

צפת, דו וואונדערלעך פראַגמענט פון ירושלים של מעלה! דער האר״י הקדוש האָט געפירט זיין התבודדות אין אַביידל ביים מצרישן נילוס. די חורבות, די פּיראַמידן און ספינקסן פון אַלטן מצרים האָבן אין זייער שטומער שוויגעניש אויך אויסגעקוקט צו וויסן אַ סך פון די טיפסטע סודות און געהיימנישן פון דער וועלט און פונעם מענטש. אָבער דער האר״י הקדוש האָט וואויל געוואוסט, אַז דער לעצטער און גרעסטער צייכן פון אַלע געהיימנישן איז דער יידישער מענטש. זיין געדאַנק, זיין וואָרט און זיין געשטאַלט. דער האר״י הקדוש האָט געוואוסט: די געפעסן וואָס טראָגן אין זיך דאָס העלסטע געטלעכע ליכט קאָנען נישט דערטראָגן די שפע און זיי ווערן צעבראָכן, — און דאָס געטלעכע ליכט גיסט זיך פון זיי אַרויס איבער גאָר דער וועלט. די צעבראָכנקייט פון יידישן מענטש, זיין הכנעה און זיינע נאַציאָנאַלעליידן איבערן גאַנצן מענטשן־געשלעכט — אָט־אָ־די אָנמעכטיקייט פון יידישן גוף, האָט ער דער האר״י הקדוש, געמלעך באַטראַכט ווי די קאָסמישע „שבירת הכלים״ אין דער מענטש־לעכער געשטאַלט פון יידן, אַ געשטאַלט וואָס טראָגט גראָד אין זיך דאָס שטראַלנדיקסטע ליכט פון דעם געטלעכן. יידן זיינען די צעבראָכענע גע־פעסן, די „מאָנין תבירין״ צווישן די מענטשן. ווייל גראָד אין יידן האָט די געטלעכע שפע דערגרייכט איר העכסטע מדריגה, דעריבער זיינען זיי צעבראָכן געוואָרן, און פון זייער צעבראָכנקייט פליסט אַרויס דאָס טיפסטע און געהיימנישפולסטע ליכט איבער גאָר דער וועלט.

דער האר״י הקדוש האָט דעריבער פאַרלאָזט זיין התבודדות־ביידל ביים טייך נילוס און אַוועק אַהין אין דעם צעבראָכענעם לאַנד פון די צעבראָכענע יידן, אין די לאַנדשאַפטן וואָס זיינען די „שבירת הכלים״

פון דער וועלט, — צווישן די מערות און בערג פון צפת, און נישט ווייט פון דער הייל וואו דער „עתיקא קדישא" פון אַלע וועלטן — די העכסטע סיבה פון אַלע סיבות, דאָס אומענדלעכע אַבסאָלוטע, דער „אין סוף", וואָס טראָגט אין זיך צוגלייך אַלע ענדלעכקייטן — האָט אַריינגעלויכטן זיין ליכטיקסטן אמת צו אַ געיאָגטן ייד, ר' שמעון בר יוחאי, אַ ייד, וואָס האָט זיך פערצן יאָר געמוזט אויסבאַהאַלטן אין די ערד-פינצטערנישן פאַר דער שווערד פון די רוימער. אין יענע פינצטערנישן האָט געלויכטן דאָס ליכט פון דער וועלט אויף די בלעטער פון „זוהר".

ווען דער האר"י הקדוש איז געקומען קיין צפת האָט עס שוין דאָרט געווימלט צווישן יידן מיט די געהיימנישן פון דער וועלט. אַ מלאך איז אַלע נאַכט געקומען צו ר' יוסף קאָרו מיט אים צו לערנען די סודות פון דער תורה. ר' משה קאָרדיוואָראָ האָט געלערנט מיט יידן קבלה און געשריבן קבלה-ספרים.

ערשט מיטן אָנקומען פון האר"י הקדוש קיין צפת האָבן זיך דאָרט געעפנט אַלע קוואַלן פון סוד. צפת האָט ממש צו זיך אַראָפּגעצויגן די הימלען. אַלערליי גלגולים פון דורות יידן זיינען פון אַלע וועלטן אָנגעקומען קיין צפת און געקלאַפּט ביי די טירן און געבעטן תיקון און דערלייזונג. אַ סך יידישע גלגולים זיינען אַריין אין די כשרה קעלבעלעך און שעפעלעך וואָס האָבן זיך געפּאַשעט אין דער צפתער סביבה און געשטשיפּעט דאָרט די גראָזן וואָס האָבן געוואַקסן אויף די מערות און אויף די הייליקע קברים. אַפּילו אין די שטייגן פון עופות אין יידישע הייזער זיינען גלגולים אַריין אין די אינגעווייזן פון די עופות און דאָרט געוואַרט צו זען אַמאָל דעם האר"י הקדוש און זיינע תלמידים און צו בעטן ביי אים תיקון. צפת האָט אויפגעלויכטן ווי אַ ליכטיקייט, און אַלע, סיי מענטשן, סיי בהמות און עופות האָבן דערצו געגאַרט. נישט איינמאָל האָט זיך געטראָפן — לויט ווי עס דערציילט ר' חיים וויטאַל — אַז אַ קעלבעלע האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אין בית-המדרש אַריין, אויפגעשטעלט די אויערן כדי צו פאַרנעמען דאָס קול-תורה, געקוקט אויף יידן מיט גרויסע נאַאיווע אויגן, און אויסגעשטרעקט דעם האַלדז פאַרן צפתער שוחט כדי ער זאָל עס שעכטן מיט אַ כשרן חלף און מיט אַ ברכה און יידן זאָלן עסן דעם קעלבעלעס פלייש צו דער הייליקער סעודה פון שבת.

אויב צפת איז דאַן געווען דער ליכטיקסטער פונקט פון אַלע וועלטן,

האָט דער הייליקסטער טאָג פון אַלע וועלטן, דער טאָג פון שבת — וואָס ער איז צוגלייך די מלכּה פון פאָלק ישראל — מיט אַ באַזונדערער פייער־לעכקייט אָראַפּגענידערט צו די יידן פון צפת. פרייטיק פאַרנאַכט איידער די זון האָט זיך געזעצט און די הימלען איבער צפת האָבן זיך אָנגעהויבן אָנצוצינדן מיט די פייערן פון זייער פרומער הערלעכקייט, איז דער האר״י הקדוש מיט די צפתער מקובלים אַרויסגעגאַנגען אויף די פעלדער צו באַגעגענען די קיניגין שבת וואָס קומט צו יידן אויף גאָר דער וועלט. דער האר״י הקדוש האָט זיך איינגעהילט אין פיר ווייסע בגדים וואָס זאָלן סימבאָליזירן די פיר אותיות פון שם־המפורש, און צוזאַמען מיט די מקובלים אין גרויסער עקסטאַטישער התלהבות אַקעגנגעטאַנצט דער מלכּה שבת. אין יענע הייליקע בין־השמשותן האָט דער דיכטער ר׳ ישראל נאַגארה פאַרפאַסט זיינע געזאַנגען, און ר׳ שלמה אַלקאַוויץ האָט געזונ־גען דאָס גרויסע ליבע־ליד פון יידן צו דער שבת־מלכּתא, דאָס ליד פון „לכה דודי״, אַ ליד וואָס יידן האָבן נישט אויפגעהערט עס צו זינגען אין זייערע אַלע תפוצות. דער האר״י הקדוש אין זיינע פיר ווייסע בגדים האָט אויסגעזאָגט די טיפסטע סודות פון דער וועלט און די בשורה פון באַל־דיקע גרויסע געשעענישן.

צומאַרגנס אין די טונקלקייטן פון שלוש־סעודות, האָט זיך די מלכּה שבת געקליבן צו פאַרלאָזן יידן. דער האר״י הקדוש איז געזעסן צווישן די מקובלים און זיינע תלמידים ביי דער סעודה פון געזעגענען־זיך מיטן הייליקן טאָג. ר׳ ישראל נאַגארה האָט געזונגען זיינע געזאַנגען. פון אַלע זיבן הימלען זיינען אָנגעקומען די מלאכים און זיך געזאַמלט איבער צפת. זיי האָבן זיך געשטופּט אין די הויכענישן איבער צפת ווי חסידים ביים רבין. זיי האָבן צוגעהאַלטן די אויגן און מיט פאַרכאַפּטע הערצער אויפ־געהאָרכט דאָס יידישע געזאַנג אין די טונקלקייטן פון שבת.

## קאַפּיטל ניין און דרייסיק

עס איז נישט קיין לייכטער וועג קיין צפת. יידן און יידענעס רייטן אויף אייזעלעך. צפתער בחורים און יונגעלייטלעך אויף סוסים. עס רוקט זיך אָן לג־בעומר.

אין יענע טערקישע צייטן אין ארץ־ישראל איז דער וועג פון טבריה קיין צפת געווען גאָרנישט קיין לייכטער. צום גליל־העליון האָט נישט געפירט קיין שום וועג. צפת איז געלעגן ווי אַ באַהאַלטענע אָדלער־נעסט אין די בערג פון אויבערשטן גליל. באַלד הינטערן ים־כנרת האָט זיך די לאַנדשאַפט אָנגעהויבן צו נעמען אויף באַרג־אַרויף. עס איז געווען אַ שווערער גאַנג צווישן פעלזן און שטיינער. דער, וואָס האָט געגלייבט, אַז מיט אַ וואָגן צי אַ בריטשקע וועט ער באַוויזן זיך צו דערקלייבן אַהין צום העכערן גליל, האָט דערלעבט אַ ביטערע אַנטוישונג. דער וואָגן האָט גאָר נישט געקאָנט אַדורך. די סוסים האָבן געפּרייכט און געמאַכט מיט די זייטן, דער אַראַבישער באַלאַגאַלע האָט געשונדן דאָס לעדער מיט דער בייטש און די סוסים האָבן זיך באַגאָסן מיט שוים. דער וואָגן אָבער איז נישט אַדורך. מען האָט גאָר געמוזט במחילה אַרונטערקריכן און העלפן אונטערשטופּן דאָס פאָר־געצייג, און דעם שווערן וועג אויף באַרג־אַרויף מאַכן כמעט ווי צופוס נעבן וואָגן און נעבן די פערד.

באַהאַוונטע און קליגערע מענטשן האָבן טאַקע געוואוסט אַז מיט וועגענער וועלן זיי מיאוס אָפּשניידן. צפתער יידן און יידענעס וועלכע האָבן פון זייערע גלילער הויכענישן אַמאָל געוואָלט אַ קוק געבן אויף דער וועלט אונטן, צי גאָר פאָרן צו אַ קרוב אָדער אויף אַ חתונה קיין טבריה, האָבן עס געטאָן ווי אונדזערע אָבות און אמהות אין אַמאָליקן פאַרצייטנס. מען האָט זיך אַרויפגעזעצט רייטנדיק אויף פרומע אייזעלעך צי פריידהלעך און מען האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אונטן וואו עס הייבט זיך ערשט אָן די גרויסע וועלט. די פיס האָבן אַראָפּגעבאָמבלט כמעט ביז צו

דער ערד. דאָס צפתער אייזעלע איז זיך נישט געוואוינט געווען צו איילן. עס האָט געטראָטן בנעימות. ־ער ייד אויפֿן רוקן פֿון אייזעלע האָט דער־ווייל געקאָנט כאַפּן אַ קוק אין אַ ספר. דאָס אייזעלע האָט זיך טאַקע אַמאָל צערעוועט אינמיטן די בערג. נאָר יידן אין צפת זיינען געוואוינט געווען צום רעווען פֿון אייזעלעך און מ׳ען האָט עס געהערט ווי המן דעם גרעגער. ווען אַ יידענע האָט זיך אַמאָל געוואָלט אַראָפּלאָזן פֿון צפת קיין טבריה האָט מען דעם רוקן פֿון דעם אייזעלע אויסגעבעט מיט קישנס און פּערע־נעס. די יידענע האָט זיך דאָרט אָוועקגעזעצט ווי ביים טאָטן אין וויינ־גאָרטן און דאָס צפתער אייזעלע האָט פּאַמעלעך זי אָנגעהויבן אַראָפּצו־טראָגן איבער די בערג. מען האָט אויך אָפּט געקאָנט טרעפֿן ווי אַ ייד אין באָרד און פּיאות, מיט אַן ארץ־ישראלדיקן קירהשן קאַפּעלאַטש און אין אַ געלן זיידענעם שלאַף־ראָק זיצט רייטנדיק אויף אַן אייזעלע. יידן וואָס זיינען נישט אַרויסגעפֿאָר? פֿון צפת — און עס זיינען געווען אַ סך אַזעלכע יידן — זיינען פּאַמעלעכל געוואָרן זקנים און אַפֿילו קיינמאָל נישט אָנגעקוקט קיין ראָד פֿון אַ וואָגן. יונגע האַפּערדיקע צפתער יידן וואָס האָבן האָלט געהאַט שקאַצישקייטן זיינען אַראָפּגעריטן אויף פֿייערדיקע אַראַבישע פֿערד. צו זען אַ פֿרומען צפתער יונגנמאַנטשיק רייטנדיק אויף אַ סוס האָט נישט געהערט צו די גרויסע זעלטנקייטן.

עס האָט אָנגערוקט ל״ג־בעומר־צייט, ווען אויף ר׳ שמעון בר יוחאַיס קבר אין מירון זאַמלען זיך יידן פֿון אַלע תפוצות פֿון ארץ־ישראל און מען באַגייט זיין יאָרצייט. איך האָב געוואָלט זיין דערביי און געדונגען צוויי אַראַבישע פֿערד אויף צו רייטן קיין צפת און פֿון צפת קיין מירון. רייטן אויף אַ פֿערד האָב איך געקאָנט פֿון דלוטאָוו. אויך חנה האָט גוט געריטן. צוזאַמען מיט עטלעכע יונגעלייט וואָס האָבן זיך אויך גע־קליבן קיין צפת, האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

## קאַפּיטל פּערציק

דער גרויסער מקובל פון ארץ־ישראל, ר׳ גד גדליה טראָגט אַ פּעלצל אין תקופת־תמוז. ר׳ גד גדליה לאָזט זיך קיין מירון.

ר׳ לייבעלע אייזל־טרייבער. שפּיל זיך מיט די למד־וויוון די צדיקת ר׳ לייבעלעס אייזעלע. מען זעצט אַרויף דעם מקובל אויף ר׳ לייבעלעס אייזעלע. די פּראָצעסיע, אויפן וועג צווישן צפת און מירון. די זון זעצט זיך איבער די בערג פון גליל. די נאַכט צינדט זיך אָן פון די פּלאַקערן, אויף ר׳ שמעון בר יוחאָיס אוהל, געזאַנגען, עס לייכטן יידישע פּנימער, ר׳ גד גדליה רייט אין דער דערצונדענער יידישער נאַכט ווי אין אַן עולם־עליון.

בײַ די צפתער אַשכנזישע ייִדן איז דעמאָלט געווען אַ רב מיטן נאָמען ר׳ גד גדליה. ר׳ גד גדליה איז געווען אַ זקן כמעט בײַ די תשעים, און זײַן נאָמען אַלס גרויסער מקובל האָט געקלונגען איבער גאַנץ ארץ־ישראל. הגם די דורות זײַנען היינט שוואַכע און אפילו אין צפת זײַנען מער נישטאָ די גרויסע וואונדערלעכע ייִדן פון פאַרצײַטנס, פונדעסטוועגן האָבן אַלע געזאָגט, אַז ר׳ גד גדליה איז אַן איבערבלײַב פון די אַמאָליקע אַלטע מקובלים און האָט גרײַלעך כמעט געקאָנט זײַן פון דער הייליקער חברותא אַרום דעם האר״י הקדוש. מען האָט אויף אים געזאָגט אַז ער האָט חלומות פול מיט סודות־התורה און גלגולים קלאַפּן אָן בײַ זײַנע טירן און בעטן בײַ אים תיקון. ר׳ גד גדליה איז געווען פון די גרויסע צדיקים אין ארץ־ישראל און זײַן פּשטות און גוטסקייט האָט קיין שיעור נישט. בײַ זײַנע תשעים האָט ר׳ גד גדליה מיטן גוף שוין גישט געהאָט קיין שום מחזקות. זײַן גוף איז געווען קליין און אײַנגעדאַרט ווי אַ גרוגרת דר׳ צדוק, און האָט כמעט גאָרנישט מער באַדאַרפט, סײַדן אַמאָל אַ יאַיכל מיט אײַנגע־בראָקטס. דאָס פּנימל ר׳ גד גדליהס איז געווען אײַנגעשרומפּן און געל ווי דאָס פּנימל פון אַן עופהלע, בלויז דאָס גראָע אויסגעצופּטע בערדל האָט אים כסדר געציטערט אויף די באַקן. אויגן האָט ער געהאַט — הגם רויט־לעכע און דערצונדענע און שטענדיק באַטרערטע — פונדעסטוועגן האָבן זיי געלויכטן אין ר׳ גד גדליהס פּנימל ווי צוויי אבנים־טובות. טאָמער האָבן זיי עמעצן אָנגעקוקט האָט זיך אויסגעדוכט אַז זיי קוקן אַרײַן אין די טיפענישן פון יענעמס נשמה.

מחמת גרויסער זקנה איז ר׳ גד גדליהן תמיד געווען קאַלט, און ער האָט געפּרירט אַפילו אין די גרעסטע היצן פון ארץ־ישראלדיקן זומער. דעריבער האָט ר׳ גד גדליה סיי זומער און סיי ווינטער תמיד געטראָגן אַ פעלצל. אמת אַן אַלט אויסגעקראָכן פעלצל, אָבער עס האָט אים געוואַרעמט. ר׳ גד גדליה איז, אַחוץ אין מקווה אַריין און אין דרויסן אַרויס צו קידוש־לבנה, כמעט קיינמאָל נישט אַרויסגעגאַנגען מפתח ביתו. זיין איינגעפאַלן זקניש מויל, אַרום וועלכן עס האָט געציטערט דאָס גראָע בערדל, האָט נישט אויפגעהערט צו לערנען, ממש טאָקע בייטאָג און ביינאַכט. אין אַ ספר אַריינקוקן — הגם ר׳ גד גדליה האָט מיט דער גרעסטער מסירת־נפש באַמיט זיך עס צו טאָן — איז אים אָנגעקומען היפּש שווערלעך. די אַלטע אויגן האָבן אים אָנגעהויבן צו שטעכן און די הייליקע אותיות אויף די בלעטער זיינען פאַר אים פאַרשוואומען אין טונקלקייטן. נאָר עס מאַכט נישט אויס. ר׳ גד גדליה האָט געהאַט אַ גאַנצע ספרים־שאַנק אין זיין קאָפּ און אין זיין בלוט. ער האָט געלערנט אויף אויסווייניק סיי נגלה, סיי נסתר.

נאָר איינמאָל אין יאָר צו ל״ג בעומר, אין דער יאָרצייט פון ר׳ שמעון בר יוחאי האָט זיך ר׳ גד גדליה אַרויסגעלאָזט אויפן צפתער אינדרויסן און ער האָט זיך פאַרנומען צו פאָרן קיין מירון צום הייליקן קבר פון בעל־הזוהר.

נאָר ווי אַזוי איז ר׳ גד גדליה געפאָרן?

אין צפת איז געווען אַ פּראָסטער ייד, ר׳ לייבעלע, אויך אַ זקן קרוב שמונים, נאָר אַ גרויסער צדיק און געוואַלדיקער מזג־טוב. אין צפת האָט מען אים חושד געווען אַז ער באַלאַנגט צו די למד־וואָו. ר׳ לייבעלעס עניוות איז געווען אין לשער און מ׳האָט קיינמאָל נישט געזען ר׳ לייבעלען זיך בייזערן, נישט געקוקט אויף זיין זיקנה איז ר׳ לייבעלע געווען אַ נהנה מיגיע כפּיו — שפּיל זיך מיט די למד־וואָוו! — און ער האָט געהאַט זיין אייגנס אַ קליין אייזעלע. מען האָט אים טאַקע גערופן ר׳ לייבעלע אייזל־טרייבער. ר׳ לייבעלעס אייזעלע איז אויך געווען פון די צדקניותדיקע בהמהלעך. מען האָט קיינמאָל דערפון נישט געהערט דאָס פאַרשייטע רעווען, אַדער חס־ושלום מאַכן ווי אַנדערע אייזלען שקאַצישע שטיק מיט אַ זכרישן אייזל. ר׳ לייבעלעס אייזעלע איז געווען אַ נקבה, אַ שטילע

ווי אַ פרומע טויב, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן, מיט אַן עניוותדיקן אַראָפּ־געלאָזטן ווידל און תמיד האָט עס געקוקט אויף דער ערד כדי נישט צו קוקן אויף דער וועלט און נכשל צו ווערן מיט יצר־הרע. וואָרעם אויך שטומע בהמות האָבן זייער יצר־הרע. עס איז געווען אַן אייזעלע אַ קליינס און אויסגעדאַרטס, מיט אַן אויסגעקראַכענע פעל אויף וועלכער מען האָט געקאָנט אויסציילן יעדעס נעבעכדיקע ביינדעלע. דערצו איז עס געווען אַ קנאַפּע עסערקע. אין צפת האָט מען געשמועסט אַז דאָס דאָזיקע אייזעלע איז אַ גלגול פונעם אייזל פון ר׳ פנחס בן יאיר, — אַן אייזל פון וועלכן די גמרא דערציילט אַזוי פיל פרומע שבחים, — און אַז אויך ר׳ לייבעלעס אייזעלע רירט זיך נישט צו צו קיין גערשטן פון וועלכע מען האָט נישט אָפּגעשיידט קיין תרומות ומעשרות.

ל״ג־בעומר היפשלעך פאַר מיטאָג האָט ר׳ לייבעלע צוגעפירט זיין אייזעלע צו דער טיר פון ר׳ גד גדליהן. ר׳ לייבעלע האָט געהאַלטן אין דער האַנט עפּעס אַזוינס ווי אַ הושענא. דאָס האָט געזאָלט זיין די מכלומר־שטע בייטש מיט וועלכער ר׳ לייבעלע טרייבט אונטער דאָס אייזעלע. פאַרשטייט זיך אַז ר׳ לייבעלע האָט נאָך זיין אייזעלע חס ושלום קיינמאָל נישט אָנגערירט מיט דער „בייטש״, צי חלילה דערצו געזעדט אַ הויך וואָרט. זיי זיינען שוין ביידע געווען שוואַכע און אין טיפן עלטער, און ביידע האָבן זיך נישט געהאַט וואָס צו איילן.

יעכנע־שאַשע די „טיקערקע״ פון צפתער מקוה, אַן אַלטע מאַנס־בילישע יידענע אין אַ טיפער קופּקע און מיט אַ היפש גראָ בערדל אויף דער שפּיציקער גאָמבע, ווי אויך ר׳ עוזר, ר׳ גד גדליהס משמש, האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוטראָגן אינדרויסן עטלעכע רויטע צעריסענע און פאַר־פעדערטע קישנס און זיי אָנגעהויבן אויסצולייגן אויף דעם רוקן פון ר׳ לייבעלעס אייזעלע. דאָס אייזעלע איז געשטאַנען אַ הכנעהדיקס, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם ווידל, מיט אַרונטערגעלאָזטע אויערן, און מיט פיל פרומער צניעות געקוקט אויף דער ערד. באַלד האָט מען אַרויסגעפירט ר׳ גד גדליהן. ער האָט געטראָגן אין ליכטיקן הייסן ארץ־ישראלדיקן זומער־טאָג זיין אויסגעקראָכן פעלצל ווי אויך אַ ספּאָדיקל. ר׳ עוזר האָט דעם מקובל גענומען אין דער האַנט אַריין ווי מען נעמט אַ ווינציק נפלע און אים אַריינגעזעצט צווישן די קישנס. דאָס אייזעלע האָט נישט געמאַכט

די מינדסטע תנועה אַז עס שפּירט אויף זיך אַ משא. צי מחמת ר׳ גד גדליהס גוף האָט שוין טאַקע ממש גאָרנישט געוואויגן, צי מחמת דאָס אייזעלע האָט מרגיש געווען אַז עס טראָגט אויף זיך אַ גרויסן מקובל. מען האָט גערירט אין װעג אַריין קיין מירון. אַ רייטנדיקער אויפן אייזעלע האָט ר׳ גד גדליה געזאָגט פון אויסוויינִיק זוהר און „תיקונים״. ר׳ לייבעלע איז געגאַנגען פאַראויס, געהאַלטן די „בייטש״ אין דער האַנט און געזאָגט תהילים. פון הינטן פון אייזעלע איז נאָכגעגאַנגען ר׳ עוזר מיט אַ טעפּל איינגעמאַכטס אין דער האַנט, טאָמער וועט ר׳ גד גדליהן אויפן וועג פאַר־הלשן דאָס האַרץ.

דער וועג צווישן צפת און מירון איז פול געווען מיט יידן וואָס האָבן געצויגן צום קבר פון ר׳ שמעון בר יוחאי. ס׳רוב יידן האָבן געריטן אויף אייזעלעך, אויף פרידות צי גאָר אויף סוסים. ס׳זיינען געווען יידן פון אַלע שבטים אין גאָר דער וועלט, הגם זיי האָבן אַלע געוואוינט אין ירושלים און אין טבריה. ס׳זיינען געווען אשכנזישע יידן אין קירהשע קאַפּעלאָטשן, ספרדים מיט טאַרבושן אויף די קעפּ און אין ווייסע אַראַבישע מאַנטלען, ווי אויך די דראָבנע טונקעלע יידן פון תימן — ס׳רוב נעבעך אָפּגעריסענע קבצנים, מיט גרויסע און הייסע דערשראָקענע אויגן און מיט געקרייזלטע פּיאהקעלעך פון אונטער די צעפליקטע אַראַבישע טאַרבושלעך. ס׳זיינען אויך געריטן ווייבער פון טבריה וואָס האָבן ביי זיך צווישן די קישנס אויפן רוקן פון דעם בהמהלע מיטגעפירט בר־מצווה־ייִנגלעך קיין מירון כדי זיי צומאַרגנס נאָך ל״ג־בעומר אָפּשערן אויפן קבר פון בעל־הזוהר. עס איז אַ סגולה צו אַריכת־ימים און צו תורה. דאָס אייזעלע מיט ר׳ גד גדליהן איז גאָר גאָר פאַמעלעכל געקראָכן צווישן די אַנדערע בהמהלעך אויף וועלכע יידן האָבן געריטן. אַלע האָבן עס אויסגעמיטן מיט גרויס דרך־ארץ, וואָרעם אַלע האָבן געוואוסט אַז דאָ רייט דער גרעסטער צדיק און דער גרעסטער מקובל פון ארץ־ישראל. די זון האָט זיך געזעצט איבער די בערג פון גליל, און ווען ר׳ גד גדליה איז אָנגעקומען קיין מירון איז שוין געווען גוט פינצטער.

ר׳ גד גדליה איז געריטן אין די לינדע מירונער פינצטערנישן וואָס האָבן געווימלט מיט יידן. די ארץ־ישראל־שמערן האָבן געפינקלט אין די הימלען ווי קליינע קאַלטע זונען. ס׳האָבן זיך געהערט הויכע עקסטאַ־

טישע געזאַנגען פון דעם אָרט וואו עס איז געווען דאָס קבר פון ר׳ שמעון בר יוחאי. געזאַנגען אויף ספרדישן, אַשכנזישן און תימנישן לשון־קודש. דער הייליקער נאָמען פון בעל־הזוהר האָט אַרויסגעשריגן פון די אַלע געזאַנגען. אויפן דאַך פון ר׳ שמעון בר יוחאיס „אוהל" האָבן געפלאַקערט אָנגעצונדענע פעסער מיט סמאָלע. די מירונער נאַכט נעבן ר׳ שמעון בר יוחאיס „אוהל" האָט אַ רויט־דערצונדענע פון די פלאַמען אין די פעסער, אָנגענומען דאָס מאַיימדיקע געשטאַלט פון אַן עולם־עליון. יידישע פּנימער האָבן פון איר אַרויסגעלויכטן. די געזאַנגען האָבן זיך געשטאַרקט. ר׳ גד גדליה איז אַריינגעריטן אויף זיין איזעלע אין דער נאַכט, וואָס איז געווען רויט באַלויכטן און פול מיט ניגונים און מיט יידן און יידישע פּנימער. ער האָט גישט אויפגעהערט צו זאָגן זוהר און „תיקונים".

# קאַפּיטל איין און פערציק

ווין. אין סאַראַיעוואָ דערשיסט מען דעם קירהשן קרוינפּרינץ. איך גיי כאַפּן אַ קוק אויפן מלכות של חסד. ווין הילט זיך איין אין שוואַרצע פאַנען און דאָס זאָגט נישט קיין גוטס. פלוימען איז געגוג.

אין די איינזאַמקייטן פון די ענגאַדינער בערג. עס איז נישט מער ווי אַ דיפּלאָמאַטישער מאַנעוור. דער כאַאָס פון דער וועלט ליגט אינעווייניק אינעם מענטש, ער ליגט אין געשטאַלט פון אַ בלוטיקע מאוימדיקע חיה — איר נאָמען הייסט מ אַ כ ט.

נאָכדעם ווי איך בין געווען ביי אַן אַכט חדשים אין ארץ־ישראל, בין איך צוריק געפאָרן קיין אייראָפּע. איך בין פון חיפה געפאָרן מיט אַ שיף קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און פון דאָרט מיט דער באַן איבער די באַלקאַן־לענדער קיין ווין. צומאָרגנס אין דעם צווייטן טאָג ווען איך בין געווען אין ווין און בין אַרויס אויף דער גאַס האָב איך געלייענט אין אַ מאָרגן־ציימונג אַ טעלעגראַמע געדרוקט מיט פעטע אותיות אַז אין סאַראַיעוואָ האָט אַ סערב דערשאָסן אויף טויט דעם עסטרייכישן קרוינפּרינץ.

איך האָב די דאָזיקע ידיעה גלייכגילטיק געלייענט צווישן אַנדערע ידיעות. זי איז מיר באַלד כמעט אַרויס פון קאָפּ.

נאָכמיטאָג האָט מען אין האָטעל דערציילט אַז צוליב דעם טויט פון קרוינפּרינץ וועט דער קייסער פראַנץ יאָזעף איבעררייסן אויף עטלעכע טעג זיין זומער־אויפהאַלט אין אישל און וועט קומען קיין ווין. ער וועט טאָקע פאַרבייפאָרן אונדזער האָטעל.

צו זען דעם קייסער פראַנץ יאָזעף איז מיר דווקא יאָ געווען טשיקאַווע. פון קינדווייז אָן האָב איך מיך אָנגעהערט פון אים אַז ער איז דער אמתער מלך של חסד און האָט ליב יידן אַהבת־נפש. פאַר אַ קירהשן ייד איז מען חיות גישט זיכער געווען צו וואָרפן אויפן קייסער פראַנץ יאָזעף דאָס מינדסטע שפּרינקעלע. דער ייד האָט זיך באַלד צעבייזערט אויף דייטש־מעריש. דערצו איז דער קייסער פראַנץ יאָזעף געזעסן אויף זיין כסא־מלוכה אַ קיימאַ־לן פון אַ וועלט מיט יאָרן.

פונקט צוועלף בייטאָג איז דאָס קירהשע מלכות של חסד פאַרביי־

געפאָרן פאַר אונדזער האָטעל. אין אַ רחבותדיקער קאַטש געשפּאַנט אין אַ פּאָר פֿייערדיקע ווייסע סוסים איז געפאָרן אַן אַלט ווינציק פאַרשווינדל מיט גראָע באַקן־בערד, און מיט עפּעס אַן אויסטערליש מיצל אויפֿן קאָפּ, אַ מיצל מיט קאָקאַרדעס. דאָס איז דער מלך של חסד! עטלעכע גויים האָבן אַרונטערגענומען די היטלען. עטלעכע קירהשע יידן האָבן אַרונ־טערגענומען די קאַפּעלאַטשן, געבליבן שטיין אינמיטן גאַס אין די יאַר־מולקעס און הויך געמאַכט אַ ברכה איבערן אַלטן קייסער.

אין אַ שעה נאָכדעם ווי דער קייסער איז פאַרבייגעפאָרן אונדזער האָטעל האָט זיך די גאַנצע שטאָט ווין מיט אַמאָל איינגעהילט אין שוואַר־צע פאָנען.

אינעם רואיקן אייראָפּע איז מען דעמאָלט נישט געוואוינט געווען צו אַזעלכע שטאַרקע געמיט־אויפטרייסלונגען. אַלע זיינען מיט אַמאָל גע־וואָרן פאַרמרה־שחורהט. ווין האָט אויסגעקוקט צו זיין אַ שוואַרצע טרויער־שטאָט. אפשר האָבן מענטשן עפּעס ווי אינסטינקטיוו געפילט אַז פון די תהומות פון דער וועלט פאַכעט דאָס שיקזאַל, דראָענדיק מיט שוואַרצע פאָנען. אָבער סוף־כל־סוף האָט עס קיינער נישט גענומען צו ערנסט. ווין האָט זיך באַלד באַרואיקט.

פון ווין בין איך געפאָרן קיין שווייץ. אויפן גאַנצן וועג האָבן איבער אַלע הייזער געפלאַטערט שוואַרצע פאָנען. מען האָט זיך צו זיי צוגעוואוינט און מער זיי נישט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט. אינעם קופּע פונעם וואַגאָן האָבן די עסטרייכער געשמועסט אַז מען דאַרף די סערבן צו באַ־שטראָפן און אויף אַ הודש צייט ביי זיי אויפהערן קויפן פלוימען און חזירים. זאָל דאָס דאָזיקע קליינע מלוכהלע וויסן וואָס סע הייסט אַזוינס זיך צו פאַרטשעפּען מיטן גרויסן עסטרייך. געלאַסענערע פאַטריאָטן האָבן גע־מיינט, אַז נישט קויפן אַ חודש אי פלוימען און אי חזירים איז צו אַ האַרבע שטראָף. פלוימען אַליין איז גענוג.

ווען איך בין אַריבערגעפאָרן די שווייצאַרישע גרענעץ און אויפ־געהערט צו זען די שוואַרצע פאָנען בין איך געווען צופרידן. איך האָב אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס. נאָר זיי האָבן מיך געשראָקן.

איך בין אָוועקגעפאָרן קיין סט. מאָריץ אין ענגאַדין. ס׳איז איינס פון די העכסטע און ווילדסטע געגנטן צווישן די שווייצאַרישע אַלפּן. הויכע

פעלזיקע בערג מיט טיפע און שמאָלע טאָלן. אַ געגנט פול מיט אייז־און־שניי־בערג. בערג־לאַנדשאַפטן וואָס רייסן זיך אַריין אין די הימלען. עס רעווען אין זיי שטראָמיקע וואַסערפאַלן און אין זייערע איינזאַמקייטן קלינגען וואו נישט וואו די גלעקלעך פון שאָף און קי. די לופט איז דאָרט אַ קילע און אַפילו אינמיטן זומער פאַלן אָפט גערדיכטע שנייען. אַ געגנט, הגם זי איז אינמיטן האַרץ פון אייראָפּע, פונדעסטוועגן קוקט זי אויס צו שטעלן אַ האַרטנעקיקן ווידערשטאַנד קעגן יעדער מענטשלעכער קולטור. די נאַטור האָט דאָ געוואָלט פאַרבלייבן כמעט ווי אין איר אורשפּרונגלעכן צושטאַנד.

כ׳בין אַ סך אַרומגעגאַנגען אין די ענגאַדינער בערג און טאָלן. ווען כ׳בין אַהיים געקומען אין פּענסיאָנאַט און גענומען אַ בלאַט־צייטונג אין דער האַנט האָט זיך מ׳ר אויסגעדוכט, אַז די וועלט רעדט צו מיר ערגעץ פון ווייטע, ווייטע מרחקים. עס האָט זיך גאַרנישט אַריינגעפּאַסט אין די לאַנדשאַפטן פון ענגאַדין. אָבער צווישן אַנדערע ידיעות האָבן די צייטונגען נישט אויפגעהערט צו דערציילן וועגן דער מעשה מיטן דערשאָסענעם קרוינפּרינץ. מען האָט באַשיימפּערלעך געפילט, אַז די לופט אונטן איז פול מיט סכנות פון אַ וועלט־מלחמה.

די קליגערע און עלטערע מענטשן אין אונדזער פּענסיאָנאַט האָבן כסדר געטענהט אַז עס איז נישט מיגלעך. וואָס הייסט אַ מלחמה אינמיטן דעם האַרץ פון אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע? עס איז נישט מער ווי אַ דיפּלאָמאַטישער מאַנעווער אין די גרויסע קאַבינעטן אין אייראָפּע. ווען ס׳זאָל טאַקע קומען צו עפּעס וועט מען דאָרט קליגער ווערן.

איך בין ווידער אַרומגעגאַנגען אין די בערג, צוגעהערט דאָס רוישן פון וואַסער אין די פעלזן און דאָס קלינגען פון איינזאַמע קי. אין די הימלען אַריין האָבן זיך געריסן די מעכטיקע בערג־שפּיצן און די שניי־פעלדער האָבן געגלאַנצט אין די קילע זוניקע בלויקייטן.

די צייטונגען אונטן האָבן כסדר געשריבן מיט וואָס אַמאָל גרעסערער מרה־שחורה. די קלוגע מענטשן אין אונדזער פּענסיאָנאַט האָבן כסדר נישט אויפגעהערט צו טענהן אַז עס איז נישט מער ווי אַ טעאַטער־שפּיל פון דיפּלאָמאַטן, און עס וועט זיך אויסלאָזן בכי־טוב.

אין די איינזאַמקייטן פון די בערג, אין וועלכע איך האָב איצטער

געלעבט איז שרעקעוודיקער און פינצטערער געוואָרן אין מיין געמיט. דער כאָאָס פון דער וועלט וואָס ליגט אינעווייניק אינעם מענטש אין געשטאַלט פון אַ בלוטיקע מאַוויימדיקע חיה און איר נאָמען איז מאַכט — זי האָט אַ ברום אַרויסגעגעבן פון אַלע טיפענישן.

דעם ערשטן אויגוסט 1914 האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה.

ניו־יאָרק, אויגוסט 1947

# ווערק פון י. י. טרונק

פון דער נאַטור. נאָוועלן. (פאַרלאַג גיטלין, וואַרשע).

פייגנבוימער און אַנדערע דערציילונגען (פאַרלאַג „די צייט", וואַרשע).

מידע. נאָוועלן. (פאַרלאַג פנחס גראַובאַרד, וואַרשע).

אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור. (פאַרלאַג „קולטור-ליגע", וואַרשע).

צווישן ווילן און אָנמעכטיקייט (ה. ד. נאָמבערג). (פאַרלאַג „קולטור-ליגע", וואַרשע).

יאָזעפוס פלאַוויוס פון ירושלים און אַנדערע היסטאָרישע נאָוועלן. (פאַרלאַג „קולטור-ליגע", וואַרשע).

יידישע קולטור-פּראָגן און דער סאָציאַליזם. (פאַרלאַג „קולטור-ליגע", וואַרשע).

נאָענט און פרעמד. עסייס. (פאַרלאַג „קולטור-ליגע", וואַרשע).

שלום עליכם (זיין וועזן און זיינע ווערק). (פאַרלאַג „קולטור-ליגע", וואַרשע).

וועלט חשבון (פּראָזע און לידער וועגן דער וועלט).

סאָציאַליסטישע אימפּרעסיעס. (פאַרלאַג „קולטור-ליגע", וואַרשע).

טביה און מנחם-מענדל אין יידישן וועלט-גורל. (פאַרלאַג „ציקאָ", ניו-יאָרק).

בלעטער אויפן ווינט. לידער. (אַרויסגעגעבן פון יהואש-ברענטש 521, אַרבעטער רינג, ניו-יאָרק).

פוילן (זכרונות און בילדער). ערשט בוך. (פאַרלאַג מעדעם-קלוב, ניו-יאָרק).

פוילן (זכרונות און בילדער). צווייט בוך. (פאַרלאַג „אונזער צייט", ניו-יאָרק).

פוילן (זכרונות און בילדער). דריט בוך. (פאַרלאַג „אונזער צייט", ניו-יאָרק).

# פארלאג „אונזער צייט"

י. י. טרונק

## פוילן

ערשטער באַנד (דריטע אויפלאַגע), 252 זייטן

פרייז — $2.00

צווייטער באַנד, 318 זייטן

פרייז — $2.50

דריטער באַנד, 288 זייטן

פרייז — $2.50

פערטער באַנד, 304 זייטן

פרייז — $3.00

פינפטער באַנד, 310 זייטן

פרייז — $3.00

•

י. ש. הערץ

## די געשיכטע פון אַ יוגנט

592 זייטן טעקסט, 48 זייטן בילדער; פרייז — $3.50

•

לייבעטשקע בערמאַן

## אין לויף פון יאָרן

(צווייטע אויפלאַגע — אויספאַרקויפט)

386 זייטן טעקסט, 38 בילדער; פרייז — $2.50

•

## זיגעלבוים־בוך

408 זייטן טעקסט, 9 זייטן בילדער; פרייז — $3.00

•

בערנאַרד גאָלדשטיין

## פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ

500 זייטן טעקסט, 24 זייטן בילדער ; פרייז — $3.50

•

## אַ ר ק אַ ד י

436 זייטן טעקסט, 11 זייטן בילדער; פרייז — $2.00

•

## וו ל אַ ד י מ י ר מ ע ד ע ם

367 זייטן טעקסט, 6 זייטן בילדער; פרייז — $2.00

•

ד״ר רפאל מאַהלער　　א. מענעס
ד״ר יעקב שאַצקי　　וויקטאָר שולמאַן

## ד י י י ד ן א י ן פ ו י ל ן

920 שפּאַלטן, (פון גרויסן פאָרמאַט); פרייז — $5.00

•

## אין די יאָרן פון יידישן חורבן —
## די שטים פון אונטערערדישן „בונד“

342 זייטן טעקסט, 6 זייטן בילדער; פרייז — $3.00

•

י. ש. הערץ

## די יידן אין אוקראַינע

(פון די עלטסטע צייטן ביז נאָך ת״ח ות״ט)

264 זייטן; פרייז — $3.00

•

## ש ל מ ה מ ע נ ד ע ל ס אָ ן

494 זייטן טעקסט, 6 זייטן בילדער; פרייז — $3.50

•

באַשטעלונגען אַדרעסירן צו:

FARLAG "UNSER TSAIT"

175 East Broadway, Room 401, New York 2, N.Y., U.S.A.